צום 40-יעהריגען יובילעאום

פונ׳ם

משארטקאווער שפירא-פאריין

1932-1892

1932 1892

יובילעאום - בוך

לכבוד דער פערציג-יעהריגער עקזיסטענץ

פונ'ם

טשאָרטקאָווער שפירא - פּאַראיין

אין ניו יאָרק

דעם 3טען יאַנואַר 1932

רעדאקטירט אונטער דער לייטונג

פון

גרשם באדער

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2026

אינהאַלט

זייט

פון דער רעדאַקציע — 6
באַגריסונג פונ׳ם פּרעזידענט — 8
אַ בלעטעל זכרונות, פון דר. בערנאַרד הויזנער — 11
פון לאַנגסטיג פאַרגאַנגענע טעג, פון גרשם באַדער — 17
באַגריסונג פון יצחק יוסף בן פּתחיה ראָזענבלאַט — 23
באַגריסונג פונ׳ם רעקאָרדינג סעקרעטער סעם לאַנדע — 26
וואָס ליטווין דענקט וועגן טשאַרטקאָוו, פונ׳ם בוך „אידישע נשמות“ — 27
אַ באַגריסונג פון אַ מעמבער פון דער אַראַנדזשמ. קאָמיטע ראובן בראַנדע 30
דברים אחדים לזכרון, זכריא לאנדא ושאול פרענקעל — 31
אַ היסטאָרישער דאָקומענט וועגן טשאַרטקאָוו — 35
ר׳ ישעיה מאיר שפּירא, פון א. ליטווין — 44
שמחה רינטעל ע״ה, פון א. פריינד — 49
טשאָרטקאָווער שעהנע טיפּען פון דער געגענוואַרט, פון בית גימל — 51
באַגריסונג פון עקס־פּרעז. און אַ מעמבער פון אר. קאָמ. יחזקאל רינטעל 53
אַ באַגריסונג פון עקס פּרעז. ל. לאַנדע — 54
ספר התקנות של החברה פועלי צדק — 57
אַ היסטאָרישער דאָקומענט — 63
אידישעס אַרבייטער־לעבען, פון א. ליטווין — 71
באַגריסונג פון עקס־פּרעזידענט דוד האסס — 78
פון דער ניט־לאַנגער פאַרגאַנגענהייט אין טשאָרטקאָוו, א. טשאָרטקאָווער 79
דער לעצטער „שאַפּירניק“, פון א. טרעסקי — 87
באַגריסונג פון וו. ראָטה, עקס־פינאַנץ סעקרעטאַר — 89
דער „פּנקס“ פו טשאָרטקאָווער קהל, פון יאנקעל גאָלדבערג — 91
אַ רב וואָס מען טאָר זיין נאָמען נישט דערמאַנען, פון א. ליטווין — 99
דער י״ל פּרץ פאַראיין, פון א. טרעמבאָוועלסקי — 101
דריי איבערגעגעבענע „שאַפּירניקעס“, פון יאנקעל גאָלדבערג — 113
אַ רעוואָלוציע פון טויטע און לעבעדיגע ווייבער, פון א. ליטווין — 115
טשאָרטקאָווער טיפּען פון פאַרגאַנגענעם דור, פון אלעף טעס — 119
דער לאַשקאָוויצער דבוק, פון א. ליטווין — 135
דער טשאָרטקאָווער פּרץ־פאַראיין בעט שטיצע — 141
יאַקאָב ביקל, פון א. ליטווין — 144
ר׳ יהושע׳לע פרעמינגער, פון אן אנהענגער — 149
מענדיל פידלער, פון א. ליטווין — 153
טשאָרטקאָוו אַ קולטור צענטער, פון דר. א. קון־שחטר — 157
פון טשאָרטקאָוו ביז ניו יאָרק, פון יצחק יוסף בן כתכיה ראָזענבלאַט — 169



הרב הגאון ר׳ ישעיה מאיר שפירא

CHRONOLOGY OF THE LIFE OF RABBI SHAPIRA

SHAPIRA, ISAIAH MEIR KAHANA

POLISH-GERMAN rabbi and author; born in Memel, Prussia, July 28, 1828; died in Czortkow, Galicia, Dec. 21, 1885. He is said to have been familiar at the age of thirteen with all the "Sedarim" of both Talmudim and with a part of the "poskim." About 1845 he studied philosophy, mathematics and astronomy, and as early as 1848 he wrote on ethics for different journals. Shapira engaged in business as a merchant; but a fire destroyed all his belongings, and he was compelled to accept the rabbinate of Czortkow. Before assuming office, however, he went to Lemberg to train himself in the necessary secular studies. He studied philosophy, ethics, and theology in the academy there fore nine months and was installed as rabbi in 1860. After two years a quarrel broke out between the two Hasidic sects in the town. Shapira, interposing to make peace, the brunt of the dissension was turned against him and his inclination to secular education; and he was for a time even deprived of his livelihood. Peace was, however, soon restored. The last ten years of his life Shapira spent in retirement.

Besides numerous contributions to different Hebrew periodicals, he wrote "Hatikvah, Reshit le Yamim" on chronology and the calendar, in opposition to H. S. Slonimsky; and "Sefer Zikkaron" on the oral law, written in the form of a dialogue.



ר' מיכל פישער נ"י
באַגריסט די שאפּירא פּאראיין
צו איהר פערציג יעריגען-יובילעאום.

פון דער רעדאקציע

דאָס אַמעריקאַנער **טשארטקאָוו** איז היינט דורך דיזען בוך פאראייניגט מ'ט יענעם טשארטקאוו פון יענער זייט ים. די, וואָס דער גורל זייערער האָט זיי פארטראָגען איבער'ן גרויסען אָקעאַן, אויסצובויען פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער אַ נייע היים אין דער גרויסער פרייער אַמעריקא, פיהלען זיך היינט פארקניפּעלט און פארבונדען צו יענע ברידער, וואָס זיינען דאָרט איבערגעבליבען, אָפּצוהיטען די אַלטע טשאָרטקאָווער טראדיציעס, וועלכע מיר האָבען דאָ נישט געקענט אָפּהיטען.

אויפגעוואקסען אינ'ם גייסט פון אונזער גרויסען ציוויליזאטאָרישען קעמפּער, הרב הגאון המפורסם מו"ה **ישעיה מאיר כהנא שפירא ז"ל**, איז אונז דאָ אין אַמעריקא פאַרבליבען בלויז דער נאָמען פון אונזער רב, וועלכען מ'ר טראָגען שוין זייט **פערציג יאָהר** און ער האָט אונז שטענדיג באַליכט דעם וועג פון אונזער לעבען, ווי דער „עמוד אש" האָט געלייכט פאַר אונזערע עלטערען אויף זייער וואנדער-וועג פון מצרים.

בלויז יענע דאָרט אין דער אַלטער היים האָבען געקענט פאָרטזעצען די אַרבייט פון אונזער גרויסען באַנער-טרעגער און זיי האָבען זי אויך אויף אַ ווירדיגען אופן פאָרטגעזעצט — און ווען מיר באַגריסען דאָ היינט אונזערע אייגענע מעמבערס, וואָס זיינען געקומען זיך משמח זיין לכבוד אונזער יובילעאום, און מיר דריקען די האַנד פון יעדען באַזונדער, שיקען מיר אונזערע און אייערע גרוסען צו די מענשען אין אונזער אַלטער היים און מיר עמפּפאַנגען אויך גלייכצייטיג זייערע גרוסען.

מיט אַ ברידערליכען „הענד-שעיק",

דאָס רעדאַקציאָנס-קאָמיטע פונ'ם יובילעאום-בוך.

MARCUS RINTEL
President

באַגריסונג פונ'ם פרעזידענט

צום פערציג־יעהריגען יובילעאום פון אונזער טשאַרטקאָווער ר' ישעיה מאיר שפירא פאַראיין, איז דאָס האַרץ אזוי פול און די פעדער אזוי קורץ, צו קענען איבערגעבען דעם קלענסטען טייל פון די געפיהלען.

בלויז דער נאָמען ט ש א ר ט ק אָ ו ו איז גענוג פאַר מיר, עס זאָל אַרויסרופען אַ ים מיט עראינערונגען. דאָרט בין איך געבוירען און אויפ־געצויגען, אפילו נישט ביי רייכע עלטערען, וועלכע זיינען אָבער געווען עהרליכע מענשען, נישט אין גרויסע סאלאָנען, נור אין אַ קליין שטיבעלע און אין אַ גאַס, וואָס רופט זיך אין טשאָרטקאָוו די „אונטער־גאַס". פון דעסטוועגן בענקט זיך זעהר שטאַרק נאָך יענעם קליינעם שטיבעלע מיט די צוויי קליינע פענסטערלעך צו מזרח וואָס אקעגען דעם בארג, וועלכער האָט ווי פאַר־כשוף'ט אַרונטערגעקוקט מיט זיינע וואונדערבאַרע גערטנער און פאַרשמעקט די לופט פון דער גאַנצער סביבה. און וויפיל בענקט זיך נאָכ'ן סערעט מיט זיינע פאַרגעניגונגען, וואָס ער האָט אונז פאַרשאַפט, ווען מיר האָבען זיך געבאָדען אין איהם אום זומער און געגליטשט אויף זיין אייז אום ווינטער.

עס פאַרשטעהט זיך אויך, אַז עס מוז זיך דאָ שטאַרק בענקען נאָך יענע פרעהליכע שבתים און ספּעציעל נאָך די פרייטאָג־צו־נאַכטסען, וואו פון די שבת'דיג באַלויכטענע פענסטער האָבען זיך געהערט די הערליכע מעלאָדישע „זמירות" פון די דאָרטיגע האָרעפּאשנע אידען, וועלכע האָבען דאַן אויסגע־זעהען ווי פּרינצען און עס האָט זיך נישט אויף זיי דערקענט קיין שום צייכען פון זייער וואָכעדיגער שווערער אַרבייט.

צו־פריה האָב איך געמוזט מיין היימשטאָדט פאַרלאָזען, קוים זעכצען יאָהר אַלט געווען, און וואנדערנדיג איבער פאַרשידענע שטעדט און לענדער, ביז איך בין אָנגעקומען קיין אמעריקא, איז מען מיר נישט אין ערגיץ אקעגען־געקומען מיט מוזיק און מען האָט אויך נישט געמאַכט קיין פאַראַדען ביי מיין אָנקומען. איך האָב דאָ אָבער געטראָפען אַ וואַרים ברודער־האַרץ, וועלכעס האָט מיר געגעבען מוטה און כח צום לעבען ביז היינט.

שבת, דעם 7־טען נאָוועמבער 1902 בין איך אָנגעקומען צו מיין ברודער אין הויז אין 139 דילענסי סטריט, האָב איך דאָרט געטראָפען פיעלע לאַנדס־

לייט און פריינדע, וועלכע האָבען מיך ערוואַרטעט און פריינדשאַפטליך באַגריסט. דאָס זיינען דאַמאָלס געווען די אַמאָליגע „שאַפּירניקעס" פון טשאַרטקאָוו, וועלכע האָבען פאָרטגעזעצט די גוטע ארבייט פון זייער רבי'ן אויפ'ן אַמעריקאַנער באָדען, האָט מען מיר דאַן דערצעהלט, אַז עס איז דאָ פאַרהאַנען אַ פאַראיין אויפ'ן נאָמען פון ר' ישעיה מאיר שפּירא. שפּעטער בין איך געקומען צו זייערער אַ פאַרזאַמלונג און איך בין פּשוט ענטציקט געוואָרען פון זייער גוטער אַרבייט, אַם מעהרסטען איז מיר געפעלען געוואָרען די געגענזייטיגע הילף, וואָס דער פאַראיין גיט צו זיינע ברידער, און נאָך מעהר איז מיר געפעלען, וואָס מען פאַרגעסט נישט די אַלטע היים.

באַלד ווי איך בין געוואָרען אַ מיטגליד פונ'ם פאַראיין, בין איך אויך געװאָרען אַקטיוו און איך האָב אַנטייל גענומען אין אַלע טעטיקייטען, ביז מען האָט מיך אויסגעקליבען צו אַן אַמט, און אַזוי ווי איך האָב יעדעס אַמט אינ'ם פאַראיין פאַרטרעטען מיט'ן פולסטען ערנסט פון מיין יכולת, איז מיר צוגעטיילט געוואָרען דער גרויסער כבוד, איך זאָל זיין פּרעזידענט גראָד דעם יאָהר, וואָס מיר פייערען אונזער פערציג-יעהריגען יובילעאום.

האָב איך נישט גענוג ווערטער, אויסצודריקען מיין דאַנקבאַרקייט פאַר דעם דאָזיגען כבוד, וואָס איך בין געוואָרען פּרעזידענט פון אַ פאַראיין, וועלכער טראָגט אויף זיין פירמאַ אַזעלכע צוויי טייערע נעמען ווי מיין געבורטסשטאָדט טשאָרטקאָוו און דעם נאָמען פון אונזער גרויסען לעהרער הרב הגאון ר' ישעיה מאיר שפּירא זצ"ל.

באַגריס איך אייך אַלעמען יעצט אין דער דאָזיגער פייערליכער שעה און איך ווינש אונז אַלעמען, מיר זאָלען דערלעבען פייערען דעם 70-יעהריגען יובילעאום פון אונזער פאַראיין.

מיט אַ הארציגען ברודער-גרוס,

מרדכי רינטעל, פּרעזידענט.

דר. בערנארד הויזנער

מיט זיין פאמיליע

אַ בלעטעל זכרונות

וועגען הרב הגאון ר' ישעיה מאיר שפּירא ז"ל

פון דר. בערנארד הויזנער
אַטאַשעה ביים פּוילישען גענעראל-קאָנסולאט אין ארץ ישראל

מיין ליעבער חבר רינטעל!

איך דאַנק דיר בעסטענס פאר דיין בריעף, מיט וועלכען דו האָסט מיר געמאַכט אַן אמת'ע פרייד, ווייל ער האָט מיך דערמאָנט אַלטע צייטען, ווען מיר האָבען אינאיינעם געלערענט און אינאיינעם גע'חלום'ט, וואָס מיר וועלען אַמאָל אויפטהון אויף דער וועלט. אָט דאַכט זיך, אַז דאָס אַלעס איז ערשט נעכטען געווען און אָט ליגט עס פון אונז אַזוי ווייט און עס קעהר זיך שוין נישט מעהר אָן מיט אונז אַליין, ווייל עס איז בלויז אַ שטיק געשיכטע.

מיר האָבען זיך געזעהען, איידער דו ביזט אַוועק קיין אַמעריקא און אונזערע וועגען האָבען זיך צושיידט אין פאַרשידענע ריכטונגען. איך בין געוואָרען פּראָפעסאָר אין אַ לעמבערגער גימנאַזיום און איך האָב אויפגעצויגען אַ גאַנץ דור פון תלמידים. אין דער צייט פון דער מלחמה האָב איך פאַרבראַכט דריי יאָהר אויף דעם פראָנט. דערנאָך, ווען איך בין פון דער מלחמה צוריק-געקומען, האָב איך געמוזט פיהרען עטליכע קהל'שע אינסטיטוציעס, וואָס האָבען הויפּטזעכליך געהאַט אַ קולטורעלע אויפגאַבע. אין 1922 בין איך ערוועהלט געוואָרען אין אונזער היימשטאָדט צום פּוילישען סיים, אין וועלכען איך בין חלילה נישט געזעסען מיט פאַרלייגטע הענד. צוזאַמען מיט אַנדערע אידישע דעפּוטאַטען זיינען מיר טאָג און נאַכט געשטאַנען אויף דער וואַך פון די אידישע אינטערעסען און מיר האָבען געהאַט אָנצופיהרען שווערע קעמפע וועגען „נומערוס קלאָוזוס", וועגען די „קאָנצעסיעס", וועגען אַ „שחיטה-פאַרבאָט" און נאָך וועגען צעהנדליגער אַנדערע קלענערע און גרעסערע גזרות, וואָס מיר האָבען געדאַרפט אָפּשרייען.

זייט פיער יאָהר זיץ איך אין ארץ-ישראל, וואו איך באַקלייד דאָס אַמט פון אַ פּוילישען האַנדעלס-ראַט אין תל-אביב.

מיין פאָטער ז"ל איז געשטאָרבען אין 1911 און אויך מיין ברודער ה ל ל לעבט נישט מעהר. ער איז געשטאָרבען אין ארץ-ישראל. דו גע-



דר. בערנאַרד הויזנער

דענקסט זיכער, אין וואָסערע גוטע פאַרהעלטניסע ער האָט אין דערהיים געלעבט, האָט ער אַלעס איבערגעלאָזען און איז געקומען קיין ארץ ישראל, און נאָכדעם ווי ער האָט דאָ זיין גאַנץ געלד פאַרלוירען, האָט ער זיך געקויפט אַ פּאָר פערד און ער איז געוואָרען אַ בעל־עגלה, וואָס האָט געפיהרט זאַמד פאַר דער סיליקאַט־פאַבריק. זיין אידעאַל האָט ער אויך שפּעטער דער־גרייכט, ווען ער האָט געגרינדעט די קאָלאָניע חיטין, וואו ער איז כמעט ביים פּלוג, אין מיטען דער אַרבייט אויף דער הייליגער ערד, געשטאָרבען.

און מכח די זכרונות מיינע וועגען ה ר ב ר' י ש ע י ה מ א י ר ש פּ י ר א זצ"ל, ווייסטו דאָך, אַז מיינע ברידער הלל און יואל זיינען געוועזען די בעסטע תלמידים פון ר' ישעיה מאיר שפּירא. דער רב איז געוועזען דאָס טעגליכע געשפּרעך ביי אונז אין הויז, פון אין דער פריה ביז נאַכט האָט מען נור פון איהם גערעדט. אַזוי האָט מען ביי אונז אין הויז כסדר געהערט: „דער רב האָט געזאָגט, דער רב האָט געהייסען, דער רב מיינט!" און אזוי כסדר.



ירמיהו הויזנער

זוהן פון דר. בערנארד הויזנער

מיין פאָטער איז געווען אַ „מתנגד“, און נאָך וואָס פאַר אַ „מתנגד“, און מיין מוטער ע״ה האָט דערפון געליטען, זי האָט געשטאַמט פון אַ חסידישער גזע, האָט זי געקרענקט, וואָס דער טאַטע איז אַ מתנגד. אָפטמאָל פלעגט זי דעם פאָטער מיינעם בעטען, ער זאָל זיך וויינינגער אינטערעסירען פאַר קהל׳שע ענינים. איז דאָס אָבער געווען אומזיסט. דער הויף פונ׳ם טשאָרטקאָווער רבי׳ן און דאָס הויז פונ׳ם רב, ר׳ ישעיה מאיר שפּירא, זיינען איהם געלעגען אין זינען מעהר ווי אַלע זיינע פּערזענליכע געשעפטען.

ער איז געווען אַ „שאַפּירניק“ מיט׳ן פולען מויל. דאָס גאַנצע פאַרמעגען זיינס אין ליעבע און אין אַכטונג האָט ער אַוועקגעגעבען צום רב, צו ר׳ ישעיה מאיר. און וויפיל האַס און פאַראַכטונג אַ מענש קען האָבען, האָט ער באַוויזען צו די געגנער פונ׳ם רב, פון ר׳ ישעיה מאיר שפּירא.

מיינע שוועסטער האָבען געהאַלטען מיט דער מוטער. אָבער מיר ברידער האָבען געהאַלטען מיט׳ן פאָטער. פאַרשטעהט זיך, אַז איך האָב נאָכגע־

טאַנצט מיינע עלטערע ברידער און איך בין געווען דער גרעסטער אָנהענגער פונ׳ם רב, גלייך ווי מיין פאָטער.

דר רב, ר׳ ישעיה מאיר ז״ל, לעבט אויך פריש אין מיין זכרון. נישט גרויס פון שטאטור מיט א הערליך פנים, תמיד מיט א שמייכעל אויף די ליפּען און א פריינדליכע מינע. אזוי איז אויך געווען די פרוי זיינע, די רביצין, אַן אמת׳דיגע שטילע צדקת.

ווען דער רב האָט געלעבט, בין איך נאָך געווען צו קליין און יונג, איך זאָל קענען באַזוכען דעם חדר פונ׳ם רב. איך פלעג אָבער קומען מיט איהם אין פאַרבינדונג צו יעדען יום־טוב, צו א חנוכה אָדער א פורים, ווען איך פלעג זיין דער בריעפטרעגער פון מיין פאָטער און איך פלעג אריבערברענגען צום רב א גרוס פון מיין פאָטער מיט זיין מתנה לכבוד יום־טוב. מיין פרייד איז אויך דאַמאָלס געווען פשוט אָהן א גרעניץ, ווען איך האָב געקראָגען די געלעגענהייט, צו זיין א גאַסט ביים רב אין הויז און דער רב האָט דאַן מיט מיר פערזענליך גערעדט.

פאַר אייביגע צייטען איז מיר אויך געבליבען אין מיין עראינערונג א פאַקט, וועלכער איז מיט א יאָהר 50 צוריק פאָרגעקומען. הרב שפירא איז געווען א גרויסער פאַרעהרער פון פשוט׳ער אַרבייט. זיין לאָזונג איז תמיד געווען „אהב את המלאכה“. האָט ער דאַן אָרגאַניזירט די „יד חרוצים“ אין טשאַרטקאָוו און ער האָט אויך אויסגעבויעט פאַר זייערטוועגען א שוהל. געדענק איך דעם „חנוכת הבית“ פון דער דאָזיגער שוהל. קליין און גרויס, יונג און אַלט, אַלעס האָט געטאַנצט פון שמחה און זיך געפרעהט. און ביי די נעגנער פון הרב שפירא איז דאַמאָלס געווען א טאָג פון טרויער. די שנאה פוןביידע לאַגערען איז אויך געווען אַזאַ שרעקליכע, אַז זי האָט זיך אָפטמאָל אַנטוויקעלט ביז קלעפּ.

אָבער דער זאָמען, וואָס הרב שפירא האָט ביי אונז געזייעט, איז נישט פאַרלוירען געגאַנגען. לאַנגזאם איז טשאָרטקאָוו אויסגעוואָקסען צו׳ן א צענטער פון בילדונג, וועלכע האָט זיך פון דאָרט אוים פאַרשפּרייט איבער אַלע שטעדטלאַך פון ארום. ווי אַן אמת׳ער פּיאָניר האָט הרב שפירא געקעמפט און געליטען. יעדער שריט איז איהם אָנגעקומען מיט מסירת־נפש. די געגנער האָבען איהם פאַרפאָלגט עד חרמה. טראָצדעם וואָס יעדער האָט געוואוסט, אַז עס איז א ליגען, האָט מען אויף איהם פאַרשיעדענע בלבולים אויסגעטראַכט. די גרויזאַמקייט פון די רדיפות איז דאַן געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט איהם אַמאָל אין א פרייטאָג פאַר נאַכט אַרויסגעוואָרפען פון דער קהל׳שער שטוב און מען האָט איהם געלאָזט ליגען אויף דער גאַס.

האָט דאַן איינער פונ׳ם רב׳ס אנהענגער, חיים וואלאך, דעם רב אריינ־

גענומען צו זיך אין הויז און געמיינזאם מיט איהם געטיילט די דירה. אָבער אויך דאָס האָט נישט געבראָכען דעם קעמפּפערישען גייסט פונ׳ם רב שפּירא. ער וואָלט געקענט האָבען עשירות און כבוד, ווען ער וואָלט זיך געוועזן אָפּגע־זאָגט פון זיינע קעמפּע. האָט ער דאָס אָבער קיינמאָל נישט געקענט ביי זיך פועל׳ן, ווייל דאָס וואָלט פאַר איהם געווען אַ פּאַראַט צו זיין גאַנצען לעבענסצוועק.

אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען איז די צאָהל פון זיינע אַנהענגער נישט געווען מעהר קיין גרויסע, אָבער די, וואָס זיינען מיט איהם געבליבען, זיינען געווען טריי איבערגעגעבען ביז צום סוף.

דריי פון זיינע אנהענגער זיינען מיר גאָר באַזונדערס געבליבען אין זכרון. דאָס איז דוד באָנדער מיט זיין פאַמיליען־נאָמען ביימער, אַ איד ווי אַ דעמב פונ׳ם וואַלד, גרויס און שטאַרק, אַ הערליכע פיגור, שטענדיג בייז. נור ווען ער האָט אַ קוק געטהון אויפ׳ן רב, איז די צורה זיינע איבערגעאַנ־דערשט געוואָרען. דער צווייטער איז געווען הערש לייב פוקס, אַן עסט־רייכישער הוזאר, אַן אמת׳ער „גלית“־טיפּ און גוט ווי אַ קינד. דער דריטער איז געווען מיכאל עללינג, אַ איד אַ תם. אָט די דריי זיינען געווען די לייב־גוואַרדיע פונ׳ם רב. דאָס זיינען געווען מענשען באַשעפטיגטע אַלע זעקס טעג פון דער וואָך. האָט אָבער דער רב אַמאָל אַ פּיפּס געטהון, זיינען זיי שוין געווען אויפ׳ן פּלאַץ.

הרב שפּירא איז אויך געווען איינער פון די ערשטע, צו פאַרשטעהען דעם רעיון פון ישוב ארץ־ישראל און ער האָט כסדר גע׳טענה׳ט, אַז די קאָלאָ־ניזאַציע פון ארץ־ישראל איז די איינציגע לייזונג פון דער אידישער נויט אין גלות.

זעהר פיעל פון מיינע דערגרייכונגען אינ׳ם לעבען האָב איך צו פאַר־דאַנקען צו הרב שפּירא, וועלכער האָט מיר געוויזען, אַז ווער עס וויל עטוואָס דערגרייכען, דאַרף דערצו שטרעבען מיט אַלע קאָנסעקווענצען און ער דאַרף אויך נישט צוריקשרעקען פאַר קיין שום שטערונג.

ווי אַ הייליגער האָט הרב שפּירא געלעבט, און כאָטש דאָס דאָזיגע לעבען זיינס איז געווען צו קורץ, וועט זיין אַרבייט קיינמאָל נישט פאַרגעסען ווערען, ווייל וואָס ער האָט געשאַפען, האָט אַן אייביגען ווערטה.

באַגריסונג פון

מר. און מרס. בן ציון פישער

און פאַמיליע

פון לאַנגסטיג פאַרגאַנגענע טעג

פון גרשם באַדער

(צום אָנדענקען פון הרב הגאון ר׳ ישעיה מאיר שאַפּירא ז״ל)

פינף און פערציג לאַנגע יאָהרען זיינען שוין אוועקגעגאַנגען, זייט איך האָב געלייענט אין דער העברעאישער צייטונג „המגיד“, וועלכע איז דאַמאָלס ערשיענען אין דער פּרייסישער שטאָדט ליק, אַז דער טשאָרטקאָווער רב, ר׳ ישעיה מאיר שפּירא, איז נפטר געוואָרען.

געוועזן בין איך דאַמאָלס נאָך זעהר יונג און דעם טשאָרטקאָווער רב האָב איך נישט געהאַט קיינמאָל געזעהען, גלייך ווי איך האָב נאָך אין יענער צייט נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ שטאָדט דאָס טשאָרטקאָוו איז. האָט זיך אָבער פון דעסטוועגען יענע נאַכריכט וועגען ר׳ ישעיה מאיר׳ס פּטירה גוט איינגעקריצט אין מיין זכרון, ווייל איך האָב שוין גוט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ מענש דער רב שפּירא איז געוועזן און וואָסערע קעמפּפע ער האָט געהאַט דורצומאַכען.

אין מיין זכרון זיינען דאַן אויפגעלעבט זכרונות פון מיין קינדהייט, ווען מיינע עלטערן האָבען געוואוינט אין אַ שטעדטעל אַשפּיצין ביי דער פּרייסישער גרעניץ, וואו עס איז אַמאָל געוועזן אַ רב מיט אַ „דאָקטאָר־טיטעל“, דר׳ ישראל בליכער איז געוועזן זיין נאָמען, און ווען ער האָט געוואָלט — לויט דער חזקה פונ׳ם שטאָדט־רב — מקריא זיין אום ראש־השנה פאַר תקיעת־שופר, האָט איהם איינער אַ חסיד דערלאַנגט עטליכע פייערדינע פּעטש, אַז ער איז שיער נישט געבליבען ליגען אַ טויטער אויפ׳ן אָרט. איך האָב אויך געדענקט, ווי אונזערער אַ שכן אין דערזעלבער שטאָדט איז אַמאָל אַריינגעלאָפען צו אונז אין שטוב מיט אַ שמחה און ער האָט דערצעהלט, אַז אָט נאָר וואָס האָט ער געוואָרפען אַ שטיין אויפ׳ן רבי׳ן ר׳ זיסר רייכענ־בערג און ער האָט איהם געטראָפען אינ׳ם רוקען.

פריש אין מיין זכרון זיינען אויך געוועזן די געשלעגען צווישען מאַנדזער און סאַדאגערער חסידים, ווי מען האָט זיך נגענזייטיג גע׳ממית׳ט, אוועק־גענומען די פּרנסה און גע׳מסר׳ט צו די „געריכטען“, און אַזוי ווי איך האָב

אויך געהאט פיעל געלייענט אין די מאמרים פון הרב שפּירא, וועלכער האָט בסדר פּראָפּאַגאַנדירט וועגען אַ פאַרבינדונג פון דער תורה מיט וועלטליכער וויסענשאַפט — האָט דאָס מיר געגעבען אַ קלאָרען באַגריף פון די צרות און יסורים, וואָס אַזאַ מענש ווי הרב שפּירא האָט געדאַרפט אויסשטעהן אין זיין לעבען.

היינט — פאַרשטעהט זיך — קוק איך אויף אַזעלכע קעמפע מיט אַנדערע אויגען. עס זיינען אָנגעקומען אַנדערע צייטען, די מענשען זיינען אַנדערע און עס האָבען זיך אויך איבערגעאַנדערשט די באַגריפען. היינטיגע חסידים זיינען נישט מעהר אַזוי פאַנאַטיש ווי אַמאָל און דאָס נעמליכע איז אויך מיט די היינטיגע משכילים. זעלטען צו געפינען אַ מענשען, וואָס זאָל זיך מוסר־נפש זיין פאַר אידעען. ווי ווייניג טאָלעראַנט אידען זיינען נאָך איינער צו די געדאַנקען פון׳ם צווייטען, וועלען זיך נישט מעהר צוויי אידען אָנכאַפּען איינער דעם אַנדערען ביי די פּאות און זיי אויסרייסען מיט די וואָרצלען, ווי עס איז אַמאָל פאָרגעקומען אין טשאַרטקאָוו. דער מאַטעריאַליזם האָט היינט די אויבערהאַנד אין דער אידישער גאַס און די מענשען אינטערעסירען זיך בלויז פאַר זאַכען, וואָס קענען ברענגען אַ נוצען תיכף אויף דער האַנד.

פון ר׳ ישעיה מאיר שפּיראַ׳ס משפּחה איז היינט נישט מעהר פאַרהאַנען קיין זכר. זיין זוהן, דר׳ דוד שפּירא, האָט נישט מעהר געהאַט ווי אַן איינציגע טאָכטער, שרה שפּירא, די פאַרפאַסערין פון׳ם שיר „אל טל ואל מטר״, וועלכע איז אויך נישט מעהר צווישען די לעבעדיגע. דעם טשאַרטקאָווער רבי׳נס הויף איז היינט אויך נישט מעהר דאָס, וואָס ער איז אַמאָל געווען. די מלחמה האָט דעם רבי׳ן אַרויסגעטריבען פון טשאַרטקאָוו, מיט איהם צוזאַמען זיינען דאַן מיטגעגאַנגען הונדערטער „יושבים״, און ביי די נייע אומשטענדען פון׳ם לעבען איז די היינטיגע „השכלה״ אויך נישט מעהר אַזוי האַפערדיג ווי אַמאָל. אַנדערע מענשען פאַהרען היינט צו די חסידישע „גוטע אידען״, פיעלע פון די אַזוי אָנגערופענע „אינטעליגענטען״ האָבען אָנגעהויבען אָפּיינליינען „פילאָזאָפיעס״ אינ׳ם חסידות. און עס קען זיך אויך גריילין טרעפען, אַז מענשען וואָס זיינען מחלל שבת בפרהסיא זאָלען זיך נעהמען דערצעהלען מופתים פון חסידי׳שע רביים.

געבוירען איז ר׳ ישעיה מאיר שפּירא אין מעמעל, וועלכע איז דאַמאָלס געווען אַ פּרייסישע שטאָדט. זיינע עלטערן זיינען געווען ליטוואַקעס, איינגעוואַנדערטע פון קיידאַן. היינט באַלאַנגט די שטאָדט מעמעל צו ליטא און זי הייסט „קלאַיפּעדא״. אָבער אויך דאַמאָלס פלעגען זיך דאָרט ליטווישע אידען נאָך היימיש פיהלען.

וואָס ר׳ ישעיה מאיר׳ס פאָטער האָט געטהון אין מעמעל, איז נישט באַקאַנט, גלייך ווי מיר וויסען נישט די אורזאַך, וואָס ער איז דערנאָך פּלוציים

אַריבערגעצויגען אין דער גאַליצישער שטעדטעל סאָקאַל, ווייל כאָטש ער איז געווען דער זוהן פון א רב און ער איז אויך אליין געווען אַ „מוסמך", האָט ער נישט באַקליידעט קיין רבנות.

י"ז מנחם־אב תקפ"ח (דעם 28טען יולי 1828) איז ר׳ ישעיה מאיר געבוירען — און צו דער בר־מצוה זיינער איז ער שוין געווען באַוואוסט מיט זיין בקיאות אין ש"ס בבלי וירושלמי גלייך ווי אין אַלע „ראשונים ואחרונים".

צו 17 יאָהר האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ גביר'ס אַ טאָכטער פון דער שטעדטעל ציעשאנאָוו און עס איז דאַן באַלד אומעטום באַקאַנט געוואָרען, אַז ר׳ ישעיה מאיר וואקסט אַ גאון. אלס גביר'שער איידעם איז איהם דערנאָך זעהר אָפּט אויסגעקומען צו זיין אין לעמבערג — אין געשעפטליכע שליחות'ן פון זיין שווער. איז ער דאַן געווען ווי אַ בן־בית ביים לעמבערגער רב, דעם באַוואוסטען גאון ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָהן, אַזוי ווי ביי אַלע למדנים פון דער שטאָדט, וואָס פלעגען אַריינקומען צו ר. יוסף שאול.

שטילערהייד האָט ער אויך דאָרט אין לעמבערג שטודירט וועלטליכע וויסענשאַפטען, און וועהרענד ער האָט אַמאָל געדאַרפט זיין עטליכע חדשים צייט אין לעמבערג, האָט ער זיך פאַרשריבען אויף דער לעמבערגער אוניווער־זיטעט, צו שטודירען דאָרט פילאָזאָפיע. גלייכצייטיג האָט ער אויך דאַמאָלס אָנגעהויבען זיין ליטעראַרישע טהעטיגקייט אין דער העברעאישער צייטונג „המגיד".

דריי יאָהר צייט האָט ער גענגעסען קעסט ביי זיין שוועהר און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען פיהרען מסחרים אויף זיין אייגענעם חשבון און ער האָט אויך געהאַט הצלחה, ביז ער איז פּלוצים אָפּגעברענט געוואָרען און ער איז געוואָרען אַ „יורד" אָהן אַ שום מעגליכקייט, צו קענען זיך צוריק אַוועק־שטעלען אויף די פיס. האָט ער זיך דאַן עטליכע יאָהר געבאָרעט מיט'ן דלות, ביז ער האָט זיך אַנטשלאָסען, אָנצונעהמען דאָס רבנות אין טשאָרטקאָוו.

אַלט געווען איז הרב שפּירא 32 יאָהר — און אין דער ערשטער צייט, וואָס ער איז אָנגעקומען אין טשאָרטקאָוו, איז ער געווען באַליעבט ביי אַלעמען אין שטאָדט און די רעגירונג האָט איהם באַשטעטיגט אַלס „קרייז־ראַבינער", ביז עס איז דאַן פּלוצים איינגעפאַלען דעם חסידישען רבי'ן, ר׳ דוד משה פריעדמאַן, אַ זוהן פונ'ם ריזשינער, וועלכער האָט געוואוינט אין פּאָטאָק, אַרי־בערצוציהען קיין טשאָרטקאָוו. איז דאַן באַלד—אפשר געגען דעם ווילען פון ביידען — אויסגעבראָכען אַ פייערדיגע מחלוקה, וועלכע האָט געברענט אָהן אויפהער, ביז צו דער פּטירה פון ר׳ ישעיה מאיר.

ווי אַ קינד פון אַ ליטווישען למדן, וועלכער איז וואהרשיינליך געווען אַזאַ „מתנגד" ווי דער ווילנא'ר גאון, האָט הרב שפּירא נישט געקענט צוקוקען, ווי די מענשען פון זיין קהלה זינקען וואָס אַמאָל טיעפער אין אַ פינסטערער

בלאַטע. ער האָט געשטרעבט, צו ברענגען ליכט און אויפקלערונג, איז די אַרבייט זיינע געהינדערט געוואָרען פון אַלע זייטען. ער האָט געשטרעבט, צו מאָדערניזירען די אידישע ערציהונג, איז דאָס ביים רבין׳ס חסידים באַטראַכט געוואָרען ווי אַן אָפּקעהר פונ׳ם אידישען דת. ער האָט אָרגאַניזירט די אידישע בעלי־מלאכות אין אַ באַזונדערער חברה, איז דאָס די חסידים נישט געפעלען, גלייך ווי עס איז זיי נישט געפעלען, וואָס ער האָט געאַרבייט פאַר דער גרינדונג פון אַ „קרעדיט־פאַראיין", וואו יעדער אָרימער בעל־מלאכה זאָל קענען קריגען אַ הלואה אין אַ נויטפאַל און ער זאָל נישט דאַרפען אַריינפאַלען צו וואָכערניקעס און הויט־שינדערס. האָט מען איהם אויך דאָס פאַררעכענט פאַר אַן עוולה.

האָט מען איהם אַזוי געדריקט און געקוועטשט פון אַלע זייטען — און די מענשען פונ׳ם רבין׳ס הויף זיינען געווען שטאַרקער. די פינסטערניש האָט געזיגט, און נאָכדעם ווי די חסידים האָבען זיך אַריינגעריסען אין דער קהלה און געוואונען דאָרט די אויבערהאַנד, האָט מען פאַרקלענערט יעדעס מאָל ר׳ ישעיה מאיר׳ס הכנסה, ער זאָל דאַרפען אַרויסקוקען אויף נדבות, ביז מען האָט איהם דערנאָך פּלוצים אין אַ פרייטאָג נאָכמיטאָג אַרונטערגעזעצט פונ׳ם רבנות, פאַרשטאָפּט פאַר איהם יעדען מקור פון חיונה און שפּעט פאַר־נאַכט, האַרט פאַר קבלת שבת, האָט מען איהם מיט זיין פאַמיליע אַרויסגעוואָרפען פון דער קהל׳שער דירה און געהייסען ליגען אויף דער גאַס.

דאַמאָלס איז מעהר פאַרשטאַרקט געוואָרען זיין קאַמף געגען חסידות, האָבען איהם די אנהענגער זיינע ערוועהלט אַלס דירעקטאָר פון דעם אויבען־דערמאָנטען „קרעדיט־פאַראיין", וואו ער האָט דאן די לעצטע צעהן יאָהר פון זיין לעבען געצויגען חיונה און ער האָט נישט געוואָלט מעהר אָננעהמען קיין רבנות.

י"ג טבת תרמ"ו (דעם 21טען דעצעמבער 1885) איז ר׳ ישעיה מאיר שפּירא נפטר געוואָרען, 59 יאָהר אַלט.

צו דער כאַראַקטעריסטיק פאַר דעם אופן, ווי אַזוי די שונאים זיינע האָבען געגען איהם געקעמפט, מוז דאָ דערצעהלט ווערען דער פאָלגענדער פאַקט :

דוד, דער זוהן פון ר׳ ישעיה מאיר שפּירא, איז געווען באַקאַנט אַלס „עלוי" און פיעלע רבנים אין גאַליציען און אין רוסלאַנד האָבען געזוכט צו באַקומען איהם פאַר אַן איידעם. האָט איהם דער פאָטער פאַר׳שדכנ׳ט צו׳ן אַ רוסישען גביר, ישראל האַראָוויץ פון דינאַבורג. און ווען ער האָט געדאַרפט אַרויסקריגען אַ פּאַספּאָרט, אויף צו קענען פאָהרען צו דער חתונה, האָבען צוויי חסידים אָנגעגעבען אויף איהם אַ קלאָגע, אַז ער האָט צוגע־גנב׳עט אַ זילבערנעם „ציץ" פון דער ספר־תורה אין דער גרויסער שוהל. די

דאָזיגע צוויי חסידים האָבען אויך געשוואוירען ביים געריכט, אַז זיי האָבען דאָס מיט די אייגענע אויגען געזעהן. האָט דוד שפּיראָ צוליעב דעם געהאַט געגען זיך אַ געריכטליכע אונטערזוכונג און ער האָט שוין דערווייל נישט געקענט קריגען קיין פּאַספּאָרט.

איז דאַן געקומען אויף אַ באַזוך קיין טשאָרטקאָוו דער גאַליצישער „גובערנאַטאָר", גראף מענסדאָרף, איז הרב שפּירא געגאַנגען איהם מקבל־פּנים זיין צוזאַמען מיט די פאָרשטעהער פון דער קהלה. האָט ער ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט איבערגעגעבן דעם גובערנאַטאָר אַ „מעמאָראַנדום" וועגען דעם בלבול אויף זיין זוהן, און אַזוי ווי דער גובערנאַטאָר האָט דאָס דערהערט, האָט ער תיכף געהייסען אָפּשטעלען די געריכטליכע אונטערזוכונג געגען דוד שפּירא און ער האָט אויך באַלד געגעבען דעם אויפטראַג, אַרויס־צוגעבען דעם יונגען מאַן אַ פּאַספּאָרט, ער זאָל קענען פאָהרען קיין רוסלאַנד. ופני החסידים חפו!...

ווי עס איז אויבען באַמערקט, זיינען מיר היינט גייסטיג ווייט פון יענע קעמפּע. עס איז אויך אפשר מעגליך, אַז די געגנער פון הרב שפּירא האָבען געהאַט עהרליכע כוונות אין זייער קאַמף, ווייל זיי זיינען געוועזען אַזוי איבער־צייגט אין דער וואַהרהייט פון זייערע אידעען, גלייך ווי הרב שפּירא איז געוועזען איבערצייגט אין דער ריכטיגקייט פון זיינע אידעען, דאַרפען מיר דאָדורך היינט אויסמעקען פון אונזער זכרון יעדען ווידערהאַל פון יענע קעמפּע, — און ווען מיר קומען זיך צונויף, צו פייערען די 40־יעהריגע עק־זיסטענץ פונ׳ם טשאָרטקאָווער שפּירא־פּאַראַיין, דאַרף זיך איטליכער טהון אַ נדר, צו געהען אין די וועגען פון הרב שפּירא, אין די וועגען פון בילדונג און אויפקלערונג צוזאַמען מיט אַ טרייער איבערגעבענקייט צו דער אידישער אמונה.

אַ האַרציגע באַגריסונג פון

יצחק יוסף ראָזענבלאַטט און פאַמיליע

באַגריסונג פון יצחק יוסף בן פּתחיה ראָזענבלאַט

זה היום קוינו לו, נגילה ונשמחה בו!

לאַנגע יאָהרען האָב איך געוואַרט אויף אַ „שעת הכושר", איך זאָל קענען אַרויסזאָגען צו מיינע ברידער און לאַנדסלייט, וואָס איך פיהל.

ווי אויף יעדען איינעם פון אונזערע מענשען, האָט אויך אויף מיר דער נאָמען ש א פּ י ר א געהאַט אַ באַזונדערע מאַגנעטישע קראַפט, טראָצדעם וואָס איך בין געבוירען און ערצויגען ביי חסידישע עלטערן. דער פאָטער מיינער ז"ל האָט זיך שטענדיג מפרנס געווען פון „יגיע כפּיו", ווי אַן אמת'דיג פרומער בעל־מלאכה. אַלע זיינע יאָהרען האָט ער געדאַווענט אין בית־המדרש און ער האָט נישט געקענט קיינמאָל אויפ'ן זינען, אַז עס זיינען פאַרהאַנען „מתנגדים". ווי עס פאַרשטעהט זיך אויך, האָט מען מיך נישט געלאָזט געהען אין קיין „שקאָלעס", נאָר מען האָט מיך געלאָזט לערנען ביי חסידישע מלמדים — און ביז איך בין אַלט געוואָרען 13 יאָהר, האָב איך פון הרב שאפּירא זצ"ל און פון זיינע דרכים נישט געוואוסט. בלויז אַזוי פיעל האָב איך געהערט, אַז יעקב ביקעל לעהרענט אין שניידער'שען שוהל'כען מיט „שאַפּירניקעס" חומש, פאַרטייטשט אויף „אַפּיקורסיש".

ביז עס האָט זיך אַמאָל געמאַכט, וואָס מיינע עלטערן האָבען זיך אַרויסגעצויגען פון זייער פריהערדיגער דירה און זיי האָבען גענומען אַ וואָהנונג אין דער גאַס, וואו עס האָט געוואוינט ר' מענדיל ראָזענצווייג — און דאָרט איז געווען אַ מנין, וואו מען פלעגט דאַוונען שבתים און ימים־טובים. האָט מען גראָד דאַמאָלס געוואָלט איינאָרדנען אַ מנין פאַר יעדען טאָג, און אַזוי ווי איך בין שוין געווען אַ „בר־מצוה", האָט מען מיך אַריינגערופען צום דאַוונען.

און ווען איך האָב אַריבער־געטרעטען די שוועל ביי ר' מענדיל ראָזענצווייג, האָב איך דאָרט געטראָפען ר' מענדל'ען זיצען מיט זיינע צוויי זיהן, לעהרנען מיט זיי גמרא — און אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז דאָס געווען מסכת עירובין, ווייל ביי יעדע עטליכע שורות, וואָס זיי האָבען געלערענט, האָבען זיי געמאַכט פּלענער פון הייזער, געשריבען און געריבענט, וועלכעס איך האָב בשום אופן נישט פאַרשטאַנען, צו וואָס דאָס טויג.

האָב איך געקוקט אויף דעם מיט נייגעריגע אויגען, און אַזוי ווי ר'

מענדיל האט דאס באמערקט, האט ער מיך א פרעג געטהון, צי איך וואלט נישט אויך ביי איהם געוואלט לעהרנען. דאביי האט ער נאך צוגעגעבען, אז ער וויל נישט פון מיר קיין געלד, נור איך זאל קומען יעדען טאג דאוונען, ווייל מען דארף מיך האבען צום „מנין".

„מהיכא־תיתי", האב איך געענטפערט — און ווען ר' מענדעל האט אנגעהויבען לערנען מיט מיר, האט ער דאס ערשטע געוואלט לערנען „פסוק". האב איך געמיינט, אז ער וועט מיט מיר לעהרנען ישעיה אדער יחזקאל. האט ער אבער מיט מיר געלעהרענט יהושע, וועלכעס איך האב שוין געהאט לאנג געלעהרענט און כמעט האלב פארגעסען. האב איך דאן באלד איינגעזעהן דעם חלוק פון לעהרנען צו לעהרנען, ווייל וואס איך האב געלעהרענט בעפאר, איז געבליבען אהן א ווערטה. מיט א מאפע אין דער האנד האט ר' מענדיל מיט מיר געלעהרענט יהושע. אויף אויסענווייניג האב איך געמוזט קענען אלע גבולים פון יעדען שבט און גענוי וויסען די ערטער פון יעדען שבט'ס נחלה.

דארט ביי ר' מענדיל אין הויז האב איך זעהר פיעל געהערט פונ'ם רב שאפירא זצ"ל. און ווען איך האב נישט געהאט די זכיה, צו קענען דעם רב אליין, ווייל איך בין בסך־הכל אלט געווען 8 יאהר, ווען ער איז נפטר געווארען, האב איך אבער גאר גיך דערקענט די נאכפאלגער פון הרב שאפירא, ווי ר' יהושע'לע פרעמינגער, ר' ישראל קאלישער און ר' דוד'ל באנדער. פשוט מיטגעריסען בין איך געווארען מיט זייער דאוונען און איך האב נישט געקענט מיך גענוג אבוואונדערען איבער זייער פרומקייט. טראצדעם האט מען אויף זיי געמורמעלט, ווייל זיי זיינען געווען „שאפירניקעס" — אז שאפירניקעס זיינען געווען בבחינת 'אפיקורסים".

זייט יענער צייט בין איך געווארען ווי צוגעבונדען מיט טויזענדער פעדים צו יענעם לאגער און איך בין געווארען אן אויסגעשפראכענער „שאפירניק". ביי יעדער טהעטיגקייט אין שטאדט, ביי וואהלען צו קולטוס אדער צום רייכסראטה בין איך תמיד געווען אקטיוו, אבער אלץ נור אינ'ם זינען פון א „שאפירניק". דאס זעלבע איז אויך געווען שפעטער, ווען די ציוניסטען זיינען ארויסגעקומען מיט זייער טהעטיגקייט.

דעסגלייכען בין איך געווען אקטיוו אין „יד חרוצים". די גאנצע צייט, וואס איך האב דארט באלאנגט, בין איך געווען געוועהלט צום „אויסשוס", דאס הייסט: צו דער עקזעקוטיווע. א לענגערע צייט בין איך אויך געווען וויצע־פרעזידענט.

אזוי האב איך אפגעלעבט אין טשארטקאוו ביז צו מיין 33-טען לעבענס־יאהר, ווען איך בין געווען געצוואונגען, צו נעהמען דעם וואנדער־שטעקען

און מקיים זיין די מצוה פון „לך לך מארצך וממולדתך“. דערנאָך בין איך דעם 25טען דעצעמבער 1912 געקומען קיין ניו יאָרק. עס האָט אויך נישט לאַנג געדויערט, האָב איך מיך באַקאַנט מיט די היגע טשאָרטקאָווער פאַראיינען און איך האָב מיר אויסגעקליבען דעם שאפּירא־פאַראיין, כאָטש עס האָבען זיך דאַמאָלס אינ׳ם פריעדמאן־פאַראיין געפונען מעהרערע פּערזענליכע פריינד מיינע. איך האָב אויך דאַן באַלד גענומען אַן אַקטיוועז אַנטייל אין דער פיהרונג פון אונזער פאַראיין און מען האָט מיר איבערגעגעבען פאַרשיעדענע בכבוד׳ע עמטער אין דער פאַרוואלטונג.

עס נויטיגט זיך אויך נישט, נעהנטער צו ערקלעהרען, ווי הויך געעהרט איך פיהל מיך, צו באַלאַנגען אין אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וועלכע טראָגט דעם נאָמען פון אונזער גרויסען רב, ר׳ ישעיה מאיר כהנא שפּירא זצ״ל, אַ נאָמען אַ באַקאַנטער איבער דער גאַנצער אידישער וועלט. און אַזוי ווי איך פיהל מיך היינט גליקליך, וואָס איך האָב זוכה געווען, צו זעהן זיך צוזאמען מיט מיינע ברידער און לאַנדסלייט ביי אונזער יובילעאום דריק איך אייך אַלעמען די האנד אין אייביגער פריינדשאַפט, און איך זאָג:

„זה היום קוינו לו, נגילה ונשמחה בו“!

מיר באַגריסען אונזער פאַראיין צו איהר פערציג יעהריגען יובילעאום.

מר. און מרס. יעקב משה ראָזענבלאט

אַ באַגריסונג פונ׳ם רעקאָרדינג סעקרעטאַר סעם לאַנדע



MRS. LANDE



SAM LANDE, *Rec. Secy.*

צום 40 יאָהריגען יובילעאום וואָס אונזער פאַראיין פייערט אַצינד, וויל איך אויסדריקען מיין צופרידענהייט, צו באַגריסען אונזערע ברידער, אין דער צייט ווען אַלע וועלען זיך צוזאַמענקומען און פייערען דעם חג היובל פון אונזער געשעצטער פאַראיין וואָס טיילען מיר צו גרויסען כבוד און מ׳ערוועהלט מיך שוין 20 יאָהר כסדר אַלס זייער רעקאָרדינג סעקרעטער, וואָס דאָס פאַרשאַפט מיר אַ גרויס פאַרגעניגען צו אַרבייטען אין דעם פאַראיין וואָס טראָגט דעם גרויסען און איבעראל באַוואוסטען נאָמען הרב ישעיה מאיר שפירא, וואָס מיין פאָטער ע״ה איז געווען איינער פון זיינע וואַרימסטע אנהענגער.

סעם לאנדע, רעקאָרדינג סעק.

וואָס ליטווין דענקט וועגן טשאָרטקאָוו

וואָס מיר דענקען וועגן טשאָרטקאָוו, איז נישט אַזוי וויכטיג, ווי דאָס וואָס דער באוואוסטער שריפטשטעלער א. ליטווין שרייבט אין זיין בוך „אידישע נשמות" (באַנד 5), וועלכעס מיר ברענגען דאָ, צו ווייזען דעם איינדרוק, וואָס טשאָרטקאָוו מאַכט אויף אַ פרעמדען באַזוכער.

אַך, טשאָרטקאָוו, טשאָרטקאָוו!

צוויי וואָכען האָב איך פאַרבראַכט אין טשאָרטקאָוו. נאָר אַז איך וואָלט פאַרבראַכט דאָ נאָך צעהן מאָל אַזוי פיעל צייט, וואָלט איך ניט געקענט אויסשעפּען אַלע מערקווירדיגקייטען, וואָס אָט דאָס שטעדטעל פאַרמאָגט. קיין איין אידישע שטעדטעל אין דער גאַנצער וועלט, איז ניט אַזוי רייך אין די סאַמע אָריגינעלע אידישע טיפּען, ווי טשאָרטקאָוו. און ביי מיר איז נאָך איצט אַ רעטעניש: פון וואַנען קומט אַהער, אין אָט דעם פערשלאָגענעם ווינקעל פון גאַליציע. אַזאַ מענגע איבערלעבונגען, אַזאַ רייכקייט און פיעל־פאַרביגקייט פון אידישע טיפּען, אַזאַ טיעפע אָריגינעלקייט פון פּערזענליכ־קייטען?

אָט די אַלע טשאָרטקאָווער אַנטיקען שטעהען אין אָנהויב און אין מיטען פון מיין גאַליציישער אידישער טיפּען־גאַלעריי.

טשאָרטקאָוו איז איינע פון די עלטעסטע שטעדטלאַך אין דער וועלט. אויסגראָבונגען ווייזען, אַז נאָך גאָר אַמאָל, אין די צייטען פון די רעמער איז דאָ געווען אַ ישוב. אידען יאַווען זיך דאָ אין אָנהויב פון 16־טען יאָהר־הונדערט, באַלד נאָכדעם ווי די שטעדטעל איז אויף דאָס ניי אויפגעבויט גע־וואָרען פונ׳ם פּוילישען מאַגנאַט טשאָרטקאָווסקי, וועמעס נאָמען די שטעדטעל טראָגט. די שטעדטעל האָט דורכגעמאַכט שחיטות און הריגות פון קאַזאַקען אין גזרת ת"ח אָדער „כמעלניטשינע". זייט 1772, נאָך דער ערשטער חלוקה פון פּוילען צווישען עסטרייך, דייטשלאַנד, און רוסלאַנד, באַלאַנגט טשאָרטקאָוו צו עסטרייך, דאָך האָט מיט הונדערט יאָהר צוריק, עטליכע יאָהר צייט טשאָרטקאָוו, מיט נאָך אַנדערע שטעדטלאך, ביי דער גרעניץ, אָנגע־

הערט צו רוסלאַנד. פון יאָהר 1815 איז זי ווידער אַריבער צו עסטרייך. דאָ איז פאַראַן אַן אַלטע שוהל, וואָס, לויט אַ לעגענדע, האָט זי געבויט דער פויילישער קעניג סאָביעסקי. דיזעלבע לעגענדע האָב איך געהערט וועגען שוהלען אין אַנדערע דערבייאיגע שטעדטלאַך. אין דער טייל שטאָדט „וויגנאַנקע". ווייזט מען איצט אָן אַן אַלטע הילצערנע הויז, זעהר אַן אָריגינעלע געביידע, וואָס האָט זיך דאָ נאָך גאַנץ גוט דערהאַלטען, וואו, לויט דער לעגענדע, האָט מען גאָר אַמאָל אויפגעקליבען אַלע טשאָרטקאָווער אידען און מ׳האָט זיי אַרויסגעטריבען פון שטעדטעל. דערפון שטאַמט דער נאָמען פון דער גאַס „וויגניאַנקאַ", וואָס בעטייט אַרויסטרייבען. שפּעטער לויט אַן אַנדער לעגענדע, האָט זיך דאָ, אין דערזעלבער הויז, אויפגעהאַלטען דער „בעל שם טוב", וואָס האָט אַ לאַנגע צייט געלעבט אין דער אַרומיגער געגענד.

טשאָרטקאָוו בעשטעהט פון דריי טיילען — אַמאָל זיינען דאָס געווען דריי בעזונדערע שטעדטלאַך — אַלט־טשאָרטקאָוו, די אויבען דערמאָנטע „וויגניאַנקאַ" און ניי־טשאָרטקאָוו. נאָר אַפילו איצט, ווען די אַלע דריי בילדען צוזאַמען איין שטעדטעל און אַ גאַנץ קליינע, לעבט יעדער פון די דריי טיילען שטעדטעל מיט זיין באַזונדער לעבען. אַזוי, אַ שטייגער, איז אין אַלט־טשאָרטקאָוו אַלץ צוגעפּאַסט צום לעבען פונ׳ם רבינ׳ס „הויף". דאָ וואַכט מען, ווען אין „הויף" וואַכט מען, דאָ שלאָפט מען, ווען מען שלאָפט אין „הויף", און אין „הויף" שלאָפט מען דאַן, ווען די גאַנצע וועלט וואַכט.

צו ענדיגען מיט אַלט טשאָרטקאָוו דאַרף מען דערמאָהנען דעם אַלטען טשאָרטקאָווער בית־עולם, וועלכער מאַכט אַן אונגעהויערען איינדרוק מיט זיינע אַלטע מצבות. די מערקווירדיגקייט פון די מצבות — ליגט ניט אין זייער אַלטקייט, ווייל זיי צייכענען זיך אויס מיט זייער מערקווירדיגער סקולפּטור. אַזעלכע פיין געשניצטע מצבות בעגעגענט איהר ניט אין דער גאַנצער וועלט. פון זיי איז צו זעהן, אַז מיט אַ הונדערט און פופציג יאָהר צוריק האָט דאָ געלעבט אַ פאַמיליע מצבות־שלעגער, זעהר גרויסע קינסטלער, וואָס, ווען זיי לעבען היינט, וואָלט פון זיי ניט איין אַנטאָקאָלסקי אַרויס. אין יענער צייט אָבער איז פאַר דעם אידישען קינסטלער־גייסט געווען נאָר צוויי געביטען: דער „מזרח" אין עמוד פון שוהל און די מצבה אויף דעם „בית־הקברות". און די טשאָרטקאָווער קינסטלער האָבען זייער גאַנצע נשמה אַריינגעלעגט אין די בית־הקברות־שטיינער. דערפאַר זיינען פון די שטיינער נשמות געוואָרען. דער טשאָרטקאָווער בית־עולם מאַכט אויף אייך ניט דעם איינדרוק פון אַ טויטען־פעלד. איך האָב איהם בעזוכט אין אַ דעצעמבער טאָג, אין מיטען ווינטער, אַלץ אַרום איז שטאַר, איז פערגליווערט געווען, און דאָ האָט געהויכט מיט פריהלינג. די בלעטלאַך, די קנאָספּען, די פויגעלאַך, די הירשען, די לייבען, — דאָס אַלעס לעבט. פון די האַלב־חרוב׳ע זאַמד שטיינער ווינקט צו

אייך, סוד'עט זיך מיט אייך, נעהמט אייך אַרום מיט אַ בעצויבערנדער מאַכט פון שענקייט און לעבענס־לוסט. די נשמות פון די לאַנג צום שטויב געוואָרענע קינסטלער זיינען לעבעדיג געוואָרען אין אייער נשמה, אָדער ריכטיגער, אייער נשמה איז לעבעדיג געוואָרען אין בעריהרונג מיט יענע איידעלע הויכע נשמות פון די אונבעקאַנטע מצבות־שלעגער, וועמעס נאָמען אפילו, איהר קענט אין קיין פאַל ניט דערגעהן, נאָר פון געשפּרעכען מיט אַלטע לייט אין אַנדערע שטעדטלאַך אַרום, קענט איהר זיך אָנשטויסען, אַז אונגעפעהר מיט 200 יאָהר צוריק איז געוועןַ אין טשאַרטקאָוו אַ פאַמיליע שטיין־קריצער־קינסטלער. אין דער דאָזיגער פאַמיליע איז איבערגעגאַנגען די קונסט פון דור צו דור. דורך זיי איז פאַרפּלאַנצט דערזעלבער קינסטלערישער סטיל אין אַנדערע אַרומיגע שטעדט און שטעדטלאַך, וואָרום איך האָב געטראָפען עהנליכע מצבות אין טאַרנאָפּאָל, אין בראָד, אין בוטשאַטש, אין זלאָטשעוו, נאָר ערגעץ דערגרייכען די מצבות ניט צו אַזאַ קינסטלערישער פאָלקאָמענהייט, ווי אין טשאָרטקאָוו. ערגעץ האָבען זיי זיך אויך ניט געהאַלטען אַזוי גוט ווי דאָ, דאָס מצבות־קריצען האָט דעמאָלט געמוזט זיין ניט קיין פּשוט'ע נאָר אַ הייליגע מלאכה, ווי די מלאכה פון אַ ספר־תורה־שרייבער. ווענינגסטענס ביי די טשאָרטקאָווער שטיינער־קריצער.

בעסער ווי אַלע שטיינער האָט זיך דערהאַלטען די מצבה פונ'ם רב ר' הערשעלע. ער האָט געלעבט אין די צייטען פונ'ם „בעל שם". פריהער איז ער געוועזן דעם „בעל שם טוב'ס" געגנער און זאָגאַר קעמפער געגען איהם. דערנאָך איז ער געוואָרען זיין אָנהענגער.

צו ענדיגען מיט'ן טשאָרטקאָווער בית עולם מוז מען דערמאָהנען דעם „אוהל" פון דעם אַלטען טשאָרטקאָווער רבי'ן ר' דוד משה'ניו, צו וועלכען עס ציהען זיך ימים־נוראים־צייט חסידים פון דער גאַנצער וועלט, לעגען אויף דעם הייליגען קבר אַ קוויטעל, און די מצבה פונ'ם דאָקטאָר פראַנצאָז, דער פאָטער פון דעם באַריהמטען שרייבער קאַרל־עמיל־פראַנצאָז, וואָס האָט אין אַזוינע ריהרענדע קינסטלערישע בילדער געשילדערט דעם גאַליצישען געטאָ. כמעט אַלע זיינע טיפּען און בילדער זיינען געוועזן פון טשאָרטקאָוו, וואָס פיגורירט ביי איהם שטענדיג אונטער דעם נאָמען „באַרנאָוו". קאַרל עמיל פראַנצאָז האָט זיך אויסגעהאָדעוועט און פאַרבראַכט זיין יוגענד אין טשאָרטקאָוו. ער האָט געלעבט אין יענער מערקווירדיגער צייט, ווען די השכלה פון מערב־איירראָפּא האָט זיך אַריינגעריסען אין גאַליצישען געטאָ, ווען דאָס אַלטע לעבען האָט זיך בעגעגענט מיט דעם נייעם און ס'איז ענטשטאַנען אַ קאַמף אויף לעבען און טויט. זיין פאָטער איז געוועזן איינער פון די מאַרטירער אין דעם דאָזיגען קאַמף, ער האָט אי אַלס דאָקטאָר, אי אַלס מענש אַ סך געפאָדערט פאַר דער שטעדטעל. נאָר די פינסטערע טשאָרט־

קאָווער חסידים האָבען איהם גערופען דער „פראַנצויז" (דערפון שטאַמט אויך זיין פאַמיליען־נאָמען „פראַנצאָז") און זיי האָבען איהם פארפאָלגט. דער יונגער שריפטשטעלער קאַרל־עמיל פראַנצאָז האָט אויך אַ סך געליטען פון די פארפאָלגונגען, איז דערנאָך אַוועק אין וויען, דאָרט געשטודירט און בעריהמט געוואָרען אַלס שריפטשטעלער. שפּעטער איז ער אַוועק אין בערלין און דאָרטען געשטאָרבען. זיין פרוי שיקט יעהרליך אַ געוויסע סומע צו האַלטען אין אָרדענונג דעם קבר און די מצבה פון איהר מאַנס פאָטער.

אַ באַגריסונג פון אַ מעמבער פון דער אַראַנדזשעמענטס קאָמיטע ראובן בראַנדע

צו דער באַגריסונג פון מיין זעהר געאַכטעטען פאראיין וועגן די 25 יאָהר וואָס איך בין אין ניו יאָרק האָב איך זעהר פיעל צו שרייבען, וואָס ס'וואָלט פארנומען זעהר פיעל פּלאַץ אין אונזער „יובל בוך". בין איך געצוואונגען צו מאַכען מיין שטיקעלע ביאָגראַפיע בקיצור.

ווי געזאָגט, בין איך געקומען פון טשארטקאָוו אין יאָהר 1906, וואָס צו יענער צייט איז געווען אַ גרויסער קריזיס. מ'קען זיך פאָרשטעלען וואָס איך האָב מיטגעמאַכט אין אַזאַ שלעכטע צייט. ווי זאָגט אָבער דאָס בעקאַנטע שפּריכוואָרט? נישט תמיד איז דער הימעל פאַרוואָלקענט, די זון געהט אויף נאָך אַ גרויסען רעגען. נאָך דער שלעכטער צייט האָט זיך מיין מזל איבערגעדרעהט צו בעסערען. איך בין שוין געווען 2 יאָהר אין לאַנד, כ'האָב געהייראַט זעהר אַ גוטע פרוי וואָס האָב אין איהר געפונען אַ אמת'ע לעבענס־באַגלייטערין, וואָס העלפט מיר תמיד אַרויס מיט איהרע קלוגע עצות, כ'האָב ב"ה אַ גאַנץ פיינע פאַמיליע ערצויגען, בין זעהר צופרידען וואָס איך באַלאַנג צו דעם שעהנעם פאראיין, וואָס טראָגט דעם שעהנעם נאָמען פון הרב ר' ישעיה מאיר שפּירא ז"ל, וואָס איך געדענק נאָך פון טשאָרטקאָוו, וואָס מ'האָט דערצעהלט גרויסע זאַכען פון רב ז"ל.

יעצט צום גרויסען פאראיין יום טוב ווען איך באַגריס מיינע פאראיין ברידער מיט אַ מזל טוב, און איך בין זעהר צופרידען זיך צו פרעהען צוזאַמען צו אונזער חג היובל, און אין פריידען האָב איך ניט פאַרגעסען די צייטען ווען מיר איז שלעכט געווען, און דאָס הייסט אַ וואָרט אין צייט.

דברים אחדים לזכרון

כבוד הרה"ג ר' ישעיה מאיר שפירא זצ"ל

כתובים על־פי הישיש הנכבד ה"ר משה עפשטיין על ידי תלמידיו זכריה לאנדא ושאול פרענקעל

אלה קורות איש דגול מרבבה, אשר עמד לנס עמו ושפעלותיו נתנו עוז ותעצומות לעם ישראל. אמנם מעטים ורעים היו שנות חייו, אולם חיי איש כזה לא בטפחות ימדו, ולא על פי מספר שנותיו נספר תהלתו לדור. אחרי חמש וארבעים שנה אשר הרב הגאון ז"ל נאסף אל עמיו, רואים אנחנו, כי שמו עודנו חי בקרבנו וכל חכמי לב יתנו תוקף לחכמתו, ובזאת נוכל להמליץ עליו, כי לא חי בשביל זמנו אלא בשביל העולם הנצחי, ולא כמות כל האנשים מת גם הוא כאחד העם. הוא עודנו חי ורוחו מתהלכת עמנו, שמו יזכר לדור אחרון וזכרו לא ימוש מזרעינו.

הוא פתח את הדרך להבאים אחריו בתורה ובחכמה, כי לפני בואו לטשארטקוב היו ימי חושך והוא האיר החשכה של המון העם והבריק להם אור הדעת, בכדי להחזיק את עם ישראל באלהיו ובדתו, שלא כעורים יהיה עם ישראל. הוא יסד „יד חרוצים", „בקור חולים", „לינת הצדק", וכו'. למען לא יאמינו המשכילים בהבלי שוא בלי השכלה.

בשיטה זו החזיק רבנו הגאון שפירא ז"ל ובמסלה זו סלל את הדרך ללכת וחי בהם!

בשנת שש עשרה לימי חייו נסמך להוראה ונודע ברבים ממאמריו העצומים, אבותיו היו ישרים, ממשפחת רבנים לומדי תורה, צדיקים ותמימים וישרי לב. את בנם חנכו על פי דרכם בתורה וביראת שמים, ואף כי חכם הי' ויחכם, בכל זאת היתה יראתו קודמת לחכמתו, ולמד בשקידה עצומה עם כל בני עירו, עד כי יצא לשם ולתפארת. רבים צררוהו וקנאים פגעו בו ורדפוהו. חלף עבודתו עבודת הקודש, יען כי בשפת עבר דבקה נפשו וההשכלה משוש חייו. הוא הוציא לאור ספרו הראשון „ספר זכרון" והוא היה בהתחלה מורה הוראה בעיר קטנה בגאליציה, בעיר נאראייב, ומשם בעודנו צעיר לימים כתב הרבה בהמליץ, בהמגיד, בהמבשר והנשר. במחקריו הפיץ



הרב שפירא׳ס קלויז

אור חדש על התנ"ך וגם תקן את רזי הספירה לעומר, כי היה בקי בכל הש"ס עד להפליא ובכל עת עמד על פשוטו של כל דבר בשכל הישר ובישוב הדעת.

רבות בשנים הרביץ תורה בעירנו ובזמן קצר מלאה עירנו דעה. ביסדו חדר כללי היה שם לנשיא ומשגיח, וילמד בעצמו את התלמידים מדי יום ביומו וכל מגמתו היתה להרים קרן התורה. מנחל בדרך הזה יצאו מים חיים. כי מרבית תלמידיו היו לאנשי שם, סופרים ורבנים. ביתו היה כאכסניא של תורה, כי נועדו שם כל יודעי דרכיו לחדד את עצמם בדבוק חברים ובפלפולי תלמידים, והוא בכבודו ובעצמו עמד עליהם לדרוש בדברי חן, משובצים כאבני שוהם וברקת.

אבל למרות זאת מררו מחרחרי ריב את חייו וישטמוהו בעלי חצים, בחץ שחוט לשונם הדריכו קשתם לשקר ולא לאמונה, תסמר שערת בשרי בזכרי זאת, כי בלכתו באחד השבתות אל החדר הכללי, להורות ולבחון את התלמידים כדרכו, רדפו אחריו אנשים ריקים ופוחזים ויצעקו עליו בחרפות וגדופים, להרעימו, וגם רגמו עליו אבנים.

אך בסוף שנות חייו שבו ויחלקו לו כבוד בכל מקום בואו, ורבים מאויביו השלימו אתו. במותו היה רק בן שמונה וחמשים, אבל אין מספר לכל אותם המעשים, אשר פעל בימי חייו המעטים, וכשנוסדה הקולוניא הראשונה בארץ־ישראל, אמר רבנו במתק לשונו: „שומע אני משם שופרו של משיח ורואה אני בזה אתחלתא דגאולה, מתיבת גומא יצא משה רבנו ע"ה ומהקולוניא הקטנה הזאת תצמח הגאולה העתידה!"

באַגריסונג פון

מר. און מרס. משה לייב פישער

און פאַמיליע

אַ היסטאָרישער דאָקומענט וועגן טשאָרטקאָוו

זוי מען האָט אין 1722 געגעבען די טשאָרטקאָווער אידען דאָס רעכט צו וואוינען און צו האַנדלען אין טשאָרטקאָוו

אין שטאָדטישען טשאָרטקאָווער אַרכיוו געפינט זיך צווישען פאַרשידענע אַלטע דאָקומענטען אויך אַ דאָקומענט, וואָס איז נוגע די אידען. דאָס איז אַ פּריווילעגיע פון יאָהר 1722 פון דאַמאָלסדיגען טשאַרטקאָווער פּריץ, צו וועמען די שטאָדט האָט געהערט, פאַר די טשאַרטקאָווער אידען מיט׳ן רעכט צו וואוינען און צו האַנדלען אין שטאָדט.

דער דאָקומענט איז אַ גאָר אינטערעסאַנטער און צוליעב דעם גיבען מיר איהם דאָ אין אַ ווערטערליכער איבערזעצונג :

„סטעפאן פון פּאָטאָק פּאָטאָצקי, פּריץ פון טשארטקאָוו, קרוין־רעפערענט און פּאָלקאָווניק פון זיין קעניגליכער מאיעסטעט און רעפּובליק.

איך בין מודיע אַלע צוזאַמען און יעדען באַזונדער, יעדען איינעם, וואָס דאַרף פון דעם וויסען, אַז וועלענדיג האַלטען אין אָרדענונג און קאָנסערווירען מיין ירושה־שטאָדט טשארטקאָוו, וואָס געפינט זיך אין דער רוטענישער וואָיעוואָדסטווע, האליטשער ערד און טרעמבאוולער פּאָוויאַט, ווינש איך מיר צו באַנוצען זיך מיט אַזעלכע מיטלען, וועלכע, נישט אָנרירענדיג דעם קאַטוילישען גלויבען, אָדער די קרוין־רעכט, אַזוי ווי די רעכט און פרייהייט פון דער שטאָדט זאָלען העלפען דער שטאָדט זיך אַנטוויקלען און אויסצו־בויען אַלזא אויך די אידען, אָהן שום קריוודע, ווי ס׳איז פריער אָנגעשריבען, זאָלען העלפען ביי אַלעמען און באַהילפיג זיין . דערפאַר ערלויב איך, פריי וואוינרעכט אין מיין שטאָדט צו אַלע אידען, וואָס וואוינען שוין און וועלכע האָבען בדעה שפּעטער אַהער צו קומען.

די דאָזיגע אידען איז אין צוקונפט ערלויבט אינערהאַלב פון דער שטאָדט צו בויען און מויערען איינפאָהר־הייזער און קראָמען אויף פעלדער געקויפטע



דאָס בית המדרש פון דעם רבין ר׳ הערשעלע איבער 200 יאָהר אַלט.

אָדער דורך מיינעם אַ ספּעציעלען באַפעהל אויסגעטיילטע. אין די הייזער און קראָמען איז זיי ערלויבט צו פיהרען זייער געוועהנליכען האַנדעל, לויט זייער אייגענער ריכטיגער אַנערקענונג. פון די דאָזיגע הייזער דאַרפען זיי יעדעס יאָהר איינצאָהלען אין מיין קאַסע 3 גולדען, פון די רינג־הייזער, 2 גילדען פון די ווייטערע און 1 גולדען פון די, וואָס געפינען זיך אויף דער זייט פון דער פעסטונג. פון די קראָמען, וואָס האָבען אויך וואוינונגען דאַרף מען אָפּצאָהלען 5 גילדען און פון די וואָס האָבען נישט קיין וואוינונגען צו 3 גילדען.

איך ערלויב אויך אַלע אידען און קצבים אויפצושלאָגען זייער סחורה, דאָס פלייש פאַרקויפען אויף די ירידים אָהן דעם חוב צו צאָהלען לאַפּאַטקאָווע אָדער שטוקאָווע. דערפאַר דאַרפען אַלע קצבים וועלכע האָבען אין מאַרק זייער באַנק, געבען אין שלאָס אריין אַ פלוטע חלב. אויב צוויי קצבים האָבען בשותפות איין באַנק, דאַרפען זיי ביידע זיך צונויפלעגען אויף איין פלוטע חלב. די אידישע קצבים זיינען באַפרייט פון געבען חזירים אין שלאָס אריין אַ חוץ רינדער פאַר'ן פּריץ'ס קיך.

זייער אידישע שוהל אויך דאָס בית הקברות דאַרפען זיין ווי ביז יעצט. אויך דריי הייזער דאַרפען זיין באַפרייט פון שטייערן, וואָס אַלע אַנדערע הייזער צאָהלען, דאָס זיינען: דעם דאָקטאָר'ס הויז, שפּיטאַל־הויז און דעם חזן'ס הויז. אַלע אידען דאַרפען צאָהלען פאַר די בהמות און פערד ראָגאָווע שטייער, מעשר פון ציגען און שאָף און די אַלע וועלכע האָבען אייגענע פּאַסיקעס, דאַרפען פון זיי איינצאָהלען האָניג־מעשר, חוץ דעם אַלעם, וואָס די קריסטען גיבען. — ס'איז אויך די אידען ערלויבט צו בויען ווייגערטנער, בריי־הייזער און ליקיערנעס, אויסאַרבעטען ליקיער און בראַנ־פען אין אַזוי פיל קעסלען, וויפיל יעדער קען זיך ערלויבען. זיי מעגען אויך די אַלע משקאות אויסשענקען אין זייערע הייזער, אָבער אויסערהאַלב די קראָמען.

פאַר אַלע קעסלען, וואָס זיינען צוגעדעקט מיט היטלען, דאַרפען די אידען איינצאָהלען אין דער שלאָס קאַסע צו 18 גילדען פאַר יעדען קעסעל. פאַר די נישט־צוגעדעקטע קעסלען, דאַרפען מיינע צו דעם צוועק געשיקטע רעווידענטען, קיין אָפּצאָהל נישט רעכנען.

דער אָפּצאָהל פון מעד־אויסאַרבייטונגען באַטרעפט 10 גראָשען פון יעדער קאַן, און פון ביער 1 גילדען. די אידען, וועלכע אַרבייטען אויס בראַנפען אין די ווייטערדיגע הייזער" טאָרען איהם נישט אויסשענקען ביי זיך נאָר נאָך דעם אָפּצאָל פאַרקויפען אין הורט אין דער פרעמד אָדער צו די שענקערס אין שטאָדט. דאָס זעלבע איז אויך בנוגע צו די הייזער, וואָס

געפינען זיך נאָך דער בריק. ס'איז ערלויבט ביי זיך אין דער היים אויס־צואַרבייטען בראנפען און אַנדערע משקאות פאַר אייגענעם געברויך.

די אידען צווישען זיך און אויך די קריסטען וואָס דינען ביי אידען דאַרפען נישט שטערען ביי אויפקויפען פעל פון רינדער, שאָף א. אַ. וו., אונטער דער שלאָס־שטראָף. די אידען איז נישט ערלויבט צו קויפען גלח'ישע אָדער קלויסטערשע זאכען. אויף שבת טאָר מען נישט איבער־טראָגען די וואָך־ירידים און אין דעם טאָג דאַרפען זיי נישט ענטפערען אויף קיין שום קלאַגע. די אידען טאָר מען נישט איינזעצען אין אַרעסט און נישט אין אַ האַלץ־קאַמער נאָר פאַר גנבה. מיין שטעל־פאַרטרעטער דאַרף אָפּהיטען, אַז די טאַרגאַוויצע זאָל נישט זיין הינטער דער שטאָדט אור אַז אין דער צייט פון די ירידים זאָל מען נישט פאַרקויפען אין דער הינטער־גאַס קיין בראנפען און אַנדערע משקאות.

פאַר די בעלי־מלאכות באַשטים איך אַז זיי זאָלען זיך פאַרשרייבען צום קריסטליכען „צעך" און פאַר'ן צעך זאָלען זיי באַצאָהלען 6 גילדען און יעהרליך איינצאָהלען 24 גראָשען און אַ פונט וואַקס פאַר'ן קלויסטער דורכ'ן צעך. אַ חוץ דעם טאָר מען זיי נישט נויטען צו קיין שום אָפּצאָהל, פאַר די צעך באַדערפענישען אַחוץ די הויף אַרבייטען. איך באַשטים אַז די טשאַרטקאָווער אידען זאָלען נישט אונטערליגען קיין שום אַנדערער „יוריסדיקציע" ווי מיינע און זיי זאָלען ווערען גע'משפט דורך מיר אָדער דורך מיין שטעל־פאַרטרעטער. די אידען צווישען זיך דאַרפען זיך לאַדען נאָר אין זייערע געריכטען אזוי ווי אין אַלע שטעדט לויט די פריווילעגיען פונ'ם קעניג ירום־הודו.

ווען די אידען וועלען זיך פיהלען באַ'עוולט פון אַ פסק־דין אָדער דורך אַ דעקרעט פון מיין שטעל־פאַרטרעטער קענען זיי אַפּעלירען צו מיר אַלס העכערען געריכט. אַלע נאָך נישט באַשטראָפטע דאַרפען אַליין שווערען, און די שוין באַשטראָפטע דאַרפען אין זייער שוהל שווערען לויט זייערע מנהגים, ס'זאָל אויף זיי פאַלען די שאַנד פון דער גאַנצער קהלה. אַלע אידען זיינען באַפרייט פון יעדער אַרבייט לטובת דעם שלאָס, ווי צוצושטעלען פוהרען אָדער אַנדערע פאָלוואַרק־אַרבייט. דערפאַר דאַרפען זיי איינצאָהלען 2 גילדען און דאָס פאַר דעם, וואָס זיי נעהמען נישט קיין אַנטייל אין אָפּ־שניידען די תבואה אָדער אין פאַרריכטען די וועגען. דאַרף יעדער איד איינצאָהלען אין 2 ראַטעס אין דער גמינע, 1 גילדען די וועלכע אין רינג־פלאַץ און 15 גראָשען די וועלכע וואוינען אופ'ן וואַל און אין דער הינטער־גאַס. אָבער קוימען־שטייער און אַנדערע שטייערען דאַרף שטוב נאָך שטוב איינצאָהלען. ביים אָפּשאַצען די שטייערען דאַרפען זיין אנוועזענד עלטערע אידען פון קהל.

ווען איין איך פאַרקויפט דעם אַנדערען אַ הויז אָדער אַ גרונט, דאַרפען ביידע צדדים באַצאָהלען דעם לאַנד־וואָיט 2 גילדען.

איך דערלויב די טשארטקאָווער אידען ארויסצופיהרען ליגענדיג האָלץ פון מיינע וועלדער, צו הייצען און פאַר וויינגערטנער, אָבער אַרבייטען אין וואַלד טאָרען זיי נישט אין די חגאות און זונטאָג ערשט נאָך דער תפלה פון פאַרנאַכט. די השגחה איבער דעם גיב איך איבער דעם דאָרמיניקאנער קלויסטער.

די אידישע וויינגערטנער באַזיצער טאָר מען נישט צוציהען צו קיין ספּעציעלע אַרבייטען און אָפּצאָהלען, אַ חוץ בראַנפען, מעד און ביער פאַר׳ן הויף. כדי אָפּצוהיטען פאַר פייער, דאַרף יעדעם הויז און יעדער וויינגאָרטען האָבען אַ הויכען לייטער, אַ שפּריצער און אייזערנע כלים.

די אַלע פרייהייטען גיב איך זיי מעתה ועד עולם און וואָס איך באַשטעטיג מיט מיין אייגענער חתימה.

דאָס איז געשריבען אין טשארטקאָווער שלאָס, דעם ערשטען מערץ אין יאָהר 1722, לויט קריסטליכער צייט־רעכענונג.

סטעפאן פּאָטאָצקי, טערעזא פּאָטאָצקא, יאָאכים פּאָטאָצקי.

באַגריסונג פון

מר. און מרס. יצחק פישער

און פאַמיליע

ר׳ ישעיה מאיר שפּיראָ

פון א. ליטווין

די מערקווירדיגע עפּאָכע פון דער אידישער גייסטיגער ערוואַכונג אין אָנהויב און אין מיטען פונ׳ם פאָריגען יאָרהונדערט, האָט ניט געהאַט קיין שענערע פּערזענליכקייט, ווי עס איז געווען דער טשאָרטקאָווער רב רבי ישעיה מאיר שאַפּירא. דער קומענדער אידישער היסטאָריקער וועט מוזען צו אָט אַזעלכע העלדען אונזערע געבען דעם פּלאַץ, וואָס זיי פאַרדינען, און ניט איין דור וועט זיך באַגייסטערען פון זייער לעבנסגעשיכטע פול מיט ליעבע און זעלבסט־אויפּאָפּפערונג פאר דאָס גליק פונ׳ם פאָלק.

ר׳ ישעיה מאיר שאַפּירא איז געווען אַ שטילע נאַטור, וואָס האָט זיך באַנוגענט מיט דעם קרייז בלויז פון זיין שטעדטעל. נאָר אין אָט דעם קרייז האָט ער ארויסגעוויזען אַזאַ טיעפקייט און רייכקייט פון נאַטור, האָט געלאָזען אַזעלכע טיעפע שפּורען אין די נשמות, אין די הערצער פון מענשען, פון גאַנצע דורות מענשען, האָט ענטוויקעלט אַזאַ פּיעלזייטיגע ערציהונגס־טעטיגקייט, אַזאַ מעכטיגען איינפלוס אויף די פאַרשיידענסטע מענשען, אַז איהר בלייבט שטעהן פאַרוואונדערט, ווי נאָר איהר ווערט אַביסעל באַקאַנט מיט זיין לעבען און ווירקען.

ר׳ ישעיה מאיר שאַפּירא איז געקומען אין טשאָרטקאָוו מיט אַ 90 יאָהר צוריק, געקומען איז ער פון מעמעל, אין פּרייסען, ביי דער רוסישער גרענעץ. ער איז געקומען מיט צוויי יאָהר פריהער, איידער ר׳ דוד משה׳ניו, דער אַלטער טשאָרטקאָווער רבי האָט זיך דאָרט באַזעצט. ער האָט געהאַט סמיכה פונ׳ם לעמבערגער רב, ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָן. טשאָרטקאָווער רבנות איז געווען איינע פון די גרעסטע אין גאַליציען. ר׳ ישעיה מאיר שאַפּירא האָט שטאַרק אויסגענומען און איז באַשטימט געוואָרען פאַר קרייז־ראַבינער.

נאָר אין אַ קורצע צייט אַרום האָבען טשאָרטקאָווער אידען גענומען קוקען קרום אויף זייער רב. עפּעס האָט ער זיך געהאַלטען ווייט פון די נגידים און לומדים. אנשטאט דעם האָט ער מקרב געווען יונגע לייט, האָט

די מצבה פון הרב שאַפּירא ז"ל מיט דער פּרוי

זיך גע'עוסק'ט עפּעס מיט דעם המון. אַז אַ בעל מלאכה איז אַריין צו איהם, פלעגט ער איהם אונטערטראָגען אַ שטוהל און בעטען זיך זעצען — אַזאַ זאַך, וואָס קיין רב האָט עס נאָך ניט געטאָן.

אין גיכען האָבען טשאַרטקאָווער אידען זיך דערוואוסט נאָך גרעסערע „חטאים" אויף זייער רב, אַז חוץ אין ישיבות האָט ער אויך געלערנט אין די אוניווערזיטעטען, אין בערלין און אין ברעסלאו, אַז ער איז געווען אַ חבר מיט'ן היסטאָריקער גרעץ, מיט'ן וויענער ראבינער דר. יעלינעק, און מיט ר' זכריה פראנקעל. אמת, קיין „דאָקטאָר" איז ער ניט געווען אַזוי ווי זיי, די חברים זיינע. מ'האָט איהם געוואָלט געבען דעם טיטעל, האָט ער ניט געוואָלט נעהמען, פּונקט ווי ער האָט ניט געוואָלט נעהמען דעם טיטעל „רב", אַזוי לאַנג, ווי ער האָט געהאַט פון וואַנען צו לעבען אָהן רבנות. וואָרום פּונקט ווי ער האָט פריהער געלערנט תורה „לשמה", ד. ה. פון דער תורה וועגען, אַזוי האָט ער שפּעטער געשטודירט אין די אוניווערזיטעטען „לשמה" פון דער חכמה וועגען.

די רבנות גופא האָט ער גאָר פאַרשטאַנען אויך אויף אַ מאָדנעם אופן. ניט זיצען טאָג און נאַכט נאָר איבער דער גמרא; ניט פּלפּלען זיך איבער אַ פּינטעל פון אַן אות מיט די לומדים און שעהנע באַלעבאַטים, נאָר זיין אַ לעהרער פאַר'ן פאָלק, פאַר'ן אָרימען, פּשוט'ען פאָלק.

אָט אַזוי, האָט ער אַלע שבת געלערנט מיט בעלי מלאכות; האָט געעפענט אַ נייעם סאָרט חדר, אַ ליכטיגען און אַ ריינעם, מיט בענק, ווי אין אַ שולע, וואו מ'האָט געלערנט די אָרימע קינדער, איבערהויפּט די בעלי מלאכות, אי אידישע, אי אַלגעמיינע למודים. האָט אָרגאַניזירט די האַנד־ווערקער אין אַ פאַראיין „יד חרוצים" מיט אַ פאָלקאָם מאָדערנער, אייראָ־פּעאישער, פון דער רעגירונג באַשטעטיגטער קאָנסטיטוציע, לויט זעהר אַ ברייטען פּראָגראַם פון זעלבסטהילף און זעלבסט־בילדונג. דאָס איז געווען די ערשטע אידישע אַרבייטער־אָרגאַניזאציע אין דער וועלט, געבויט אויף קולטורעלע יסודות, אין גייסט פון דער נייער צייט. ער האָט געגרינדעט אַ קאָאָפּעראַטיווע באַנק פאַר בעלי מלאכות — די ערשטע אידישע קרעדיט־געזעלשאַפט פון פאָלק און פאַר'ן פאָלק. ער האָט אידישע יונגע לייט, וואָס האָבען זיך גענומען צו השכלה, ניט בלויז ניט פאַריאָגט, נאָר שטאַרק צוגע־צויגען צו זיך, אַפילו גוי'אישע ביכער זיי געליהען און געלערנט, און עצות געגעבען זיי און קשיות זיי פאַרענטפערט סאַי אין גמרא, אין אַ תוספות, סאַי אין „רמבם", סאַי אין אַ פראַגע פון „קדמות העולם", פון „בחירה און השגחה", סאַי אין אַ שווערער שטעלע אין „שילער" און „געטע". ער האָט געשריבען אין „המגיד", האָט אויסגעשריבען די צייטונגען און געגעבען זיי

לעזען אידישע יונגע לייט. ביז איהם האָט טשאָרטקאָוו ניט געוואוסט וואָס איז דאָס אַ צייטונג.

איז דען יעדער איינער פון די דאָזיגע „חטאים" ניט גענוג צו פּסל'ען אַזאַ רב? אריינלעגען איהם אין חרם?..

היינט בפרט אָט די אַלע מורא'דיגע „עבירות" צוזאַמען!

האָט טאַקע זעהר וועניג צייט געדויערט די רוהיגקייט פון דעם רב שאַפּירא.

אַ דיין איז געווען אין טשאָרטקאָוו, דער סאַנדזוער ד י י ן האָט ער געהייסען. האָט ער אויפגערופען אַן עולם אין שול, געעפענט דעם ארון קודש, אַריינגעוואָרפען זיך מיט געוואלדען: „ראַטעוועט, אידען! די תורה, די אמונה איז אין סכנה!"...

און טשאָרטקאָווער אידען האָבען זיך געוואָרפען „ראַטעווען".

האָט מען דעם רב שאַפּירא פון רבנות אַרויסגעוואָרפען און דעם סאנזער דיין אויף זיין פּלאַץ געזעצט. מ'האָט גע'אסר'ט שדוכים טאָן, א מגע ומשא האָבען מיט שאַפּירא'ן און זיינע אָנהענגער; מ'האָט איהם מיט מסירות פאַרפאָלגט, באַשולדיגט איהם אין וואָס איהר ווילט: אז ער מאַכט פאַלשע געלד; אַז ער איז אַ פריי־מויערער, אַז ער האָט געמאַכט אַ חברה קאָמו־ניסטען. מ'האָט געמאַכט אויף איהם און די זייניגע פּאָגראָמען; ווייבער האָבען אויף איהם שטיינער געוואָרפען, האָבען איהם מיט בלאָטע פאַר־וואָרפען און געשריען ווי מ'שרייט אויף אַ משומד: „קוגעל!" באַצאָהל פאַר'ן „קוגעל!"

און אַז דאָדיע באַנדער, איינער פון זיינע טרייע אָנהענגער, — אַ איד אויף איין אויג, אָבער אַ גבור, האָט זיך אַמאָל געוואָלט אַ לאָז טאָן צו אַ גאַסעניונג, וואָס האָט דעם רב מיט בלאָטע פאַרוואָרפען, האָט איהם שאַפּירא אָבגעהאַלטען: „נעהם זיך ניט אָן מיין קריוודע; גאָט וועט משפּט'ן".

רוהיג האָט דער רב פאַרטראָגען אַלע פאַרפאָלגונגען, אַלע צרות, וואָס זיינע פריינד האָבען איהם אָנגעטאָן. ער האָט קיין איין שלעכט וואָרט געגען זיי ניט אויסגערעדט, קיין איין בייזען בליק אויף זיינע זידלער און באַליידיגער ניט געוואָרפען. נאָר פעסט און זיכער איז ער געגאַנגען זיין וועג; מוטיג און זיכער אין זיין אמת האָט ער געטאָן זיין גרויסע אויפ־קלערענדע אַרבייט פאַר'ן פאָלק.

אָרים האָט ער געלעבט. איהם האָט ניט געקימערט, וואָס ער האָט פאַרלאָרען די רבנות. ס'איז געווען טעג, וואָכען, וואָס ביי איהם אין שטוב

איז קיין געקעכטס ניט געווען, וואָס ער, ווייב און קינד זיינען זשעדנע געווען אַ שטיקעל ברויט, נאָר קיינער האָט ניט געוואוסט, און ער האָט זיך פאַר קיינעם ניט געקלאָגט. אַ מענש אַ געלעהרטער, סאַי אין אידיש, סאַי אין אַלגעמיינע וויסענשאַפטען; אַ מאַן וואָס האָט גלענצענד געענדיגט צוויי אוניווערזיטעטען; וואָס האָט נאָר געדאַרפט איין פּיפּס טאָן, וואָלטען איהם זיינע חברים און פריינד אין וויען, אין בערלין געקראָגען די פיינסטע שטעלע פון ראבינער, אָדער אַן אַנדער בכבוד'יגען אַמט, וואָס וואָלט איהם געבען פיינע חיונה, האָט ער ניט געוואָלט פאַרלאָזען די קליינע פינסטערע שטעדטעל, וואו ער האָט זיך געפיהלט נויטיג, וואו ער האָט געהאַט אַזוי פיעל פריינד און פערפאָלגער, אָבער אויך ניט ווייניג תלמידים, אָנהענגער, פריינד, וואָס זיינען יעדע מינוט גרייט געווען פאַר איהם זייער לעבען אָבצוגעבען.

זיין שטוב איז געווען אָפען ביי טאָג און ביי נאַכט פאַר אַלעמען, ווער עס האָט נאָר געוואָלט אַריינקומען צו איהם, ווער עס האָט זיך גענויטיגט אין זיין טרייסטענדיג און באַלעהרענדיג וואָרט. אַמאָל, — דערצעהלען טשאָרטקאָווער אידען — איז ער געזעסען ביי זיך אין חדר, און געגעסען וועטשערע. ס'איז געווען שפּעט: עלף אַ זייגער אין אָבענד. ביי איהם איז געזעסען אַ יונגער מאַן, עקסטרא געקומען צו איהם פון קאָלאָמעא פרעגען אַ קשיא — עפּעס אַ הארבע שטעלע אין געטעס „פאוסט". זופּענדיג זיינע שיטערע קרופּניק האָט ער דערווייל דעם יונגען מאַן ברייט פאַנאַנדער־גערעדט דעם גאַנצען ענין, וואָס האָט איהם געאַרט.

אין מיטען עפענט זיך האַלב די טיר און איינער שטעקט אַריין דעם קאָפּ, און שטעהט אונענטשלאָסען אויף יענער זייט טיר. דאָס איז געווען אַ טשאָרטקאָווער באַלעבאָס, ניט פון זיינע תלמידים, נאָר אויך ניט קיין געגנער. ער איז שוין לאַנג ביי איהם ניט געווען, פון עטליכע יאָהר.

שאַפּירא איז אַביסעל פאַרוואונדערט און אונרוהיג געוואָרען. וואָס קען דאָס זיין, וואָס אַט דער מענש איז צו איהם אַזוי שפּעט געקומען?

ער בעט איהם אַריין און פרעגט איהם, מעהר מיט די אויגען, ווי מיט'ן מויל, די סבה פון זיין שפּעטיגען וויזיט.

יענער איז ביסלעכווייז אַריין ווייטער אין שטוב, ווי פערבליפט, ווי עפּעס זוכענדיג אַ וואָרט און ניט וויסענדיג, ווי אָנצוהויבען. האָט עפּעס געשטאַמעלט, נאָר סוף כל סוף איז קלאָר געוואָרען, וואָס עס האָט איהם גע־טריבען אַזוי שפּעט צום רבי'ן.

ער האָט געלערנט דעם „חובת הלבבות", האָט זיך פאַרטיפט אין דעם

ענין פון „קדמות העולם“, „אייביגקייט פון דער וועלט“, און פון „ענין יצירה“ — באשאפונג פון דער וועלט, האט זיך פארפלאנטערט און ניט געוואוסט, ווי אזוי ארויסצופלאנטערן זיך, איז ער געקומען צום רבי׳ן.

דער רבי האט אבגערוקט דעם טעלער מיט די קרופניק, האט אבגעווישט מיט זיין טיכעל די וואנצעס און די בארד און האט איהם גענומען „מסביר“ זיין, ס׳הייסט געבען צו פארשטעהן — די „יצירה“ (שאפונג) אין דעם זין פון דער ענטוויקלונגס־טעאריע, ווי די וויסענשאפט פון אונזער צייט מאלט און ערקלערט זי, אבער אזוי פארזיכטיג מיט פשוט׳ע ווערטער פונ׳ם אלטעגליכען לעבען און מיט׳ן לשון פון די אלטע ספרים, אז די וויסענשאפט האט אין טשארטקאווער בעל־הבית געקראגען א נייעם פריינד און דער אויטאריטעט פון „חובות הלבבות“ איז אויך ניט געשעדיגט געווארען.

אבגע׳פטר׳ט את דעם אידען, האט דער רב פארענדיגט די „שאלה“ פון דעם צווייטען אין „פאוסט“, אויך אויפ׳ן זעלביגען שטייגער, און צום סוף זיינעןביידע אידען אזוי באגייסטערט געווארען, אז זיי האבען זיך געווארפען מיט טרערען פון דאנקבארקייט צו דער ערד קושען די פיס פון דעם רבי׳ן.

שאפירא האט אן אונגעהייערע ווירקונג געהאט אויף זיינע אנהענגער און תלמידים. אין רעכטען ברען פונ׳ם קאמף, איז שוין אין טשארטקאוו לאנג געווען דער רבי, ר׳ דוד משה׳ניו, דעם ריזשינער׳ס זוהן. ער האט געהאט א מאכט אויף צעהנדליגער טויזענדער חסידים אין דער גאנצער וועלט. טשארטקאוו גופא האט זיך געבויגען פאר זיין טראן, און בלויז פאר א ווינק זיינעם איז אלץ אונטערטעניג געווען.

און דאך האט דאס הייפעלע „שאפירניקעס“, וואס איז באשטאנען מיט קליינע אויסנאמען, נאר פון „בעלי מלאכות“, ארויסגעוויזען א לייבען־מוט אין קאמף פאר דער השכלה און פאר זייער רבי׳ן. זיי האבען אנגעפיהרט דעם קאמף יאהרענלאנג און האבען געזיגט. טשארטקאוו איז צוטיילט געווארען אין צוויי מחנות: „חסידים“ און „שאפירניקעס“. די „שאפירניקעס“ האבען אויסגעקעמפט זייער פאזיציע, זייער געוויסענ־פרייהייט און עקזיסטענץ־רעכט. זיי זיינען געווארען א גלייכע מאכט מיט די חסידים. קיין חסיד, אפילו דער רבי אליין, האט ניט געוואגט אנצוריהרען א שאפירניק. זיי, די שאפירניקעס, האבען געהאט זייער אייגענע קלויז, אייגענע שולען, זייער אייגענעם שוחט, האבען זיך געלעבט אין דער חסידישער שטעדטעל גאנץ פריי, אויף זייער משכילישען שטייגער. די חסידים האבען געמוזט ענדליך שאפירא׳ן אליין לאזען צו רוה. עס זיינען געווען פאלען, ווען זיינע ביטערסטע פארפאלגער, פול מיט חרטה, געבויגען פון זיין אונענדליכער מילדקייט און מאראלישער גרויסקייט, זיינען געקומען צו איהם, געפאלען צו זיינע פיס און געבעטען, ער זאל זיי מוחל זיין.

זיינע אָנהענגער און תלמידים האָבען איהם געוואָלט און געקענט אויסהאַלטען, אַלס זייער רב, בכבוד, נאָר שאפּירא האָט ניט געוואָלט זיין קיין רב, ניט געוואָלט לעבען, ווי אַ כלי קודש. ער האָט געהאַט זיינע קאַרגילעבענסמיטעל פון דער שטעלע, וואָס ער האָט פאַרנומען אין דער קרעדיט־געזעלשאַפט, וואָס ער האָט געגרינדעט פאַר די בעלי מלאכות.

די אָרימקייט און פאַרפאָלגונגען האָבען אָבער אונטערגראָבען זיינע קרעפטען, און שאַפּיראָ איז געשטאָרבען, נאָך ניט קיין אַלטער מאַן, אין דעם עלטער פון 58 יאָהר. (אין יאָהר 1886). ער האָט געלאָזען אַ זוהן אין דווינסק, אַ באַריהמטער מיליטערישער דאָקטאָר, איינער פון די איינציגע מיליטערישע דאָקטוירים אין רוסלאַנד. דעם דאָקטאָר׳ס טאָכטער, שרה שאַפּיראָ, אַ העברעאישע דיכטערין איז באַריהמט געוואָרען אין דער ציוניסטישער וועלט מיט איהר ליעד „אל טל ואל מטר“, נאָך דער „התקוה“, די צווייטע ציוניסטישע „מארסעליעזע“, וואָס ווערט געזונגען פון אַלע ציוניסטען, פון קליין ביז גרויס.

ביי זיין שטאַרבען האָט שאַפּיראָ אַרויסגעוויזען דעם זעלבען איידעלמוט אין זעלישע גרויסקייט, ווי פאַר זיין לעבען. ער האָט אַריינגערופען זיינע נאָהענטע מענשען, האָט זיי געבעטען, עס זאָל זיין צווישען זיי שלום. זיי זאָלען זיך האַלטען רוהיג אין באַטרעף צו די געגנער; זיי זאָלען זיך ניט קימערן, אויב די שונאים וועלען נאָך זיין טויט, זיך וועלען נוקם זיין אָן איהם. זיי זאָלען זיך ניט שטעלען אַנטקעגען, אויב מ׳וועט איהם געבען אַן אָרט אפילו אונטער׳ן פּאַרקען, ווייל „גאָט וועט משפּט׳ן, — דאָס איז געוועזען שטענדיג זיין וואָרט ביים לעבען, און דאָס זיינען געוועזען זיינע לעצטע ווערטער ביים שטאַרבען. נאָר האַלטען זיך רוהיג, — האָט ער זיי פונדעסטוועגען געהייסען, — זאָלען זיי ניט אָבטרעטען פונ׳ם וועג, וואָס ער האָט זיי געלערנט. **זאָלען ניט געהן דאָרט וואו מ׳שעלט, און דאָרט וואו מ׳בענשט פאַר געלד.**

און די „שאַפּירניקעס“ זיינען געבליבען טריי דער צואה פון זייער רבי׳ן. אַ סך פון זיי לעבען נאָך איצט אין טשאָרטקאָוו. אַ סך פון זיי זיינען אין אַמעריקא. מיט פיעל פון זיי האָב איך גערעדט אין טשאָרטקאָוו. דאָס איז אַ מערקווירדיגער טיפּ בעלי מלאכות. איהר באַגעגענט זעהר ווינציג אַזעלכע אין אנדערע שטעדט. אַ מאָדנע עדעלקייט און אינטעליגענץ ליגט אויף זייערע פּנים׳ער, אין זייער באַנעהמונג, אין זייער ריידען. זיי זיינען אויפריכטיג רעליגיעז און דאָך זעהר ענטוויקעלט גייסטיג. אין זיי האָט זיך ערהאַלטען דאָס שענסטע, דאָס ערהאַבענסטע פון דער השכלה־עפּאָכע. זיי זיינען צו מעהרסט ציוניסטען. לעבען צווישען זיך ברידערליך.

די אָרגאַניזאַציע און אינסטיטוציעס, וואָס שאַפּירא האָט ביי זיי באַשאַפען, האָט זיך פאָלקאָם ערהאַלטען ביז איצט. אַזאַ סאָלידאַריטעט, אַזאַ גרייט־קייט צו העלפען, צו שטיצען איינער דעם אַנדערען אין אַ נויט, האָב איך ניט געפונען אין קיין אידישער חברה.

ביי יעדען שאַפּירניק אין הויז הענגט אונטער אַ גלאָז דאָס בילד פון זייער רבי'ן, לעהרער און וועג־ווייזער. זיי באַציהען זיך צו זיין אנדענקען מיט דעם טיעפסטען רעספּעקט און ריהרענדסטער ליעבע. ביי יעדער געלעגענהייט, ווען „שאַפּירניקעס“ קלייבען זיך צוזאַמען, דערצעהלט מען אָהן אַ סוף, מעשיות און לעגענדען פון איהם, פון זיין לעבען און ווירקען, פון יענע קאַמפען און פאַרפאָלגונגען. יעדער שפּרוך זיינער איז ביי זיי הייליג, און דיעזעלביגע ליעבע, צום אנדענקען פון דעם רבי'ן, פלאַנצען זיי איין אין זייערע קינדער און קינדס־קינדער.

צווישען די „שאַפּירניקעס“ זיינען אויך געווען אינטעליגענטען. אי די אַרבייטער, אי די אינטעליגענטען האָבען אַרויסגעגעבען פון זיך אַ גאַנצע רייהע קעמפער, העלדען, אידעאַליסטען, בכלל, זעהר אָריגינעלע און מערק־ווירדיגע טיפּען, ניט ווענינגער אָריגינעל און מערקווירדיג ווי שאַפּירא אַליין.

שמחה רינטעל ע״ה

פון אַ פריינד

דער נאָמען ר׳ שמחה רינטעל איז ניט נאָר באַקאַנט צו די טשאָרטקאָווער לאַנדסלייט, נאָר אויך אַ סך מאָל דערמאָנט אין די שריפטען וואָס מען האָט געשריבען וועגען רב ז״ל. ר׳ שמחה רינטעל קען פאַררעכענט ווע-



שמחה רינטעל ע״ה

רען פון די ראשונים, פון די ערשטע וואָס האָבען זיך אָנגעשלאָסען צום רב׳ס ז״ל צד. ער איז געווען אַ אמת׳ער קעמפּער, ער האָט גע-האָט אויסצושטעהן אַ היבש ביסעל צרות דערפון, ווייל דער חסידישער צד האָט איהם ניט געוואָלט געבען צו פאַרדינען ווייל ער איז געווען אַ „שאַ-פירניק״, נאָר ער איז ניט געווען קיין איבערגעשראָקענער, ער האָט געזעהן, אַז דאָרט, ביים רב הייסט עס, קען מען לערנען, און דאָס איז וואָס ר׳ שמחה רינטעל האָט געוואָלט. דעם אמת געזאָגט איז ר׳ שמחה רינטעל אין די יונגע יאָהרען ניט געווען קיין למדן, נאָר ער האָט געזאָגט, נפשו השקה

בתורה, ס'האָט איהם געצויגען צום לערנען, און דאָרט האָט ער געטראָפען דעם ריכטיגען מקור, דעם בעסטען קוואַל וואו מ'קען שטילען דעם דורשט פון לערנען.

אַ סך טשארטקאָווער אידען געדענקען, איבערהויפּט די וואָס האָבען געדאַווענט אין „יד חרוצים", האָבען גוט געקענט ר' שמחה רינטעל, ווי ער פלעגט דאַווענען פאַר'ן עמוד, ווייל דאָרט איז ער געווען דער ערשטער צו גרינדען דעם „יד חרוצים". ס'האָט איהם געקאָסט אַ סך פּלאַגע און מיה ביז ער האָט געזעהן דאָס שניידערשע שיהלכעלע (אַזוי האָט מען דאָס גע־רופען) די „יד חרוצים" פאַרטיג מ'זאָל דאָרט קענען דאַווענען און לערנען. דאָרט האָט ער געדאַווענט פון דעם ערשטען טאָג ווען דאָס איז פאַרטיג געוואָרען ביז זיינע לעצטע טעג, דאָס איז אַ חשבון פון כמעט 50 יאָהר. דאָרט האָט ער יעדן שבת געלערנט אין דער פריה און 4 אוהר בייטאָג. אין דער פריה האָט ר' יהושע'לע פרעמיגער ז"ל געלערנט נאָכ'ן ערשטען מנין, וויפיעל ס'האָט געדויערט דאָס דאַווענען פון דעם צווייטען מנין, וואָס ר' שמחה רינטעל האָט קיין מאָל ניט פאַרפעהלט און האָט פאַרנומען זעהר אַ חשוב'ן פּלאַץ צווישען די וואָס האָבען געלערענט. ער ווערט פאַררעכענט צווישען די חשוב'ע אָנהענגער צוזאַמען מיט זיינע חברים משה העללערבאך עה", דוגעביימער ע"ה און חיים הערש העלמאַן ע"ה. דאָס זיינען געווען זעהר חשוב'ע אונטערשטיצער פונ'ם רב ז"ל און שפּעטער אונטערשטיצער פונ'ם ציוניזם וואָס דאָס האָבען זיי גע'ירש'נט פון רב ז"ל. ר' שמחה רינטעל ע"ה האָט אין ניו יאָרק 4 זיהן וואָס באַלאַנגען צו דער „שפּירא פאַראיין" און דער עלטסטער זוהן מרדכי רינטעל איז יעצט דער פּרע־זידענט פונ'ם פאַראיין, דער צווייטער זוהן יחזקאל רינטעל איז שוין אויך אַ סך מאָל געווען פּרעזידענט פונ'ם פאַראיין און יעצט אַן אַקטיווער מיטגליד פונ'ם אַראַנדזשמענטס קאָמיטע, וואָלף רינטעל דער 3־טער זוהן איז אַ מיטגליעד פונ'ם פאַראיין, און דער אינגסטער זוהן זעליג רינטעל איז זעהר טהעטיג אין דער אראנדזשמענט קאָמיטע, די טאָכטער רבקה, וואָס איז די פרוי פון ר' ישראל גאָלדשטיין און זייער זוהן בערל גאָלדשטיין באַלאַנגען אויך צו דער „שפּירא פאַראיין".

טשאָרטקאָווער שעהנע טיפּען פון דער געגענוואַרט

פון בית גימל

אַזוי ווי גאָר ווייניג מענשען פאַרנעמען זיך ביי אונז מיט כלל־אַרבייט, איז דאָ כדאי צו דערמאָנען באַזונדערס צוויי מענשען, וואָס מיט זייער



אפּטייקער פּאלעק



אַדוואָקאַט דר. קיממעזמאַן

איבערגעגעבענער אַרבייט פאַר'ן כלל פאַרדינען זיי, אַז מ'זאָל זיי פאַראייביגען. דאָס איז דר. יאָזעף קימעלמאַן און אפּטייקער מוריצי פּאלעק.

דר. יאָזעף קימעלמאַן, געוועזענער בירגערמייסטער פון אונזער שטאָדט

און ראדניק פון דער אידישער קהלה, נעמט אַ שטאַרקען אנטייל אין יעדער אידישער אנגעלעגענהייט. ער האָט געגרינדעט דאָס רעטונגס־קאָמיטע און אָנגעפיהרט מיט דער גאַנצער אַרבייט. נאָך זייענדיג בירגערמייסטער האָט ער געהאַט די געלעגענהייט אַרויסצואווייזען זיין איבערגעבענהייט פאַר אַלע אָרימע מענשען. נישטאָ קיין איין כלל־אַרבייט אין שטאָדט, וואָס דר. קימעלמאַן זאָל נישט נעהמען קיין שטאַרקען אַנטייל, פאַרנאַכלעסיגט זיינע אייגענע געשעפטען, ווי צ. ב. ווען עס זיינען געווען אַרעסטירט 10 אידישע אָרימע אינגלעך אין קרימינאַל פאַר אַ בלבול, וואָס מ׳האָט אויף זיי געמאַכט, אַז זיי האָבען דערטרונקען 2 פוילישע זעלנער, האָט דר. קימעלמאַן אָרגאַניזירט די גאַנצע פאַרטיידיגונג, אויסגעגעבען פון זיין אייגענער קעשענע אַ סך געלט און נישט גערוהט, ביז ער האָט ניט געזעהן די אינגלעך באַפרייט.

דער צווייטער, דער אַפטייקער מויריצי פאַלעק, וויצע בירגערמייסטער פון דער שטאָדט אַ געוועזענער ראַדניק פון דער אידישער קהלה, שטעהט אַ לאַנגע צייט אין דער שפּיץ פון די ציוניסטען, שפּעטער האָט ער זיך צוריקגעצויגען פון דער אָנפיהרערשאַפט און האָט זיך איינגאַנצען איבערגעגעבען בלב ונפש צו כלל־אַרבייט. נישטאָ דער צווייטער, וואָס זאָל זיין אַזוי פּאָפּולער ביים פאָלק ווי דער „אַפּטייקער". מיט יעדער זאַך לויפט מען צום ערשטען צום „אַפּטייקער", צי נאָך אַ אומזיסטיגען רעצעפּט, צי טאַקי נאָך געלט פאַר׳ן „דאָקטאָר׳ס" וועגען, צי ביי איינעם פאַלט איין דער דאַך, ביים צווייטען האָט אַ „פּאָליציי" פאַרשריבען, ביים דריטען סתם „עפּעס" אַ באַגעגעניש, אַלעס לויפט מען צום „אַפּטייקער" און דער „אַפּטייקער" פאָלעק זאָגט ניט אָפּ קיינעם. ווער ס׳געדענקט ניט פאַר אַ צוויי־דריי יאָהר אין די גרויסע פרעסט, אַז ס׳האָט געדראָהט, אַז הונדערטער אָרימע לייט זאָלען אויסגעפרוירען ווערען, ווייל ס׳איז פּשוט ניט געוועזען קיין קוילען צו באַקומען, און אונזער קהל האָט זיך ניט וויסענדיג געמאַכט, אָדער קיין צייט ניט געהאַט, נעהמט דער אַפּטייקער פאַלעק און שטעלט צונויף אַ קאָמיטע פון נאָך צוויי אידען און דעם צווייטען טאָג אינדערפריה האָט מען שוין געטיילט קוילען אומזיסט.

אַזעלכע צוויי כלל־טהוער זיינען ווערטה צו קריגען אַן עפּענטלעכען „יישר־כח" ביים יובילעאום פון אונזערע לאַנדסלייט אין אַמעריקע.

אַ באַגריסונג פון אַ עקס פּרעז. און אַ מעמבער אין דער אַראַנדזשמענט קאָמיטע יחזקאל רינטעל



מרס. רינטעל

יחזקאל רינטעל

דאָס גרעסטע פערגעניגען אין מיין לעבען איז יעצט ווען איך בעגריס מיין חשוב׳ען פעראיין צו דער פייערונג פון דעם 40־יעהריגען יובילעאום. „טוב שם משמן טוב" קען געזאָגט ווערען אויף אונזער פאַראיין וואָס איהר נאָמען איז גוט און די מעשים זיינען גוט. זי גיט צו די ברידער דאָס וואס מ׳איז פארפליכטעט און גיט ארוים צדקה צו אויטסיידער וואָס ווענדען זיך צו אונזער פאַראיין, וואָס רופט זיך „טשאָרטקאָווער הרב ישעיה מאיר שפּירא פעראיין". און דער פעראיין וואָס איך באלאנג שוין דאָרט איבער 3 צעהנדליג יאָהר. כ׳האָב געהאַט דעם כבוד צו זיין פּרעז., וואָס מ׳האָט מיך פּרעזענטירט מיט אויסצייכנונג פאר מיין גוטער ארבייט. איך נעהם יעצט אַן אַקטיווען אַנטייל אין דער אַראַנדזשמענט קאָמיטע. ס׳איז אַ תענוג צו אַרבייטען מיט די פעראיינס מיטגלידער בכלל און מיט דער אראנזשמענט קאָמיטע בפרט און איך ווינש אלע מעמבערס זאָלען דערלעבען צו פייערען דעם 80 יעהריגען יובילעאום!



ר׳ מאיר לאַנדע ז״ל
אַ תלמיד פונ׳ם רב שאפּירא ז״ל

אַ באַגריסונג פון עקס פּרעזידענט ל. לאנדע

ווערטער זיינען צו וויינינ צו קענען איבערגעבען מיין גרויס פאַרגעניגען ווען איך באגריס מיין ליבלינג פאַראיין צו דער גרויסער שמחה וואָס מ׳פייערט אַצינד, איהר 40 יאָהריגען יובילעאום. דער פאַראיין וואָס איך האָב געהאָלפען ערציהען ווי עלטערען ערציהען זייער קינד. מ׳פלאַגט זיך זעהר פיעל ביז מ׳זעהט פונ׳ם קינד נחת, און ווי גרויס איז די שמחה ביי מיר, ווען די ברידער וועלען זיך אונטערהאַלטען ביי זייער פאַריין׳ס שמחה וואָס איך האָב ניט ווענינער מיה געהאט ווי אַ קינד דערציהען.

זעהר שווערע צייטען האָב איך דורכגעמאַכט מיט איהר, ד. ה. מיט דעם פאַראיין. כ׳בין געווער אַ לענגערע צייט פינאַנץ סעקרעטער, א סך מאָל פּרעזידענט, זעהר גרויסע שטורעמס האָב איך דורכגעלעבט, ביז איך האָב דערלעבט צו זעהן דאָס וואָס איך זעה אצינד אין דעם פאַראיין, מיט מעהר

ווי מיט 30 יאָהר צוריק. ווען איך בין אַ מעמבער געוואָרען איז דער פאַראיין געווען אין זעהר אַ טרויעריגען מצב. די פינאַנציעלע לאַגע איז געווען זעהר שווער, דאָס מ׳האָט געמוזט שליסען דעם בענעפיט פאָנד, אויך איז די מיט־

ל. לאנדע

גלידערשאַפט געווען זעהר ווייניג. כ׳האָב קיין צייט ניט געשפּאָרט, געארבייט ווי פיעל מיינע כחות האָבען מיר ערלויבט, און יעצט ווען מיר פייערען אונזער גרויסען יום טוב פון 40 יעהריגען עקזיסטענץ פון דעם פאַראיין, וואָס איהר באַנער־טרעגער איז הרב ישעיה מאיר שפּירא ז״ל, וואָס איך בין אַ זוהן פון זיינעם אַ תלמיד, וואָס נאָר דאפיר האָב איך אַזוי פיעל צייט אַוועקגעגעבען, איז יעצט אין גוטען פינאַנציעלען מעמד און אויך אַ שעהנע צאָהל מיטגלידערשאַפט, כן ירבו, איז מיין חוב אַצינד צו דער באַגריסונג פון אונזער יום טוב צו זאָגען מזל טוב „שאפירא פאַראיין“.



דוד געטער

באַגריסט די טשאָרטקאָווער שאַפּיראָ פּאַראיין,

וואו זיינע קינדער זיינען פּראָמינענטע מעמבערס

ספר התקנות של החברה פועלי צדק

א) **ראשית** חכמה יראת ה', קיימנו וקבלנו עלינו לעבוד את ד' ביראה וגילה ברעדה ואסור לכל בעל מלאכה לעסוק בשום מלאכה עד שיתפללו מקודם בבה"כ או במנין הקבוע להם, ובפרט ביום ב' וה' יום הקריאה, הלילה להתחיל במלאכה עד אחר יציאת בהכ"נ, והתחייבנו א"ע שכל מי שיעבור על זה יתן זהוב לצדקה, וכן סמוך למנחה בשעה שנשמע קול פטיש על הפתחים, אזי מחוייבים אנחנו להפסיק ממלאכתנו ולילך להתפלל בבה"כ ובעבור זה יברך ה' את כל מעשה ידינו.

ב) **ובראשי חדשים** אסור בעשיית מלאכה עד אחר הצהרים.

ג) **ובחול המועד** חתיכה דאסורא הוא לעשות שום מלאכה, עד שימצא לו הרב אב"ד איזה התרה ע"פ דין ודת תוה"ק והעובר על זה יתן סך שבעה זהובים פול' קנס על בהכ"נ דקהלתנו יצ"ו.

צדק לפנינו ילך שכ"א (שכל אחד) מאתנו יתן א' גדול בכל שבוע ושבוע זולת מה שהתח' א"ע שכ"א מאתנו יתן א' גדול מדי חודש בחדשו.

ד) הגבאי חודש מחויב לילך בעצמו מבית לבית לגבות צדקה הנ"ל ובאם שלא יהיה הגבאי בביתו, אזי ילך הבמקומו לגבות הנ"ל, ואם לא ימצא הגבאי את הבעל בביתו, מחויבת אשתו לסלק הצדקה הנ"ל.

ה) כל מי שיבוא מחדש לתוך החבורה, יתן מעות הקדימה לפי ראות עיני הגבאים וע"פ ראות עיניהם יעריכו אותו וכל היוצא מפיהם יקום ולא יבוא על החתום עד שיסלק כל מעות הקדימה מקודם ולא ישאר חייב אף פרוטה (חסר) ישמש עכ"פ משך שנה אחת ואחר כלות השנה יבוא לתוך החבורה על פי קלפי ויעשה סעודה עבור כל החבורה קודם החתימה.

ו) והלילה לילך לשום „צעך" קודם שיפשר את החבורה הנ"ל, וכל מי שיעבור על זה יתן קנס על החבורה הנ"ל ועל ביהכ"נ דקהלתנו כפי ראות עיני רוב מבני החבורה.

ז) אם לא יסכימו כל בני החבורה על איזה איש, אף אם יתן כל הון ביתו לא יועיל.

ח) מי שיהי' חייב קנס, מחויב הגבאי חודש למשכן אותו ואינו רשאי להחזיר המשכון בלי ידיעת כל הממונים.

ט) ואם שיקרא הגבאי חודש לאיזה איש מאתנו לבוא לחבורה ולא יבוא, אזי יתן קנס ששה גדולים.

י) הגבאי חודש אינו רשאי לפזר בחדשו על התיקון רק לערך ששה גדולים ובסוף כל חודש מחוייב למסור המעות שתחת ידו ליד הנאמן.

יא) גם הפנקס והתיקון יהי' מונח אצל הנאמן.

יב) יזרוק בקלפי ויעלו שלשה בוררים והמה יבחרו שלשה גבאים ובמקום ונאמן ואותם החמשה ממונים יהיו שלשה בעלי מלאכות ושנים מבעלי בתים.

יג) הבוררים רשאים לפזר סך שני זהובים ממעות החבורה ולא יותר.

יד) חתיכה דאיסורא להוציא אף פרוטה ממעות לצורך איזה סעודה, רק שכ"א מאתנו מחוייב ליתן מכיסו לצורך הסעודה כל איש לפי ערכו.

טו) ואותם הנבררים אשר יעלה עליהם הגורל בקלפי או ע"פ בוררים ויתן כתף סוררת ולא יקים את ספר הברית ככל דכתיב ומפורש למעלה, ישלם קנס סך ארבעה זהובים בלי שום מחילה בעולם. כל איש אשר בשם החברה הנ"ל יכונה מחוייב לצאת לקריאת התורה אפילו (חסר) וכל שלא יבוא יתן קנס ג' גדולים. הגבאי מחוייב לצאת אף במנחה של שבת.

יז) כל בעל מלאכה מאתנו אינו רשאי להחזיק אצלו פועל שנה ראשונה, רק לערניונג מותר להחזיק ומשם ואילך מותר.

יח) חלילה לפועל בחור שעדין אין לו אשה לעסוק במלאכה בפני עצמו רק מצורף לאיזה בעל בית מאתנו.

יט) הפועלים נערים יתנו ב' גדולים מכל זהוב, והנשכרים לשנה א' גדול, דהיינו אם יעסקו במלאכתם אצל איזה בעה"ב חתיכות, חתיכות.

כ) ופועל שנה יתנו א' גדול מכל זהוב מכל השכירות שלהם.

כא) כל פועל אשר ילך מבעה"ב שלו בתוך שנתו או בתוך משך שכירתו בשביל איזה מרידה חתיכה דאיסורא לשום בעל מלאכה לקבלו בתוך המשך, והעובר על זה יוקנס כפי ראות עיני החברה, ועכ"פ ילך הפועל בטל ארבעה שבועות.

כב) אם יהי' ריב בין אנשי חברתנו, אזי יוחרץ משפטם לפנינו והקנס חצי על הצדקה שלנו וחצי על בהכ"נ ובה"מ דקהילתנו, רק שמחוייבים להביא לפנינו גביות עדות כתוב וחתום מהרב אב"ד דקהילתנו . . . . רק רשות ביד בעלי הדינים להקריב משפטם לפני הרב אב"ד ומנהיגי הקהלה, והגבאים מחוייבים למשכן את בעלי הדינים עד שיגמר הדין ביניהם.

כד) אם איזה בעה"ב חשוב מיקירי קהלתנו יקח לביתו איזה בעל מלאכה שלא מעירנו לעשות מלאכתו, אזי מחוייב ליתן ג' גדולים מכל זהוב אשר יקח ממלאכתו, אבל זולת זה לא יועיל כל הון ביתו לעשות מלאכתו פה בקהלתנו.

כה) מי שיגיע לכלל עשרים שנה מותר לו (אי אפשר לקרא !).

כו) עשיית הקלפי תהי' בבית הרב אב"ד, רק ישיבות הבוררים לעשות גבאים ושאר ממונים יהי' בבית הבורר הראשון.

כז) בכל שבת קודש יעלו תשעה אנשים לברך על התורה, חוץ מאחרון ומפטיר, רק בפירוש הותנה לשלישי וששי ואחרון ומפטיר לא יקרא לשום איש לברך על התורה שאינו מבני חבורתנו, וזולת זאת כל ישראל המה בכלל ברוך לברכת התורה.

כח) הגבאי חודש מחוייב להשגיח שכ"א ואחד מבני חבורתנו יברך על התורה עכ"פ פעם אחת בחודש, ומי שירצה לכבד כבוד התורה וליתן כבודו לאחר, הן שיהי' אותו איש מבני חברתנו והן שיהי' חוץ מחבורתנו, הרשות בידו.

כט) גם הכהנים ולוים לא יעלו יותר מפעם אחת בחודש, ואחר שעבר משמרתו צריך לילך מבהכ"נ, כדי לקרוא לישראל במקום כהן, ואם יש כהן אורח, מותר לו לעלות לתורה.

ל) קבלנו על עצמנו שלא לעשות שום מלאכה לא בערבי שבתות ולא בערבי יו"ט אחר חצות, רק אם יהי' נחוץ מאוד לצורך יו"ט מותר לגמרו עד סמוך לקריאת הגבר לילך לבה"כ להתפלל תפלת מנחה, והעובר על זה יוקנס סך ארבעה זהובים, חצי עלבה"מ ובהכ"נ דקהלתנו וחצי על הצדקה שלנו.

לא) כל אחד ואחד מבני חבורתנו העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט מלתת לקופת החבורה סך שני זהובים, אשר מזה יותן „מעות רגלים" להרב אב"ד כנהוג ולמנהיגי הקהל (חסר) מדי חודש בחדשו כנהוג, וחלילה חולין לנו להוציא אף פרוטה שלא לצורך גבוה ח"ו, רק ארבעה זהובים

על הוצאות הבוררים וארבעה זהובים לצורך סעודת שמחת תורה מותר לנו להוציא, וחוץ לזה אסור.

לב) בכל חול המועד יהי' קלפי כמבואר לעיל, ואף מי שאינו פה עומד עמנו היום יותן הפתקא שלו בתוך הקלפי, אך אם אין האיש בביתו כל ימות הפסח, אזי לא יותן הפתקא שלו בתוך הקלפי.

לג) כל מי שיכנס בברית אנשי חבורתנו יהי' לו קלפי בשנה הראשונה, רק שלא יהי' לו שום התמנות, ובשנה השנית מותר להיות נאמן או במקום אבל לא גבאי.

לד) כל מי שלא ירצה לקבל שום התמנות, מחוייב ליתן קנס סך ארבעה זהובים, חצי על הבהכ"נ ובה"מ דפה וחצי על הצדקה שלנו, ויוכתב בתוך הפנקס שלא יהי' לו שום התמנות כל ימי חייו.

לה) שלשה בוררים מותרים להיות בתוך הממונים ועל הארבעה לא ישיבנו להיות בתוך הממונים.

לו) אם יבוא איזה חייט לכאן מעיר אחרת ויאמר פה אשב כי אויתיה, וימצא חן בעיני הרב אב"ד ובעיני העדה מנהיגי הקהלה להיות מתושבי העיר, אזי אותו החייט לא יצא במחטו לעשות מלאכתו עד שיסלק לתוך קופת חבורתנו סך חמשה ישנים בלי גרעון פרוטה, ומחוייב להיות שמש אצל החבורה משך שלש שנים רצופים ולא יבוא על החתום עד שיעשה סעודה לכל אנשי חבורתנו ואחר מלאות הימים האלה יכנוס לברית אנשי חברתנו ויהי' לו קלפי כאחד מאתנו.

לז) אם יבוא איזה חייט לכאן מעיר אחרת וירצה לקחת אשה מבנות אנשי עירנו שיהי' לו רשיון מאת אדונינו הקיר"ה על הנשואין כנהוג, אזי הדין כך, אם אותה האשה מבנות אנשי ב"מ (בעלי מלאכה) אשר המה בתוך החבורה דפ"צ, אזי לא יתן יותר משנים ועשרים זהובים פוליש אל החבורה הנ"ל ויהי' שמש כנ"ל בסי' ל"ו, ואם לא תהי' מבנות אנשי בע"מ, אזי יתן ארבעה ועשרים זהובים פוליש להחבורה ויתנהג כנ"ל.

לה) באם שיבוא בע"מ מעיר אחרת לעשות מלאכה אצל אנשי עירנו, אזי מה שישימו הרב דקהלתנו עם מנהיגי קהלתנו מה שיתן עבור זה להחבורה דפ"צ, את זה יתן ולא יותר.

לט) בסוף משך השנה כשירצה לעשות קלפי חדשה הברירה ביד מנהיגי קהלתנו לעיין על החשבון מהכנסה והוצאה דכל השנה או שיבחרו איש אחד במקומם לקבל חשבון מהכנסה והוצאה.

ס"ד (סוף דבר) עוד נזרקה מפי החבורה הנ"ל שאנחנו מחוייבים

לאשר ולקיים את כל התיקונים הכתובים בספר הברית הזה לבל יפול דבר אחד ארצה מכל הא דמפורש ומפורט לעיל, אכן אם המצא ימצא איש אשר לבבו פונה מהתקנות, אזי ענוש יענש מאת אנשי החבורה הנ"ל ולא יבוא בקהל חבורתנו עד עולם.

הים יום עש"ק ער"ח תמוז תקמ"א לפ"ק.

(דאָ געהען ווייטער פריערדיגע תקנות, וואָס הויבען זיך אָן תיקון ז' און ענדיגען זיך ביי תיקון י"ד, אָבער מיט די ווייטערדיגע תקנות געהערען זיי זיך ניט אָן.)

תיקון ז. כל חייט אינו רשאי להחזיק יותר משני פועלים חוץ לערין יונג. גם הפועל אסור לו לילך ליקח אצל הבע"ב שום מלאכה חדשה, רק החייט הבע"ב ילך בעצמו. גם אסור לשום חייט לשכור שום פועל על יום אחד או על שבוע או על חודש רק על רבע שנה וגם על החתיכה שקורין שטיק אסור לשכור, גם כל קייט אסור לו ליקח מלאבת חבירו אף שלא הניח רק הרשם, שקורין קרייט, או אם התחיל מלאכת בגד שקורין געסטעמפּעוועט. גם אסור לשום חייט לילך אצל הבע"ב ליקח המלאכה, אם לא שהבע"ב דיבר לו מתחילה. כל בעל מלאכה שאינו בקי באיסור שעטנז, מחויב לשאול בעלי מלאכה אחרים, וכל מי שיעבור על איזה דבר מכל זה מחויב ליתן קנס ארבעה זהובים, חצי על הבהכ"נ הק' וחצי על החבורה שלנו. שנה ראשונה אחר החתונה אסור לחייט או לקירזנר להחזיק פועל או לערין יונג, שנה שניה מותר להחזיק לערין יונג, שנה שלישי מותר להחזיק אף פועל.

תיקון ח. אסור להחזיק שום פועל אם לא שיכתוב בכתב אצל הרב האב"ד, וכן לערין יונג, וכל פועל מחויב ליתן גדול א' מכל זהוב להחבורה. אם ירצה פועל לילך מן הבעה"ב מחויב להוסיף ד' שבועות.

תיקון ט. כל מי שיקרא אותו השמש שילך להחבורה מחויב לילך תיכף בפעם הראשון, ואם לא יבוא מחויב ליתן קנס זהב א'. השמש מחויב לציית את הגבאי בביתו בחודש שלו, ואם אין הגבאי בביתו אזי מחויב השמש לציית את שאחריו. השמש בשנה ראשונה פטור ממעות שבוע, ומכאן ואילך מחויב ליתן כשאר כל בני החבורה.

תיקון י. אסור לשום אחד מבני החבורה לפצות נגד הגבאי בחודש שלו, בשעת קריאת התורה או אחר זה, רק רשות ביד הגבאי לקרות איזה

שירצה קודם ששי או קודם אחרון, ובקנס מי שיפצה פה נגד הגבאי לא יקרא אותו לס"ת עד רבע שנה חוץ מה שיקנסו כל החבורה שיתן קנס לצדקה. אם הגבאי אינו בביתו אזי הבמקום הוא במקומו בכל דבר שבעולם והשמש מחויב לציית אותו כמו־הגבאי.

תיקון יא. הגבאי בחדשו איר בידו ליתן צדקה יותר משש זהו' בלתי ידיעת שאר הגבאים והנאמן, מעות הצדקה יהי' ביד הנאמן. אסור ליתן לשום איש קלפי עד שיסלק מעות המגיע ממנו, והסעודה שיעשו הבוררים לא יהיו שם רק הבעלי ההתמנות חדשים וגם ישנים.

תיקון יב. חייט חדש שיבוא לקנות עצמו, אזי ישבו כל החייטים ובעלי ההתמנות, וכן קירזנר ישבו כל הקירזנר ובעלי ההתמנות. חייט או קירזנר שנסע מכאן למקום אחר עד ג' שנים רשות בידו לחזור ויהי' בתוך החבורה, רק שיסלק מעבר כל מה שמגיע עליו באותן ג' שנים, ואחר ג' שנים מחויב להשוות מחדש. כל בעל מלאכה שלא ירצה להיות בחבורה מחויב עכ"פ ליתן בכל שנה השני זהובים המגיע עליו. חלילה לשום בעל מלאכה לילך בתחילה אל הערלים, וחלילה לעשות מלאכה עד שישוה את החבורה. הלילה לשום פועל בחור שאינו נשוי לעסוק במלאכה בפני עצמו. כל חייט שירצה לעשות קירזנר או להיפך מחויב להשוות את החברה כמה ליתן.

תיקון יג. מי שיהיה לו משפט על חברו בתחלה יקרב דבר משפטו לפני הגבאים והנאמן, ואם ירצה שישבו כל בני החבורה, מחויב הגבאי בחדשו לקרות כל בני החבורה, וכאשר יהי' דבר המשפט יכתבו הפסק ויתנו הפסק ביד התובע והוא ילך עם הפסק, והרב אב"ד והפ"ח (והפרנס חודש) וכאשר יצא מפיהם כן יקום.

תיקון יד. כשיזדמן ישיבת החברה יחריו הן על סעודה והן אצל גבאי, אזי חלילה לשום אחד להתחיל שום מריבה זה עם זה בקנס גדול, ובפרט כל מי שיריב ויזלזל הגבאי, רק יהי' לאחד עם חברו איזה דין ודברים, אזי יעדוך משפטו לפני החבורה ולא לחרחר ריב, ובאם שיעבור אחד על תיקון זה אזי לא יבוא בחבורה עד רבע שנה חוץ שאר קנס שיענשו אותו כל בני החבורה.

(די דאָזיגע אַכט תקנות זיינען, ווי מען זעהט, אַ פראַגמענט פון אַ פריערדיגען סטאַטוט.)

דאָ קומט ווייטער דער פאַרטראַג וואָס קהל האָט געשריבען מיט דער חברה „פועלי צדק” וועגען פאַרדינגען זיי דאָס קליינע שוהלעכ'ל, וואָס מ'רופט דאָס „בוזעם קעשענע”.

שפת אמת תכון לעד, איך שאנחנו האלופים, ראשים, נגידים, מנהיגי עדת ישרון פה קהלתנו, השכרנו את בהכ"נ העומדת בפרוזדור של בהכ"נ הגדולה והקדושה דקהלתנו, השכרנו אותו לחבורה חייטים אשר ישנה פה, שיתפללו בתוכו ערב ובוקר וצהרים שבתות ויו"ט ויקראו בתוכו בספר תורת אלקים על משך שלשה שנים רצופים מיום דלמטה והמה מחוייבים לסלק עבור זה לקופת הקהל סך שני זהובים פול' מדי חדש בחדשו ובתוך המשך הלז לא יועיל שום הוספה אף אם יוסיפו עליהם הון רב, אמנם אחר המשך הנ"ל אם יוסיפו עליהז, אזי הברירה ביד החבורה דחייטים הנ"ל באם שירצו לקבל הוספה הנ"ל הם קודמים לאנשים אחרים, אך אם לא יתרצו לקבל אותו אזי אותם אחרים מחוייבים להחזיר להם כל הוצאות שיוציאו על תיקון ויפוי בה"כ הנ"ל הכל ביחוד, ואף גם זאת נזרקה מפי החבורה האלופים המנהיגים הח"מ באם שימצאו שרוב חבורות חייטים יסרבו ויעיזו פניהם נגד האלופים מנהיגי הקהלה ונגד הרב אב"ד שיהי' להם למורת רוח מהחבורה הנ"ל, אזי אותו התקשרות הנ"ל בטל ומבוטל ואין להם חלק ונחלה וזכרון בבהכ"נ הנ"ל ומחוייבים לפנות עצמם מבהכ"נ הנ"ל אפילו בתוך המשך השלשה שנים בלי שום טו"מ ופ"פ (טענה ומענה ופתחון פה), וכל הוצאות אשר יוציאו על בה"כ הנ"ל יופסד ואין להם שום טו"מ ע"ד הוצאה הנ"ל. כל הנ"ל נעשה היום יום ט' תמוז דהאי שתא תקמ"א לפ"ק טשארטקוב, הק, משה בהרב הגאון המפורסם מוה"ר דוב.

אַ היסטאָרישער דאָקומענט

ווי די טשאַרטקאָווער קהלה האָט אויסגע'פּועל'ט אז א אידישער בעל־מלאכה זאָל ניט מוזען געהן צו דער גויאישער „צעך”.

למען ידעו דור אחרון ויספרו לבניהם !

אשר שהיה מנהג קדם כשהי' רוצה בעל מלאכה יהודי ופועלי צדק, הן חייט הן קירזנר לבוא בתוך העיר בקהלתנו ק"ק טשארטקוב לעסוק במלאכתו, אזי לא היה יכול להתחיל שום מלאכה עד אשר הוכרח להשווה הצעך י"ש, וכך היה מנהגם, קודם כל היה מחויב הבא לעשות מלאכתו ליתן

להם כמה.... וגם ליטר י"ש טוב מן המובחר, גם חביות שכר, גם דבש, כמה היו פוסקים לו ליתן כפי רשעונם, גם שעוה לבית ע"ז שלהם כמה פונט, וגם שאר מנהגם הרע, ואף גם זאת בהיותם כופין איש הישראלי לעמוד לפניהם בגלוי ראשו, עד שהיה איש יהודי קץ בחייו ומנהגם הרע; ובכן זרזו מתניהם כגבור חלציהם האלופים הראשים דחבורה שלנו ה"ה „פועלי צדק" בסייעתא דשמיא ובסיעתא דהאלופים ראשי מנהיגי רוזני קציני הקהלה דק"ק הנ"ל והוציאו כמה מאות זהובים ושפטו ודנו אתם לפני השר יר"ה ובטלו מנהגם הרע שהיה מקדם ועשו מעמד שלא יתן הבא לעשות מלאכתו הן חייט, הן קירזנר לא יותר רק ששה זהו' פול, הם מעות קדימה וגם ליתן להם בכל שנה שני זהוב' פול', אך השני בעלי בתים מהחבורה ה"ה המרומם הר"ר מאיר בהר"ר יצחק אייזיק וה"ר זאב בה"ר משה לא יתנו אפילו השני זהוב' המגיע להם מדי שנה בשנה, וכל זה נתן השר יר"ה בכתב ידו ובחתימתו ליד האלופים ראשים וקציני הקהלה הנ"ל להיות בידים לזכות ולראיה על כל הא דכתיב לעיל.

לכן מורי ורבותי אחינו בני החבורה דפועלי צדק, הביטו וראו לכל הא דכתיב ומפורש לעיל ויתנו כל אחד מבני החבורה כל זה המגיע עליו בלב שלם ובנפש חפיצה, באשר שכל פרוטה ופרוטה שיתן יבוא למקום קדושה ולא כמו שהיה מקדם שהיו באין מעות של הקדש למקום טומאה, ולאבדון, אלא יהיו נכתבין ככל הצדקות והישרות שנעשו בישראל ובפרט כל איש אשר יבוא להקנות את עצמו, הן חייט הן קירזנר בתוך החבורה דפועלי צדק שלנו שלא יסרב חלילה נגד החבורה, אלא יתן כאשר יפסקו עליו כל החבורה באהבה ובלב שלם.

ה' הפיר עצת גוים וכו'

באשר שאחר כל התחבולות שעשו הקדושים אשר בארץ המה הנרשמים בדף הקודם לזכות ולטובת החבורה כאשר נכתב בכתב, אעפ"כ הרחיבו פיהם הערלים, הציקו וחשבו מזימות בל יכולו לקום איש היהודי נגדם ועשו כל הפעלות להציר לכל אחד מבני חבורתנו בכל מה שיכלו, ואף גם זאת בהיותם חקרו העת שהי' האיש הישראלי בעל מלאכה העני בעת דוחקו והי' מצטער איך ומאין יפרנס א"ע ואנשי ביתו, ובפרט סמוך לשבת קודש, אז התפעלו הערלים ההם ובאו ארבעה או חמשה ערלים בתוך ביתו ונתנו קולם בקול רעם שהאיש העני נפחד ויצא לבו מפני קולם הרם, וחטפו ובזזו כל מה שמצאו, ובפרט לקחו כלי מלאכתו שלא יוכל לפרנס את עצמו וכמה וכמה משכנות נשארו בידם של הערלים, וכאשר ראינו שכל מזימותם הוא רק להכעים, ואף שנתיעצו יחדיו להוציא הוצאות לבטל הכתב חירות שבידינו ולעשות מנהגם כמקדם, ואז התעוררו אנשי החבורה כולם ולא שקטו ולא

נחו ובחרו מהם האלפים הגבאים והנאמן דהחבורה ה״ה הר״ר אברהם בה״ר... והר״ר מאיר בה״ר חיים, והר״ר חיים בה״ר אהרן, השלשה גבאים וה״ר יצחק אייזיק בה״ר מאיר הנאמן ופנו מכל עסקי מלאכתם לערך חצי שנה ולא חסו על ממונם ועל מחיתם ועמדו נגדם לפני השררה יר״ה, יומם ולילה לא שבתו ופזרו ממון מכיסם והוציאו הוצאות רבות עד לערך שני מאות זהובים פול׳ ודנו ושפטו אתם והכניסו את עצמם בסכנה כאשר ידוע לכל האלופים ראשי רוזני מנהיגי הקהלה, והשם היה בעזרם להפיר עצתם הרעה כאשר יזמו לעשות, ולא זה בלבר שלא יכלו לבטל החירות שבידינו אלא אף גם זאת שהאלופים ראשי החבורה הנ״ל בטלו את שהי׳ מקדם, שכל אחד מבני החבורה היה מוכרח ליתן שני זהובים כל שנה והי׳ מגיע להם חצי זהב על רבע שנה והם בדו מלבם ועשו את השנה ה׳ און ו׳ רביעים בתוך שנה א׳ והוציאו מכל אחד יותר מכדי חיובו, ועתה העמידו האלופים ראשי החבורה הנ״ל רק שלשה ישנים קשים על שנה תמימה מכל החבורה דפ״צ, וגם שאר דברים פעלו בכתב ובח״י של אדוננו יר״ה . . . . החבורה דפועלי צדק ולהנאות הפרנסה הן לפועלי חייטים והן לפועלי קירזנר, כאשר יותן לידם החירות מהשררה יר״ה עד אשר מט ידי הערלים . . . . . .

אהובים בני החבורה התיצבו והביטו את היריעה הגדולה הכתובה משני עבריהם וראו את הנס הגדול אשר עשה לנו הש״י כאשר היו יד הגויים תקיפה עלינו ועתה הורידם הש״י תחת כפות רגלינו, כמעט שלא הורשו להעמיד להם אפילו ראש בצעך שלהם כמו שהיה מקדם מנהגם בלתי ראות עינינו ואת אשר שנבחרו מאתם הוא יהי׳ להם לראש, וגם זאת פעלו האלופים הראשים דהחבורה ה״ה הנזכרים מעלה שמחויבים הערלים ההם ליתן לפנינו דין וחשבון מכל המעות אף מה שיגבו ביניהם, ופשיטא המעות שיגבו מאתנו, השלשה קשים הנ״ל מחוייבים ליתן לנו חשבון שלא יהיה נחסר מכל המעות אף על פרוטה אחת. בכן ראו את ישועת אלקים שהי׳ לנו בעזרתנו ותנו כל אחד מאתנו כל התחייבות המגיע עליו כפי התקנות מישרים שלנו, וחלילה לשום אדם לעורר על שום תיקון שלא לעורר צד הקליפה ח״ו עלינו, רק יתנהגו כל החבורה באהבה וריעות ויתנו המגיע עליו בנפש חפצה ובדעת שלימה, ובפרט המגיע עליו לקופה וגם מי שיקנה א״ע להחבורה מחדש יהי׳ מי שיהי׳ מחויב ליתן חמשה זהובים על הוצאת החירות מלבד המגיע עליו כפי התיקון.

באַמערקונגען:

די חברה „פּועלי צדק" איז געגרינדעט געוואָרען לויט ס׳איז אָנגעשריבען אויפ׳ן שער־בלעטעל פון די תקנות אין יאָהר תפ״א (1721) פון שניידער און קירזנער אינאיינעם, פון זייערע סטאַטוטען זיינען פאַרבליבען נאָר אַ פּאָר

תיקונים, די דאָ איבערגעשריבענע, וועלכע הויבען זיך אָן פון „תיקון ז׳ ביז תיקון י״ד״. דער אָנהויב מיט׳ן ענדע פעלען. אַזוי איז דאָס געווען ביז צום יאָהר תקמ״א. אין דעם יאָהר — ווייזט אויס צוליעב מחלוקות — באַנייען זיי זיך. די שניידער דינגען ביי קהל דאָס קליינע שוהלעכעל פאַר זייערטוועגען און רופן זיך „פועלי צדק החייטים״, און אין פנקס שרייבט מען אַזוי: „למזל טוב נעשה קלפי בחוה״מ של פסח העבר בין החבורה של פועלי צדק, באשר שחבורה שהי׳ מקדם פועלי צדק עם בעלי מלאכות הנקראים קירזנר יחדיו, ועתה נתפרדו החייטים לבדם והחבורה השניח לבדם וכעת נעשה קלפי בפועלי צדק החייטים ועלה בפתקא הבוררים המבוררים איש על דגלו״. און דאָ קומט אַ צעטל מיט נעמען. דערפאַר טאָקע אין די אַלטע תיקונים ווערט איבעראַל דערמאָנט „הן חייט והן קירזנר״, אין די ווייטערדיגע תקנות דאַגעגען ווערט נור דערמאָנט „חייט״, ווייל זיי זיינען ספּעציעל געשריבען פאַר „פועלי צדק החייטים״, און אַזוי איז אויך דאָ אויפ׳ן צווייטען שער בלאַט: **„ספר התקנות של החבורה פועלי צדק דהחייטים״ נכתב בעש״ק ער״ח תמוז תקמ״א לפ״ק פה ק״ק טשארטקוב.** דער איינבינדער נישט מאַבענדיג קיין חילוק האָט די אַלטע פאַר תיקונים אויך אַריינגעלייגט צוזאַמען, ד. ה. איינס לעבען דעם אַנדערען, נור די אַלטע צום ערשטען.

דער אינהאַלט פון די דאָזיגע „תקנות״ איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צייט, אין וועלכער זיי זיינען פאַרפאַסט געוואָרען, וואָס דאָס גאַנצע אידישע לעבען איז געווען אויסגעבויט אויף די יסודות פון דער אמונה אָהן יעדער דיפערענצירונג.

(איבערגעשריבען מיט באַמערקונגען פון **יעקב גאָלדבערג**).

צום אייביגען אָנדענקען פון מיין ליעבען פאטער

ה״ר אהרן שווארץ ע״ה
ב״ר יהושע הכהן ע״ה

נפטר ל׳ דחודש אב
(הוא יום א׳ דר״ח אלול)

און מיין ליעבע מוטער

מרת ביילע שוואַרץ ע״ה
בת ר׳ ליפּמאַן ע״ה

נפטרה י״ב דחודש חשון

דער זוהן
חיים שוואַרץ

אייניגע פון אונזערע גרינדער



מרדכי ווייענער



איציק ליב ראָסט



חיים אליה קערן



געצל פלאצמאַן



יהושע פאַליק קליגלער, ז"ל

מרדכי ראָסט

באַגריסונג פון

מר. און מרס. משה הויזנער

און פאַמיליע

אידישעס ארבייטער־לעבען

(לויט אַן אַלטען טשאָרטקאָווער פּנקס).

פון א. ליטווין

בשעת איך בין געווען אין גאַליציען, ערב דער מלחמה, איז מיר געראָטען צו בעקומען אַן אַלטען פּנקס פון „בעלי מלאכות“. דאָס איז פיליייכט דער איינציגער אַרבייטער־פּנקס אין דער וועלט. ער האָט זיך דערהאַלטען זעהר גוט. עס איז מיר שווער אָנגעקומען, אָבער איך האָב דאָך געהאַט די מעגליכקייט איהם דורכצוקוקען און פאַרצייכענען אַ גאַנצע רייהע אינטערעסאַנטע זאַכן, וואָס שילדערען די פריידען און ליידען פון אידישען אַרבייטער־לעבען אין גאַליציען מיט קנאַפּע צוויי הונדערט יאָהר צוריק.

דער „פּנקס“ ווייזט, אַז אין טשאָרטקאָוו זיינען די בעלי־מלאכות געווען אָרגאַניזירט שוין מיט אַ פּאָר הונדערט יאָהר צוריק. די אָרגאַניזאַציע, ווי אויך די קאָנסטיטוציע זייערע האָבען אָבער געטראָגען מעהר אַ רעליגיעזען כאַראַקטער, זעהר אַ וויכטיגען טייל, האָט פאַרנומען די „סעודה“, וואָס יעדער מיטגליעד האָט געמוזט מאַכען פאַר חברה־לייט, אַריינגעהענדיג אין חברה, אָדער אַלס שטראָף, ווען ער האָט זיך געגען איהר פאַרזינדיגט. אַזאַ „סעודה“ ווערט דערמאָהנט 20 מאָל אויף יעדען בלאַט, ביי יעדער געלעגענהייט.

אין עיקר אָבער האָט די „חברה“ געהאַט דעם צוועק, צו בעפריעדיגען העכערע גייסטיגע און סאָציאַלע בעדערפענישען, וואָס האָבען זיך, נאַטירליך, דעמאָלט געקענט אויסדריקען נאָר אין „עליות“, „גבאות“, לערנען אַ פּרשה חומש, זאָגען צוזאַמען תהלים, לערנען משניות א. ד. ג. און די סעודה גופא אפילו האָט באַפריעדיגט די בעדערפענים אין אַ געזעלשאַפטליכער פאַרוויילונג.

גאָר ניט זעלטען אָבער האָט די „חברה“ אויך געהאַט צו ענטפערען אויף עקאָנאָמישע פראַגען, פיהרען אַ קלאַסענקאַמף געגען די אויבערהערשאַפט פון די באַלעבאַטים און גבירים און אָפט אויך, צוזאַמען מיט זיי, מיט די אויבערשטע קלאַסען, העלפען שלעפען, מיט געמיינזאַמע קרעפטען, דעם שווערען אידישען וועגעל.

מיר עפענען דעם „פּנקס“ און געפינען שוין אויף דעם ערשטען בלאַט



די געביידע פון דעם „יד חרוצים“ פעראיין, געגרינדעט פון רב שפירא ז"ל

פאַרצייכענט אַ וויכטיגע געשעהענים. דער בלאַט האָט אַ טיטעל, געשריבען מיט „כתיבעטע", געצאַצקעטע אותיות, אויף לשון קודש:

„למען ידעו דור אחרון ויספּר לבניהם". (זאָל דאָס וויסען דער קומענ־דיגער דור און זאָל עס דערצעהלען זיינע קינדער).

„באשר ס׳איז געווען אַן אַלטער מנהג", — דערצעהלט דער פּנקס, — „אַז ווען אַ אידישער בעל מלאכה, אַ שניידער, צי אַ קירזשנער, האָט זיך געוואָלט באַזעצען אין דער קהילה, האָט ער ניט געטאָרט טאָן קיין שום מלאכה, וואו ער איז ניט דורכגעקומען מיט׳ן גוי׳שען צעך, ד. ה. ער האָט פריהער פון אַלץ געמוזט געבען וויפיעל זיי האָבען פערלאַנגט (וואָס ג ע ב ע ן? איז ניט קלאָר: די ווערטער זיינען שווער איבערצולעזען) און דערצו אַ ליטער יי"ש (שנאַפּס) פון בעסטען סאָרט און אַ פעסעל ביר און מעד, וויפיעל זיי האָבען געהייסען, אויך וואַקס כמה פונט אין זייער קלויסטער. דערצו פלעגען זיי נויטען אַ אידען שטעהן פאַר זיי אָהן אַ היטעל, ביז אַ אידען איז פּשוט דער לעבען נמאס געוואָרען.

און דעריבער — שרייבט דער פּנקס — האָבען אונזערע אלופים הראשים, די פאַרשטעהער פון אונזער חברה „פּועלי צדק", „אָנגעגורט זייערע לענדען" און מיט דער הילף פון דעם אויבערשטען און דער הילף פון די „אלופים, עלטסטע, פיהרער, הארען און קצינים פון אונזער קהילה, האָבען זיי „אויסגעגעבען עטליכע הונדערט גילדען" און האָבען „פאַרשפּרייט אונזערע הענד מיט זיי פאַר׳ן שר ירום הודו" און האָבען בטל געמאַכט זייער (ד. ה. דעם גוי׳עשען צעך׳ס) בייזען מנהג, און האָבען אויסגעפיהרט, אַז דער אי־דישער בעל מלאכה זאָל צאָהלען דעם צעך ניט מעהר, ווי זעקס גילדען פּאָראַוים און צוויי גילדען אַלע יאָהר.

אַ סך אינטערעסאַנטער נאָך איז די צווייטע באַשרייבונג אונטער דעם טיטעל: „ד׳ הפיר עצת גויים" — (גאָט האָט פאַרשטערט די עצה פון די גויים).

„באשר נאָך די אַלע תחבולות — זאָגט דער „פּנקס" — וואָס מיר האָבען אָנגענומען צום נוצען פון אונזער חברה, האָבען די ערלים פון צעך דאָך געעפּענט די מיילער און געזוכט מיט אַלע מיטלען צו דריקען אַ אידען אַזוי ווי פריהער. פלעגען, אַ שטייגער, דערהיטען די צייט ווען דער אָרימער אידישער בעל מלאכה איז שטאַרק געענגט און מאַטערט זיך קלערענדיג: וואו צו נעהמען אַ שטיקעל ברויט פאַר זיך און זיין געזינד, באַזונדערס — פאַר אַ שבת, אַ יום טוב. גראָד אין אָט דער צייט פלעגען זיך די ערלים אויפריידען און אַריינרייסען זיך זאַלבעפינפט, אָדער זאַלבעזעקסט צו אידען אין שטוב, נעהמען אויף אים שרייען, גוואַלדעווען, אַז דער אָרימאַן פלעגט אַ פאַרציטערטער ווערען פון זייערע געשרייען און זיי פלעגען אַוועקכאַפּען און צורויבען וואָס זיי האָבען געפונען, באַזונדערס די געצייג, כדי ער זאָל זיך

ניט קענען מפרנס זיין. דערצו האָבען מיר געזעהן, אַז זיי קלייבען זיך פאָהרען און סטאַרען זיך, בטל צו מאַכען אונזער „כתב־חירות“ (פּריווילעגיע, פּרייהייטס־פּאַפּיר)... האָט זיך אונזער חברה דערוועקט, ניט גערוהט און ניט גערואסט... אַוועקגעוואָרפען אַלע זייערע געשעפטען און מלאכה אויף אַ האַלב יאָהר צייט און האָבען זיך געשטעלט פאַר דער שררה ירום הודו. טאָג און נאַכט ניט גערוהט, געלאָזט זיך קאָסטען אַ סך געלד פון זייער אייגענער קעשענע.... ביז 200 גולדען; האָבען זיך מיט זיי גע׳משפט און איינגעשטעלט זייער לעבען אין געפאַהר... און דער אויבערשטער איז געוועזען צוהילף — אַז די גויים האָבען ניט געקענט אויספיהרען זייער פּלאַן, און ניט בלויז זיי האָבען ניט געקענט בטל מאַכען אונזער „פּרייהייט (ליסטע)“ נאָר פאַרקעהרט: די פאָרשטעהער פון אונזער חברה האָבען אויסגעווירקט, אָבצושאַפען אַפילו דעם פריהערדיגען אָבצאָל, וואָס מ׳פלעגט דאַרפען זיי געבען אַלע פערטעל יאָהר אַ גילדען און זיי (די ערלים) פלעגען מאַכען מיט אַ כיוון פינף, אָדער זעקס פערטעל אין יאָהר און פלעגען אויסצאַפּען מעהר, וויפיעל עס קומט. איצט דאַרף צאָהלען ניט יעדער איינצעלנער בעל־מלאכה, נאָר די גאַנצע חברה אונזערע ניט מעהר, ווי דריי... (דער וואָרט ווייטער איז אונפערשטענדליך) אַ יאָהר. און נאָך זאַכען האָבען אונזערע פאָר־שטעהער אויסגעפיהרט. דאָס אַלץ איז פאַרשריבען אויף אַ פּאַפּיר מיט דער אונטערשריפט פון קיר״ה (קייזער) אַליין.

..איצט, אונזערע ליעבע חברה־לייט, — פיהרט אויס דער פּנקס מיט גרויס באַגייסטערונג, — שטעלט זיך און קוקט אָן אָט דעם גרויסען וואונדער — אָט דאָס פּאַפּיר, וואָס איז פאַרשריבען פון ביידע זייטען, און זעהט דעם גרויסען נס, וואָס „השם יתברך“ האָט מיט אונז גיטאָן: ווי די האַנד פון די גויים איז אויף אונז געהויבען געוועזען און איצט האָט זיי דער אויבערשטער גענידערט אונטער אונזערע פיס... אַז ער, דער קייזער, האָט זיי ניט ערלויבט צו האָבען אפילו אַ סטאַראסטא פאַר זייער אייגענעם צעך אָהן אונזער צושטימונג און זיי מוזען אונז אָבגעבען רעכנונג ניט בלויז פון די געלד, וואָס זיי נעהמען ביי אונז, נאָר אפילו פון די סומען, וואָס זיי קלייבען אויף פון זיך אַליין. (פאַרשריבען: ערב ראש חודש תמוז, תקמ״א, דאָס איז 1781).

די „תקנות“ פון בעלי־מלאכה׳שען פּנקס האָבען, ווי געזאָגט, כמעט אַלע אַ רעליגיעזען כאַראַקטער. „ראשית חכמה“ — זאָגט דער פּנקס — יראת ד׳, — „דער אָנהויב פון חכמה איז גאָטס־פאָרכטיגקייט“. מיט די דאָזיגע ווערטער הויבט זיך טאַקע אָן דער בעל מלאכה׳שער פּנקס. די ערשטע איינפיהרונג איז „צו דיענען גאָט ביראה ובגילה, וברעדה“ (מיט פאָרכטיגקייט, מיט פרייד און מיט ציטערנים). נאָר אַריינקוקענדיג טיעפער אין די רעליגיעזע איינפיהרען זעהען מיר, אַז זיי האָבען כמעט אַלע אַ

סאָציאַלען און עקאָנאָמישען אונטערשלאַג. אפילו די ריין־רעליגיעזע תקנות האָבען אַ שטרעבונג צו פאַרגלייכען זיך מיט די באַלעבאַטים, הויבען דעם גייסטיגען צושטאַנד פון די בעלי־מלאכות.

איין פּונקט, אַ שטייגער, פאַרבאָט יעדען בעל מלאכה צו טאָן אַן אַרבייט איידער ער האָט אָבגעדאַווענט אין שול, אָדער אין אַ מנין. אין ווערקשטאַט טאָר מען ניט אָנהויבען צו אַרבייטען ביז דער עולם געהט פון שול. דאָסגלייכען מוז מען אַוועקלעגען די אַרבייט מנחה־צייט; „ווי נאָר עס הערט זיך דער קלאַפּ פונ׳ם שמש׳ האַמער אויף די טירען, — זאָגט דער פּנקס — „זיינען מיר מחויב לאָזען די אַרבייט און אַוועקגעהן אין שול״.

אַ צווייטער פּונקט פאַרבאָט צו אַרבייטען ראש־חודש ביז האַלבען טאָג.

אַ דריטער פאַרבאָט, אונטער אַ שטראָף פון זיבען גילדען אויפ׳ן שול, צו אַרבייטען חול המועד דעם גאַנצען טאָג, ערב שבת און ערב יום טוב נאָך האַלבען טאָג. אַ גאַנצע רייהע פּונקטען האָבען דעם צוועק צו פאַרטיידיגען די אינטערעסען פון דעם... בעל הבית קעגען דעם אַרבייטער; און פון דעם היגען בעל מלאכה קעגען דעם פרעמדען, אַריינגעפאָהרענעם.

„אַ בחור, אַן אַרבייטער, טאָר ביז דער חתונה ניט אַרבייטען פאַר זיך,״ —פאַרזאָגט ווייטער אַ תקנה פון פּנקס. יונגע אַרבייטער דאַרפען צאָהלען אין קאַסע פון חברה 2 גראָשען פון יעדען גילדען, וואָס זיי פאַרדינען; דער וואָס פאַרדינגט זיך אויף אַ יאָהר צאָהלט מעהר ניט ווי אַ גראָשען פון גילדען, אויב זיי אַרבייטען פון שטיק. יעדער אַרבייטער וואָס געהט אַוועק פון בעל הבית אין מיטען יאָהר, צוליעב אַ וועלכע עס איז „מרידה״, אַ בונט הייסט עס, איז אַ ״חתיכה דאסורא״, ס׳הייסט אַ „שטיק איסור״ פאַר יעדען מייסטער צו נעהמען אַזאַ אַרבייטער, און ווער עס וועט ניט פאָלגען וועט באַשטראָפט ווערען, לויט ווי חברה וועט באַשליסען. אין יעדען פאַל מוז ער (דער וואָס „בונטעוועט„ זיך) אומגעהן לעדיג פיער וואָכען. אז אַ היגער בעל הבית נעהמט צו זיך אין שטוב אויף אַרבייט אַ ניט־היגען בעל מלאכה, דאַרף דער פרעמדער בעל מלאכה צאָהלען דער חברה צוויי גראָשען פון יעדען גולדען וואָס ער פאַרדינט, אז ניט — טאָר ער דאָ פאַר קיין פאַל ניט אַרבייטען. פון די שבת׳דיגע עליות טאָר מען „שלישי״, „ששי״, „אחרון״ און „מפטיר״ (ד. ה. פעטערע עליות) ניט אָבגעבען אַ פרעמדען, וואָס באַלאַנגט ניט צו חברה „פועלי צדק״.

„אז ס׳קומט אַ שניידער פון אַן אַנדער שטאָדט״ — שטעהט אין דער 36טע תקנה פון פּנקס, — און זאָגט: „דאָ וויל איך בלייבען, וואָרום מיר געפעלט דאָ און ער געפינט חן אין די אויגען פון רב און אין די אויגען פון די פיהרער פון דער קהילה, טאָר דער דאָזיגער שניידער ניט אַרויס מיט זיין נאָדעל צו טאָן זייער מלאכה, ביז ער וועט נישט באַצאָהלען אין דער קאַסע פון אונזער חברה פינף (דער וואָרט ניט לעזבאַר), ניט ווייניגער אַ פּרוטה און

איז מחויב צו זיין אַ שמש ביי חברה דריי יאָהר נאָכאַנאַנד און האָט ניט אַ רעכט אונטערצושרייבען זיך אויף די החלטות (בעשסולען) פון חברה ביז ער וועט ניט מאַכען קיין סעודה פאַר דער גאַנצער חברה.

זעהר אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש איז די 37טע תקנה פון פנקס: אז ס'וועט קומען פון אַן אַנדער שטאָדט אַ שניידער און וועלען נעהמען זיך אַ ווייב פון אונזערע שטאָדטלייט, אויב ער האָט אַ ן ערלויבניס פון אונזער האר דעם קיסר ירום הודו, אז ער מעג החתונה האָבען, איז דער דין: איז די כלה אַ טאָכטער פון אונזערע חברה־לייט דאַרף ער מעהר ניט געבען, ווי 12 גילדען פאַר חברה און זיין אַ שמש אין שול. אויב די כלה איז אָבער ניט פון אונזערע בעלי מלאכות, מוז ער צאָהלען 24 גילדען.

אין פאַל פון קריג צווישען בעלי מלאכות דאַרפען די ביידע צדדים קומען מיט זייערע טענות צו די גבאים פון חברה, נאָר אין גרעסערע זאַכען דאַרפען זיי זיך ווענדען צום רב.

פון די געבראַכטע תקנות איז קענטיג, אַז אויף חתונה האָבען האָט אַ איד אין יענע „גוטע צייטען" געדאַרפט האָבען עקסטרא ערלויבנים פון קייזער. אַ חוץ דעם האָט נאָך אַ פרעמדער בעל מלאכה געהאַט אויף זיך אַ ספּעציעל אידישען שטייער פון 12 ביז 24 גילדען, און אַז אַ ניי אָנגעקומענער בעל מלאכה פון אַן אַנדער שטאָדט האָט געמוזט, אַ חוץ פאַרשידענע אָבצאָהלען און באַגרענצונגען אין זיין רעכט קעגען היגע בעלי מלאכות, האָבען אויף זיך, אַזוי צו זאָגען, נאָך אַ מין לייב־שטייער; ער האָט געמוזט זיין פון אַ יאָהר ביז דריי אומזיסט אַ שמש אין חברה'שער שול.

איבריגענס איז די חברה בעלי מלאכות געווען ניט אין גאַנצען זעלבסט־שטענדיג. אין דער פאַרוואַלטונג, וואָס איז באַשטאַנען פון פינף פּערזאָן, האָבען געמוזט אַריין צוויי בעלי בתים...

די בעלי מלאכות האָבען בכלל געמוזט זיין אונטערטעניג צו די באַלע־באַטים. קיין אייגענע שול האָבען זיי ניט געקענט האָבען. קהל האָט זיי פאַרדונגען די ווינקעל־שולכעל אין פאָליש פון דער גרויסער שול, אמת פאַר ניט גאָר קיין טייערע געצאָהלט: סך הכל — פאַר צוויי גילדען, אָבער מיט דעם באַדינג אַז „די בעלי מלאכות זאָלען ניט האָבען קיין גרויסע מיילער קעגען די פיהרער פון דער קהילה און קעגען דעם רב, און טאָמער עפּענען זיי אַ מויל איז דער אָבמאַך בטל ומבוטל".

ווייטער געהט אַ גאַנצע רייהע העכסט אינטערעסאַנטע פאַרצייכנונגען, וועלכע איז גיב דאָ איבער אין קורצען.

אַ געוויסער בעל מלאכה — שטעהט פאַרשריבען אויפ'ן בלאַט קכ"ג — האָט זיך גראָב אויסגעדריקט קעגען די גבאים פון חברה, דערפאַר האָט מען איהם באַשטראָפט, ער זאָל זיין אַ שמש זעקס יאָהר אנשטאט

דריי יאָהר, און אין צייט פון דריי יאָהר טאָר ער ניט האַלטען קיין אַר־בייטער, און אפילו, אַז ער וועט וועלען איבערבעטען חברה, קען איינער פון חברה דאָס ניט דערלאָזען.

אַ שניידער טאָר ניט האַלטען מעהר פון 3 ארבייטער און אַ לערניונג. — שטעהט אויף אַן אַנדער בלאַט, אַן אַרבייטער טאָר ניט געהן נעהמען אַרבייט ביי אַ בעל הבית, נאָר דער מייסטער אַליין מוז געהן. אויך טאָר קיין שום שניידער ניט דינגען קיין אַרבייטער פון טאָג, פון וואָך, אָדער פון חודש, סיידען אויף אַ פערטעל יאָהר. *אויך טאָר ער ניט דינגען קיין* אַרבייטער פון *שטיק*. אויך טאָר קיין שניידער ניט אויסדינגען זיין חבר'ס ארבייט, ווען אפילו יענער האָט נאָר אָנגעצייכענט מיט קרייד, אָדער האָט נאָר געסטעמפּעוועט די צייג. אויך טאָר קיין שום שניידער ניט געהען בכלל צו אַ בעל הבית בעטען אַרבייט, סיידען דער בעל הבית האָט מיט איהם פריהער גערעדט. דער בעל מלאכה, וואָס איז ניט געניט אין די דינים פון „שעטנז", דאַרף ער פרעגען אַנדערע בעלי מלאכות.

דעם ערשטען יאָהר נאָך דער חתונה טאָר אַ שניידער, אָדער אַ קירזש־נער ניט האַלטען ניט קיין אַרבייטער, ניט קיין לערניונג, דעם 2טען יאָהר מעג ער האַלטען אַ לערן־אינגעל; דעם 3טען יאָהר אַן ארבייטער.

מ'טאָר ניט האַלטען קיין שום ארבייטער אָהן אַ געשריבענעם אָבמאַך ביים רב. אַ לערן־אינגעל און אַן ארבייטער מוז געבען פון יעדען גילדען איין גראָשען אויף חברה. אַז אַן אַרבייטער וויל אַוועק פון אַ מייסטער איז ער מחויב צו אַרבייטען איבריגע פיער וואָכען.

דער שמש מוז פאָלגען דעם גבאי אויך אין שטוב (ביין גבאי). איז דער גבאי ניטאָ אין דער היים, דאַרף דער שמש פאָלגען זיין פאַרטרעטער.

אַז אַ שניידער פאָהרט אַוועק אין אַן אַנדער שטאָדט, אויף אַ צייט, ניט מעהר ווי דריי יאָהר, מעג ער דערנאָך קומען צוריק און זיין אַ חברה־מאַן ווי פריהער. קומט ער אָבער שפּעטער, מוז ער דורכקומען מיט חברה אויף דאָס ניי ווי אַ פרעמדער.

אַז אַ בעל־מלאכה וויל ניט זיין אין חברה, מוז ער *דאָך* באַצאָהלען אַלע יאָהר אַ גילדען. קיין בעל מלאכה טאָר ניט געהן אַפריהער צו די „ערלים", טאָר ניט זעצען זיך ארבייטען, ביז ער קומט ניט דורך מיט חברה. קיין שום בחור טאָר פאַר דער חתונה ניט אַרבייטען פאַר זיך. אַז א שניידער וויל ווערען אַ קירזשנער, אָדער פאַרקעהרט, מוז ער פריהער דורכקומען מיט חברה.

ווען צוויי בעלי־מלאכות האָבען צווישען זיך אַ שטרייט דאַרפען זיי זיך פריהער ווענדען צום גבאי און נאמן. אויב איינער פאַרלאַנגט, מוז דער גבאי־חודש צונויפרופען אַ פאַרזאַמלונג פון גאַנץ חברה. מיט זייער גע־שריבענעם פּסק געהט דער מאָהנער וואָס געווינט, צום רב און פרנס־חודש פון שטאָדט, און ווי זיי הייסען, אַזוי דאַרף זיין.

אַ באַגריסונג פון עקס־פּרעזידענט דוד האַסס

מר. האַסס

מרס. האַסס

„חזורעים בדמעה ברנה יקצורו".

צום 40־יעהריגען יובילעאום בעגריס איך דעם פעראיין וואָס מיין שווער ר' יהושע פאַליק קליגלער ע"ה האָט דעם פונדאַמענט געלייגט פאַר דעם גרויסען בנין צו פאַראייביגען דעם נאָמען פון זיין גרויסען רבי'ן, הרב הגאון ר' ישעיה מאיר שפּירא ז"ל. איך האָב געהאָלפען טראָגען די ציגעל צו דעם בנין וואָס רופט זיך „טשאָרטקאָווער הרב ישעיה מאיר שפּירא פעריין". ווי גרויס איז מיין פרייד צו זעהן, דאָס מיין ארבייט און צייט וואָס איך און נאָך אַנדערע האָבען אַוועקגעגעבען האָט נושא פּרי געווען, און מ'זעהט יעצט אַ גרויסע אינסטיטוציאָן, מיט אַ גרויסע צאָהל מעמבערס, כן ירבו, און אויך אין א גוטען פינאַנציעלען צושטאַנד.

ניט נאָר זאָרגט דער פעראיין פיר די ברידער, נאָר ער שטיצט אויך אַ סך טשאַריטי אינסטיטוציאָנען אין ניו יאָרק, איז אַ סך מאָל געווען בעטייליגט אין קרן היסוד, פאַרגעסט אויך נישט אָן דער אַלטער היים — טשאָרטקאָוו, און שיקט יעדעס יאָהר געלד פיר אָריבע.

איך בין שטאָלץ צו באַלאַנגען צו דעם פעראיין וואָס איז מיין ליבלינג, ווייל דער פּרעזידענט און אַלע בעאַמטע אַרבייטען געטריי פאַר'ן וואָהל און בעסטען פון פעראיין, און איבערהויפּט די אַראַנדזשמענט קאָמיטע, וועלכע גיט זיך די גרעסטע מיה צו מאַכען די פייערונג מיט'ן גרעסטען פּראַכט און גלאַנץ, און דאָס הייסט

„מיט טרעהרען פערזייעט, מיט געזאַנג געשניטען!"

פון דער ניט־לאַנגער פאַרגאַנגענהייט אין טשאַרטקאָוו

(טשאַרטקאָוו אין די מלחמה־יאָהרען און נאָך דער מלחמה)

פון א. טשארטקאָווסקי

לעבענדיג אין צייטען ווען אַ יעדעס אוועקגעהענדע יאָהר איז שוין אַ שטיק געשיכטע, אַ דאַנק די פאַרשידענע געשעהענישען, וואָס לאָזען איבער טיפע שפּורען סיי אויפ'ן יחיד און סיי אויפ'ן כלל, איז פון גרויס וויכטיג־קייט, צו מאַכען אַ קורצען איבערבליק איבער די לעצטע יאָהרען, אָנהויבענדיג פון דער מלחמה און מיט וואָס פאַר אַ געשעהענישען די שטאָדט טשארטקאָוו איז רייך געווען און וואָס פאַר אַ שפּורען זיי האָבען איבערגעלאָזט.

נישט איינער פון די טשארטקאָווער לאַנדסלייט, וועלכער געפינט זיך היינט אין אַמעריקע, איז געווען אַן עדות פון אַ טייל געשעהענישען, און פאַר די וועלען די זכרונות זיין אַן אָפּפרישונג. פאַר די לאַנדסלייט אָבער וועלכע זיינען געווען ווייט פון די געשעהענישען, וועלען די זכרונות געבען די מעגליכקייט, צו באַקענען זיך מיט די רייכע געשעהענישען, פון זייער היים־שטאָדט, אין די לעצטע יאָהרען.

מען קען באמת זאָגען, אַז טשאָרטקאָוו האָט אַ באַזונדער מזל, וואָס זי האָט אין די מלחמה יאָהרען אויסערליך כמעט גאָרנישט געליטען. די גאַנצע אַרומיגע געגענד איז חרוב געוואָרען, גאַנצע שטעדטלעך זיינען אָפּגעברענט געוואָרען, אידישע פאַרמעגענס זיינען געגאַנגען לאיבוד און נאָר איין טשארטקאָוו האָט גאָרנישט געשאַדט און געגלאַנצט מיט איהר אויפערליכע פּראכט. דעם באַזונדער מזל, שרייבען די טשאָרטקאָווער אידען צו צו דער צוואה פון ר' הערשעלע, וועלכער האָט געבענשט די שטאָדט, אַז מעהר ווי דריי הייזער טאָרען אין שטאָדט נישט אָפּברענען, וועלכעס איז טאַקע ביז היינט מקוים געוואָרען.

די שטאָדט ליגט נישט ווייט פון גרענעץ, און ווען די עסטרייכער האָבען נאָך שווערע קאַמפען געמוזט אָפּטרעטען פון דער גרענעץ, האָבען זיי

פריינגעלאָזט די גאַנצע געגענד ביז בוטשאטש, אַזוי אַז די רוסען האָבען זיך גאַנץ געמיטלעך אַריינגעריטען און אַריינגעשפּאַצירט קיין טשאָרטקאָוו.

איבערנעהמענדיג די שטאָדט אָהן קאַמף, האָבען זיך די רוסען צו איהר גאַנץ אַנדערש פאַרהאַלטען. ס׳איז נישט געווען דאָס ביייזוויליגע פאַרניכטען פון אידיש האָב און גוטס, ווי ס׳איז געווען אין ס׳רוב שטעדט און שטעטלאַך. גלייך ווי זיי זאָלען עס האָבען געוואוסט, אַז אין טשארטקאָוו וועט זייער אָקופּאַציע דויערען אַם לענגסטען, האָבען די רוסען אין די ערשטע וואָכען שוין אָנגעהויבען רעגולירען די גאַנצע פאַרוואַלטונג אויפ׳ן שטייגער פון אַ יעדער אידיש־רוסישער שטאָדט.

די גאַנצע ממשלה איז געווען אונטערלעגען דער מיליטערישער מאַכט, וואָס ס׳האָט זיך אין שטאָדט גופא נישט געלאָזט אַזוי שטאַרק פיהלען.

נאָך די ערשטע וואָכען שרעק האָט זיך די אידישע באַפעלקערונג אָנ־געהויבען צוצוגעוויינען צו דער נייער ממשלה, און מען האָט אָנגעהויבען קלערען וועגען פּרנסה.

מיט׳ן באַזעצען אַלץ גרעסערע טיילען פון גאַליציען האָט זיך קאָנ־צענטרירט דאָ גרויסע רוסישע מיליטער מחנות, וואָס זיינען געווען אַ קוואַל פון פּרנסה פאַר אַ גרויסען טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג. קליין און גרויס האָבען אָנגעהויבען האַנדלען און די גאַנצע שטאָדט איז פול געווען מיט טישלעך, וואָס האָבען געהאַט ס׳רוב געבעקס מיט פּאַפּיראָסען. סוחרים האָבען אָנגעהויבען ברענגען סחורה פון רוסלאַנד, וואָס ס׳איז שוין אַביסעל שווערער צוגעגאַנגען. אידען האָבען מורא געהאַט, צו לאָזען זיך קיין רוסלאַנד נאָך סחורה. צוליב דעם האָבען זיך אָנגעהויבען צו בילדען גרופּען פון גויים־סוחרים, וועלכע פלעגען פאָהרען איינקויפען סחורות פאַר אידישע סוחרים וועגען. אָט די פאַרמיטלונג האָט נישט איין גוי אַריינגעבראַכט אַ היפּשען ריוח, און מאַנכעס מאָל אויך דעם גאַנצען וואָגען סחורה, זאָגענדיג, אַז מען האָט זי ביי איהם צוגענומען.

בעת אין טשארטקאוו האָט זיך אַזוי דאָס לעבען נאָרמאַליזירט, האָט זיך אָבער באַקומען טרויעריגע גרוסען פון אַנדערע אידישע שטעדט און שטעט־לאַך, וואָס האָבען שטאַרק געליטען פון די רוסישע מאַכטהאָבער.

דעם טרויעריגסטען גרוס האָבען געבראַכט די סניאַטינער אידען, וועלכע זיינען אַלע פון קליין ביז גרויס אַרויסגעטריבען געוואָרען פון זייער שטאָדט, איבערלאָזענדיג זייער גאַנץ האָב און גוטס אויף הפקר. כמעט דער רוב פון די אַרויסגעטריבענע סניאַטינער משפחות איז פאַרבליבען אין טשאָרט־קאָוו און אין שטאָדט האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבען אַ גרויסע הילפס־אַקציע

פאַר די געליטענע. ס׳האָט זיך געשאַפן אַ הילפס־קאָמיטע וואָס האָט אָנגעפיהרט מיט דער גאַנצער הילפס־אַקציע, וואָס איז באַשטאַנען קודם־כל, אין באַזאָרגען דירות און עסען. ס׳איז נישט געווען אין טשאַרטקאָוו איין שטוב, וואָס האָט נישט געהאַט אַ סניאַטינער משפחה.

דאָס הילפס־קאָמיטע האָט באַקומען אַ סך שטיצע פונ׳ם גרויסען אידיש־רוסישען קאָמיטעט פאַר געליטענע, וועמענס שליח ס׳איז געווען אין גאַליציע דער באַוואוסטער שרייבער און טוער ש. אנסקי ז״ל.

די געליטענע האָבען זיך אָנגעהויבען צו ביסלעך איינצואָרדענען און נעמען זיך צו פאַרשידענע פּרנסות. דאָ אָבער איז געשעהען אַ פרישע צרה. ס׳האָט אויסגעבראָכען די כאָלערע, וואָס האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט צווישען די סניאַטינער און ס׳האָט צוגענומען אַ היפּש ביסעל קרבנות. צום לויב פון אַ גרויסען טייל טשאַרטקאָווער מוז געזאָגט ווערען, אַז דאָס קאָמיטע, וואָס איז געשאַפען געוואָרען קעגען דער כאָלערע, האָט אַסך אויפגעטהאָן. נישט־קוקענדיג אויף די געפאַהרען האָבען אַ סך קאָמיטע־מיטגלידער גע־נעבטיגט און געבראַכט פאַרשיידענע הילף צו די ליידענדע. שטאַרק אויסגעצייכענט אין קאַמף געגען דער כאָלערע, האָט זיך ה׳ מרדכי שור, וועלכער האָט זיך באמת איינגעשטעלט זיין לעבען. אין קאַמף געגען דער כאָלערע האָבען זיך אויך אויסגעצייכענט די אידיש־רוסישע מיליטער דאָקטוירים, וועלכע האָבען אָהן געצאָהלטס, געגעבען מעדיצינישע הילף צו אַלע קראַנקע.

ס׳זיינען פאַרגאַנגען היפּשע חדשים, ביז די אידישע באַפעלקערונג האָט ווידער געקענט קלערען פון אַ נאָרמאַל לעבען, נישט מורא האָבענדיג פאַר׳ן מאָרגען. דאַצו האָט אויך שטאַרק פאַרהאָלפען די גרויסע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד. די רוסישע רעוואָלוציע האָט אויך אַרומ־געכאַפּט די אקופּירטע געביטען און די אידען האָבען זיך שטאַרק באַטיי־ליגט אין דער שמחה פון דער רעוואָלוציע.

די רעוואָלוציע האָט אַ חוץ דער פאַרלייכטערונג אין ווירטשאַפטליכען לעבען אויך געבראַכט צו אַן אויפלעב אין געזעלשאַפטליכען לעבען, וואָס כ׳איז ביז איצט טויט געווען. ס׳האָט זיך געבילדעט אַ זעלבסט בילדונג קרייז, וואָס האָט אָנגעפירט אַ ברייטע ארבייט. דער קרייז איז אָנגעפירט געוואָרען פון יעקב ראַפּאַפּאָרט און לייבצע זאַלצינגער.

דאָס צוריק אַריינקומען פון די עסטרייכער נאָך דריי מיט אַ האַלב יאָהר האָט געבראַכט אויך אַן ענדערונג אין לעבען פון דער אידישער באַפעלקע־רונג. די יעדעסמאָליגע מוסטערונגען האָבען צוגענומען אין מיליטער אַריין,

אַ גרויסע צאָהל אידען, ס'רוב משפחה־אויסהאַלטער. ס'האָבען זיך אָנגע־הויבען די רעקוויזיציעס פון פאַרשיידענע לעבענסמיטעל, וואָס האָט אָנגעהויבען אויספעלען אין שטאָט און וואָס מען האָט אָנגעהויבען אַרויסגעבען אויף קאַרטען. ביי דעם אַלעמען האָט אָבער קיין פּרנסה נישט אויסגעפעהלט, ס'איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסער מסחר מיט רוסלאַנד, אַזוי אויך אין לאַנד גופא, איז געווען פול מיט דייטשע און עסטרייכישע זעלנער.

ווי בעת די רוסען איז אויך דאַן אָנגעגאַנגען אַ גרויסער האַנדעל מיט די זעלנער, און דאָס נאָך מעהר, וואָס די עסטרייכער זיינען געווען אויס־געהונגערט און אוועקגעגעבען דעם לעצטען מאַנטעל פאַר אַ שטיקעל ברויט.

דער צערפאַל פון עסטרייך, האָט אויך געבראַכט אַ טיפע ענדערונג פאַר טשאָרטקאָוו. גלייך אין די ערשטע נאָוועמבער־טעג אין יאָהר 1918 האָבען די אוקראַינער איבערגענומען די שטאָדט און ס'האָט זיך אָנגעהויבען די אוקראַינישע ממשלה. די קורצע אוקראַינישע ממשלה, וואָס איז געווען אויסגעפולט מעהר מיט דער מלחמה געגען פּוילען, האָט געבראַכט צו אַ טויטקייט איןווירטשאַפטליכען לעבען, קיין שום מסחר איז נישט געפירט געוואָרען, אַלע בעלי מלאכות זיינען אַרומגעגאַנגען אָהן אַרבייט. די נויט איז געווען זעהר גרויס, בפרט צווישען די אָרימע קרייזען און צווישען די היימקערער פון דער מלחמה.

אַלס געגענזאַץ צו דעם שווערען ווירטשאַפטליכען לעבען איז געקומען דער וואוקס פון געזעלשאַפטליכען לעבען, אַ דאַנק דער אַנערקענונג פון די אידען אַלס אַ באַזונדערע נאַציע. האָט טשאָרטקאָוו צום ערשטען מאָל זוכה געווען, אַז אויף דער געמיינדע און אין אַלע ביוראָען זאָלען זיין אידישע שילדען, און אומעטום איז די אידישע שפּראַך געווען אַנערקענט און גלייך־באַרעכטיגט ווי די מלוכה־שפּראַך, אוקראַיניש. דאָס פּאַרטיי־לעבען איז געווען זעהר גרויס און שטאַרק און אַ גאָר אָנגעזעהן אָרט האָט פאַרנומען די פּאַרטיי „פּועלי ציון", וואָס האָט אַרומגענומען כמעט אַלע אַרבייטער און בעלי מלאכות.

דער אַרבייטער ראַט, וואָס איז געווען דער אויספירונג־אָרגאַן פון דער פּאַרטיי, איז געווען אַ שטאַרקער כח אין שטאָדט און אַ חוץ זיין ברייטער קולטורעלער אַרבייט, האָט ער זיך דערהויפּט אָפּגעגעבען מיט העלפען דער אָרימער באַפעלקערונג און דאַצו איז געשאַפען געוואָרען אַן אַרבייטער־קאָנסום, וואָס האָט זעהר אַ סך אויפגעטהאָן. מצד די בירגערליכע פּאַרטייען, איז געשאַפען געוואָרען אַ בירגערליכער־קאָנסום וואָס האָט אויך געבראַכט אַ סך נוצען דעם מיטלשטאַנד, געבענדיג צו ביליגע פּרייזען פאַרשידענע לעבענס־מיטעל, וואָס איז אין פרייען האַנדעל שווער געווען צו באַקומען.

מיט דער שטאָדט האָט אָנגעפיהרט אויפ׳ן אָרט פון דער קהלה אַ נאַציאָנאַל־ראַט, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פון דעלעגירטע פון אַלע פּאַרטייען. אין דער שפּיץ פון נאַציאָנאַל־ראַט איז געשטאַנען דאָקטאָר קרוה, וועלכער האָט אַלס אומפּאַרטייאישער זעהר פיל פאַרשטענדעניש געהאַט פאַר דער אַרבייט פונ׳ם נאַציאָנאַל־ראַט און זעהר אַ סך אויפגעטהאָן. מיט׳ן נאַציאָנאַל־ראַט האָבען זיך גערעכענט אַלע אוקראַאינישע קרייזען און האָט מיט זיין אַרבייט צו דער אידישער באַפעלקערונג אַ סך נוצען געבראכט.

אַ סך שטערונג אין דער אַרבייט פונ׳ם נאַציאָנאַל־ראַט, איז געקומען מצד די ארטאדאָקסישע קרייזען, וואָס האָבען זיך גרופּירט אַרום פּאַראַיין „אחדות ישראל“ (היינט „אגודה“). באַזונדערס האָבען זיי זיך אויסגעצייכענט, בעת ס׳האָבען גערפט פאָרקומען וואַלען צום נאַציאָנאַל־ראַט, אין וועלכע פרויען האָבען אויך גערפט האָבען דאָס אַקטיווע און פּאַסיווע וואַלרעכט. די ארטאָדאָקסן האָבען זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום מיטעל און געזוכט צו שטערען דאָס דורכפיהרען די וואַלען צום נאַציאָנאַל־ראַט, אין וועלכען זיי האָבען געוואוסט, אַז זיי וועלען זיין גאָר אַ קליינע מינדערהייט. אַ טאָג פאַר די וואַלען האָבען זיי אויסגע׳פּועל׳ט ביי דער מאַכט, אַז מען זאָל נישט לאָזען אַרויסגעהן אין גאַס בכדי ס׳זאָלען נישט קענען אָפּגעהאַלטען ווערען קיינע וואַל פאַרזאַמלונגען. אַ חוץ דעם האָבען זיי זיך אַריינגעריסען אין דער קאַנצליי פונ׳ם נאַציאָנאַל־ראַט און אַרויסגענומען די זיגלען מיט אַלע וויכטיגע פּאַפּירען.

זיי וואָלטען פאַר דער דאָזיגער שענדליכער האַנדלונג געווען באַקומען די גרעכטע שטראָף, נאָר צו זייער גליק האָבען זיך די פּאָליאַקען דערנעהנטערט צו טשאָרטקאָוו און ס׳איז געוואָרען אַ סוף צו דער אוקראַאינישער ממשלה.

ס׳איז אויך ווערט צו דערמאָנען, דאָס בעת דער אוקראַאינישער ממשלה האָט די שטאָדט געהאַט אַ אידישע מיליץ, וואָס האָט געהיט בייטאָג און ביינאַכט און אַ סך רויבערייען און אָנפאַלען, וואָס ס׳איז דאַמאָלס געווען אין דער מאָדע, זיינען פאַרהיט געוואָרען.

דאָס אַריינקומען פון די פּאָליאַקען האָט געבראַכט צו אַ טויטקייט אין געזעלשאַפטליכען לעבען און פרייער געמאַכט אַ ביסעל דאָס ווירטשאַפטליכע לעבען. די ערשטע פּאָר חדשים איז דאָס אידישע לעבען אויך נישט געווען זיכער, געשלעגען און בערד רייסענישען זיינען געווען אויף דער טאָגאָרדענונג. ווען ס׳האָט זיך אָבער אָנגעהויבען דאָס לעבען מעהר צו נאָרמאַליזירען, האָבען זיך אָנגעהויבען אין געגענד די קאַמפען מיט די באָלשע־

וויקעס, וואָס האָבען אויך פאַרנומען טשארטקאָוו און אָפּגעוועזען דאָ 8 וואָ־כען צייט.

דאָס צווייטע מאָל אַריינקומען פון די פּאָלאַקען האָט געבראַכט מיט זיך די פּעטלורצעס, וואָס האָבען זיך דאָ צוזאַמען מיט זייערע פאַר־בינדעטע געלאָזט אַביסעל וואוילגעהן אויפ'ן חשבון פון אידיש האָב און גוטס.

מיט דער צייט זיינען די פּעטלורצעס אַוועקגענומען געוואָרען פון דאַנעט, און דער שלום מיט די באָלשעוויקעס האָט געבראַכט צו אַ נאָרמאַליזירונג פון אידישען לעבען.

די אַלע לעצטע מלחמות אַרום טשארטקאָוו האָבען געבראַכט צו אַ גרויסער נויט אין שטאָדט, און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבען באַקומען די ערשטע אַמעריקאַנער גרוסען.

נאָך בעת דעם ערשטען מאָל אַריינקומען פון די פּאָליאַקען, האָבען זיך אָנגעהויבען אָפּצורופען די אַמעריקאַנער קרובים, וואָס האָבען זייער אַ סך הילף געבראַכט. אויך דער דזשאָינט האָט אָנגעהויבען זיין הילפסטעטיגקייט און אין פיל פאַלען אַ סך נוצען געבראַכט. די באָלשעוויסטישע אינוואזיע האָט די טעטיגקייט איבערגעריסען און נאָך דעם צווייטען מאָל אַריינקומען פון די פּוילען האָט זיך די הילפס־ארבעט און די געלט־שיקונגען פון די אַמעריקאַנער קרובים ווייטער אָנגעהויבען. מיט דער הילפס־אַקציע פונ'ם דזשאָינט האָט אָנגעפירט אַ געשאַפענער רעטונגס קאָמיטע, וואָס איז אָנגע־פירט געוואָרען פון די הערען דאָקטאָר קימעלמאַן און יאָסעלע יעגער ע"ה. יאָסעלע יעגער האָט זיך אויך שטארק אויסגעצייכענט מיט זיין אַרבעט בעת דער אוקראַינישער ממשלה און האָט זיך אַ סך פאַרדינט געמאַכט צווישען דער אידישער אָרימקייט. מיט דזשאָינט געלטער איז אויפגעבויט געוואָרען אַ מאָדערן באָד און ס'איז געקויפט געוואָרען אַ הויז, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ פאָלקס־הויז, אין וועלכען אַלע פאַרטייען האָבען געזאָלט האָבען זייערע לאָקאַלען, האָבען אָבער עטליכע ציוניסטען אויסגענוצט די לאַגע, וואָס זיי האָבען געדאַרפט דורכפיהרען דאָס איבערנעהמען פונ'ם הויז און זיי האָבען דאָס הויז אויף זיך פאַרשריבען און אַזוי איז דאָס פאַרבליבען ביז'ן היינ־טיגען טאָג.

דער רעטונגס קאָמיטעט האָט אויך אויסגעברייט זיין אַרבייט אויף די אידישע פּליטים פון רוסלאַנד, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַריבערקומען, בכדי צו דערשלאָגן זיך קיין אַמעריקע אָדער ארץ־ישראל. פאַר די פּליטים האָט דער קאָמיטעט זעהר אַ סך אויפגעטהאָן, שאַפענדיג דערוויל פאַר זיי דירות און עסען און דאָס רעכט דאָ צו זיין ביז זיי וועלען קענען ווייטער פאָהרען. אַ דאַנק דעם אַלעמען איז טשאָרטקאָוו געוואָרען אַ היפּשע און אַ

גרויסע האַנדעלס־שטאָדט. דאָסווירטשאַפטליכע לעבען האָט זיך אַלץ מעהר פאַרבעסערט, דאָס פּאַלען פון מאַרק האָט געבראַכט דאָ צו אַ שטאַרקער אויפלעבונג און יעדער האָט אָנגעהויבען צו לעבען ברייט איבער די כוחות.

די אינפלאַציע יאָהרען מיט זייער „פּראָספּעריטי" האָבען זיך אָבער גיך געענדיגט. ס'איז געקומען די סטאַביליזירונג פון דער וואַליוטע און די אַלע מיליאָנערען האָבען אָנגעוואוירען די מיליאָנען. — די ערשטע יאָהרען פון דער סטאַביליזירונג האָבען זיך נאָך אַזוי נישט געלאָזט שטאַרק פּיהלען. דער וועלט קריזיס איז נאָך נישט געווען, ס'איז נאָך געבליבען עטוואָס פון די פעטע יאָהרען, אָבער פון יאָהר צו יאָהר איז אַלץ געוואָרען ווענינער, דער אַלגעמיינער קריזיס האָט אויך צוגעהאָלפען און איצט ווערט פון טאָג צו טאָג אין טשאַרטקאָוו שלעכטער.

טשאַרטקאָוו האָט נישט קיין פאַבריקען, אָבער אַרבעטסלאָזע זיינען דאָך פאַראַן. בעלי מלאכות געהן אַרום אָן אַרבעט, סוחרים זעצען אָן און די נויט ווערט פון טאָג צו טאָג גרעסער.

אמת ס'איז אַ גרויסע בילינקייט אין אַלעמען, אָבער וואָס האָט מען דאַפון, אַז דער אָקס קאָסט אַ גראָשען און מען האָט דעם גראָשען נישט. ס'געהן אַרום בעלי מלאכות, וועלכע ווילען פאַרדינען 2-3 זל. אַ טאָג (20-30 סענט) און ס'איז נישטאָ ביי וואָס, און אַזוי איז איצט די לאַגע אָהן אָן אויסזיכט אויף בעסער.

דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען איז אויך די לעצטע יאָהרען שטאַרק אָפּגעשוואַכט. די גוטע ארץ־ישראל יאָהרען האָבען געבראַכט אָן אויפלעבונג אין די ציוניסטישע רייען, אָבער יעצט זיינען די אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען אָפּגעטויט געוואָרען און אין שטאָדט איז כמעט קיין שום פּאַרטיי לעבען נישט פאַראַן.

פון פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס איז ווערט צו דערמאָנען דאָס בית יתומים און דאָס מושב זקנים, וואָס ליידען אויך פונ'ם קריזיס. ס'איז אויך כדאי צו דערמאָנען די גמילות חסדים קאַסע, וואָס איז היינט אַ גרויסע שטיצע פאַר'ן בעל מלאכה און קליינעם סוחר.

דער פאַראיין „יד חרוצים" און „עושה חסד", וואָס גרופּירען אַרום זיך ס'רוב אידישע בעלי מלאכות, טוען זייער ווענינ אויף, בכדי צו לינדערען די נויט פון אַ סך פון זייערע מיטגלידער. דאָס איינציגע וואָס זיי טוען נאָך, איז דאָס נעכטיגען און געבען הילף קראַנקע מיטגלידער.

צום אייביגען אנדענק

היינט אין דעם טאָג פון אונזער גרויסען יום טוב דערמאנען מיר מיט געבויגענע קעפּ און טיפען צער אונזער פארשטאָרבענעם מאַן און פאָטער

ר' וואָלף באַדינגער ע"ה

וואָס איז געשטאָרבען דעם 11טען יאנואר, 1929.

צוזאַמען מיט אונז האָט ער געלעבט, געהאָפט און געשטרעבט צו פאַרגרעסערען און פאַרשענערען אונזער פאַראיין. טריי און איבערגעגעבן האָט ער בייגעשטייערט זיין חלק, אָבער דער גרויזאמער טויט האָט איהם פון אונז פאַר דער צייט צוגענומען.

און מיט טיפען טרויער פארטראכטען מיר זיך היינט און מיר זעהען איהם אונזער פאַרשטאָרבענעם מאַן און פאָטער, אין זיין שעהנעם טייל ארבייט אין אונזער ערפאָלג און מיר זיינען שטאָלץ וואָס זיין גייסט לעבט אין אונזערע טעטיגקייטען. און זיין נאָמען איז פעראייביגט אין אונזער ארבייט פאר דעם פאַראיין.

עהרע זיין אָנדענק!

די פרוי:

חאיציע באַדינגער

די קינדער:

מאיר, בעריש, יאַנקעל, שאמעלע

Max, Beny, Jacob and Samuel Bodinger

דער לעצטער „שאַפּירניק״

(ר׳ מעשל שוחט ז״ל)

פון א. טרעסקי

מיט׳ן טויט פון מעשל שוחט האָט די שפּירא־באַוועגונג אין טשארטקאָוו איהר לעצט קאַפּיטל אָפּגעשלאָסען.

ווען מען באַטראַכט דעם גאַנג פון דער שפּירא־באַוועגונג פון ערשטן יאָהר אָן, זעהט מען, ווי פון יאָהר צו יאָהר איז זי מעהר איינגעשרומפּען געוואָרען און זיך אויסגעדריקט נאָר אין דעם, וואָס די אנהענגער איהרע האָבען זיך באַנוצט מיט א באַזונדערער שחיטה.

דאָס וואָס דער ענין שחיטה איז געוואָרען די „צענטראַלע אידעע״ און אַרום וועלכער ס׳האָט זיך אַלע יאָהרען געפיהרט דער קאַמף, דאָס האָט אָפּגעטויט די באַוועגונג, וואָס האָט דוקא ביים אָנהויב אָנגענומען פאָרמען, וואָס זיינען אויסען געווען צו ענדערען דעם גאַנג פונ׳ם אידישען לעבען אויף גאַנץ אַנדערע יסודות.

די שאַפּירא־באַוועגונג, וואָס האָט געוואָלט זיין א טייל פון דער השכלה־באַוועגונג, מיט איהר פּראָפּאַגאַנדירען דאָס לערנען וועלטליכע למודים, מיט איהר אָננעהמען זיך פאַר די אָרימע און מיט איהר דערהויבען דעם בעל־מלאכה צו א גלייכען צווישען די גלייכע, האָט שפּעטער זיך אַלץ מעהר פאַרוואַנדעלט אין א באַזונדערער רעליגיעזער סעקטע, מיט א נאַציאָנאַלען אונטערשלאַק.

אָט דער ענין שחיטה האָט געבראַכט צו שווערע קאַמפּפען, וואָס האָבען צייטענווייז אָנגענומען גאָר שרעקלעכע פאָרמען. דער קאַמף געגען רבי׳ן און די אַרויספאָדערונג מיט אַן אייגענער שחיטה איז געווען גאָר רעוואָ־לוציאָנעריש. ס׳איז אויך געווען פאָראויסצוזעהן, אַז מיט דעם, וואָס די באַזונדערע שחיטה איז געוואָרען דער „צענטראַלער״ פונקט פון דער באַ־וועגונג, וועט מיט דער צייט ווען די געמיטער וועלען זיך איינשטילען, די גאַנצע באַוועגונג פאַרלירען דעם באָדען אונטער די פיס.

אזוי איז אויך טאַקע געשעהן. דער קאַמף אַרום דער שחיטה האָט אויפגעהערט. פאַר די חסידים איז די שחיטה פון מעשל שוחט טאַקע ווייטער געווען גלייך ווי טריף, אָבער מען האָט זי טאָלערירט. פאַר די „שאַפּירניקעס" האָט זיך ווייטער נאָר געהאַנדעלט אין דעם, אַז „קהל" זאָל זייער שוחט אַנערקענען אַלס שטאָדטישען שוחט, און דאָס איז זיי, אין די לעצטע יאָהרען, טאַקע געלונגען.

אויב נאָך ביים לעבען פון הרב שאַפּירא איז שוין מעשל שוחט געווען די צענטראַלע אַקס פון דער באַוועגונג, איז דאָס נאָך בולט'ער אַרויסגעקומען, מיט'ן אָפּשטאַרבען פון הרב שאַפּירא, ווען מעשל שוחט איז געוואָרען דער גייסטיגער ראש פון דער גאַנצער באַוועגונג.

די אַנערקענונג, וואָס איז געקומען אין די לעצטע יאָהרען פאַר איהם, מיט דעם וואָס קהל האָט איהם אַנערקענט אַלס שטאָדטישען שוחט און איהם באַשטימט אַ פּענסיע, איז פאַר איהם געווען אַ גרויסע פרייד, אָבער צוגלייך האָט ער געהאַט גרוים צער, צוזעהענדיג, וואָס ער האָט צוליעב עלטערקייט געמוזט אויפהערען צו שחט'ן און נישט האָבענדיג קיין נאָכפאָלגער וואָס זאָל קענען פאַרטרעטען זיין שטעלע אַלס גייסטיגער ראש, וועט די שאַפּירא באַוועגונג אַלץ מעהר פאַרלירען דעם ענגען צוזאַמענבונד און מיט זיין טויט וועט די שאַפּירא סעקטע זיך צופאַלען.

אַ בעגריסונג פון וו. ראָטה, עקס-פינאַנץ סעקר.



וו. ראָטה

איך בעגרים די חשוב'ע טשאָרטקאָווער רבי ישעיה מאיר שפּירא פעראיין, אין וועלכע איך בין געוועז 26 יאָהר פינאַנץ סעקרעטער און האָב געמוזט רעזיגנירען צוליב קראנקהייט. ווי אנגענעהם מיר איז געוועז צו ארבייטען מיט די ברידער וואָס באַלאַנגען דאָרט. איך האָף צו השי"ת אז איך וועל געזונד ווערען כ'זאָל ווידער קענען נעהמען אַן אַקטיווען אנטייל און פּאָרטזעצען מיין אַרבייט ווי בעפאָר. מיין זוהן זאָל לעבען פאַרנעהמט דאָרט אויך אַ חשוב'ן אַמט אַלס דאָקטאָר און די ברידער זיינען זעהר צופרידען צו האָבען אַזאַ געטרייען איבערגעבענעם דאָקטאָר וואָס טהוט זיינע פליכטען מיט אמת'ע טרייהייט.

איך ווינש אַלע ברידער צו דערלעבען אַ סך גוטע און געזונטע יאָהרען!



א באַגריסונג פון

דר. איזידאָר ראָטה

דער „פּנקס" פון טשאָרטקאָווער קהל

פון יאַנקעל גאָלדבערג

אונזער קהל׳שער פּנקס האָט זיך אָנגעהויבען פונ׳ם רב ר׳ הערשעלע ז״ל אין יאָהר תצ״א (מיט צוויי הונדערט יאָהר צוריק). ס׳איז געווען נאָך אַ פריהעריגער פּנקס, נור וואו ער איז, ווייסט מען ניט. דערפאַר איז שווער עפּעס געניוערס צו וויסען פון דעם לעבען פון דער גאָר אַלטער קהלה אין טשארטקאָוו, ווי אויך, פון ווען ס׳הויבט זיך אָן דער ישוב. אויפ׳ן היגען אַלטען בית-עלמין איז די עלטעסטע מצבה אויף אַ ברודער-קבר פון שנת ת״ח. עס זיינען אָבער געוועזען נאָך עלטערע מצבות, נאָר אין לעצטען קריעג האָט מען זיי פּשוט אַרויסגעריסען. ס׳איז כדאי צו באַמערקען, אַז די אַלטע מצבות געהערען צו די כאַראַקטעריסטישע ביי אידען אין פּוילען. אידישע און נישט-אידישע קינסטלער זאָגען זיך אַרוים מיט גרוים אָנערקענונג פאַר דער קינסטלערישער אויספיהרונג פון די מצבות. נור ליידער האָט אונזער קהלה פאַר אַזוינע זאַכן קיין שום פאַרשטענדניש. ערשט אַ דאַנק דעם „י. ל. פּרץ פּאַראַיין", וועלכער האָט אָהן שום שטיצע פון קהל אַליין אויס-געגראָבען און אָפּגערייניגט די מצבות.

פון די אויפצייכענונגען אין פּנקס איז כדאי זיך אָפּצושטעלען אויף איינִיגע, וועלכע גיבען אַ בילד, ווי אַזוי דער אַמאָליגער לעבענס-שטייגער פון אונזערע אידען האָט אויסגעזעהן. צ. ב. די אויפצייכענונג פון דעם רב וואָס איז געוועזען דאָ אין יאָהר תקכ״ח-תקכ״ט (1767-68), איבער וועלכען דער שרייבער דריקט זיך אויס אַז „לא נתן להזכר שמו כאן". גאָר אַלטע אידען פּלעגען איבערהויפּט איבער דעם רב ניט וועלען שמועסען, און ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס געוועזען אַ רב וואָס איז געוואָרען אַ „פראַנקיסט", און אפשר איז ער גאָר געוואָרען אַ ׳חסיד׳ פונ׳ם בעל-שם-טוב׳ס חבריא און די „מתנגדים" פון יענעם דור האָבען איהם דורכאויס געוואָלט פאַרגעסען.

ווייטער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יענע צייטען די „מעשה נורא" מיט די מעוברת׳ע אידענעס, אינטערעסאַנט איז אויך אַ חשבון פון דער אַלטער קהלה.



די גרויסע שול אין משאַרגראָד.

אויף דף מ"ג עמוד א' געפינט זיך פאָלגענדער

חשבון הקהל

אנחנו הח"מ הרעגירערס ובעלי קלפי עשינו חשבון צדק מה ששילמנו ממעות ס׳מפל הנגבה בעד שני קווארטיל שעברו מה שהי' מגיע לשלם מחודש נאָוועמבער האי שתא תקמ"ה לפ"ק עד חודש מאיום למספרם והן הן ההוצאות ונרשם כל הוצאה בפרוטרוט היינו:

תלמוד תורה — — — — — — — — — —	שני מאות זהו' פוליש
לחזן — — — — — — — — — — — — — —	מאה " "
לר' צבי שמש — — — — — — — — — —	מאה " "
לר' שמעריל שמש — — — — — — — — —	חמישים " "
הוצאות קאַנצעלאריע — — — — — — — —	מאה " "
לשמש דקאַנצעלאריע — — — — —	ששה ושלשים " "
עקסטיר הוצאות היינו הוצאות לסטאניסלאב ולזאלישטשיק ופקודות מסט. ומזל.:	מאה ושלשים " "
שכירות להקהל ששה חדשים — — — — —	ששים " "
תיקון עירוב ומרחץ — — — — — — —	ארבעים " "
נייר ודיו — — — — — — — — — — — —	עשרים " "
שומר לילה — — — — — — — — — — —	ארבעים " "
לסופר הקהל — — — — — — — — —	ארבעה ועשרים " "

סך הכל עולה תשעה מאות זהו' פוליש.

היום יום א' מאיום תשפ"ה (1785) למספרם נעשה חשבון הנ"ל וחלילה מאנשי קהילתנו לעורר שום קטטה נגד החשבון הנ"ל ולראיה מהימנא באנו עה"ח יום הנ"ל....

די הלוואות וואָס קהל פלעגט מאַכען זעהר אָפט צו דעקען זייערע דעפיציטען, פלעגען זיי באַקומען מייסטענס פון די פּריצים און פון די גלחים פון דע רגענענד, זיי פלעגען צאָהלען דערפאַר פּראָצענטען און עקסטרא פאַרשידענע מתנות, מייסטענס וואַקס און פאַראַפין, דערצעהלט דער „פנקס" וועגען דעם:

בערב שבת קודש עשרה ימים בחודש אדר שני תק"י לפ"ק נעשה הלוואה סך שני אלפים שלש מאות שמונה ושמונים זהובים מן אדונית פאַני נאַמאַטשינסקי מכפר האלושציניץ עפ"י הקאַנסענס מהאדון הגדול החסיד השר יר"ה פאַן פּאַטאצקי מלבוב שר ומושל דפה קהלתנו לתן רווחים בכל שנה שתהי' ההלוואה תולה פה סך עשרה זהובים למאה, ופעם אחת בשנה

מתנה חנם א׳ פונט פלפל, א׳ פונט קידה, א׳ פונט ראזין, א׳ לויט נעגעלעך, א׳ לויט זאפרין, א׳ לויט צימרינג, וכמה אבני חלב.

מוסרים האָבען דאמאָלס אויך ניט געפעהלט, איבער איינעם אזא מסור דערצעהלט מען אז ער איז געגאנגען צום פּריץ פּארקלאָגען די אידען, באשר זיי רופען ניט איהם, דעם מסור, צו דער תורה מיט׳ן טיטול „מורינו״ און די אידען ווילען איהם איבערהויפּט גאָר ניט הערען. דער פּריץ האָט איהם אויסגעהערט און האָט געגעבען א באַפעהל צו קהל, אז מהיום והלאה זאָל מען איהם אויפרופען מיט׳ן „למורינו״ און ער האָט איבעראל זיך א רעכט אריינצומישען. און דער דאמאָלסדיגער רב ר׳ הערשעלע ז״ל, שרייבט דאָס אָן אינ׳ם פּנקס:

היום עלתה במוסכם כלם על דבר החלקת כבוד הניתן לכבוד האלוף התורני כמוהור״ר אריה ליב להיות יושב בין האלופים הראשים ומנהיגי הקהלה תמיד לכל דבר גדול או קטן ככל הנזכר לעיל. מעתה כל מי שירצה להיות פּוצה פה ומצפצף לעורר על זה ולגרוע מכבודו מחויב ליתן קנס על המבצר סך מאה אדומים כי כן הוא צווי מהשררה יר״ה. וע״ז באתי על החתום יום ו׳ ט׳ אייר תק״א לפ״ק. נאום צבי הירש הלוי איש הורוויץ חו״פ טשארטקאָוו והגליל יצ״ו.

אויף דף נ׳ עמוד א׳ ווערט דערצעהלט דאָס פאָלגענדע:

תכתב זאת לדור אחרון, להיות אשר בשנת ת״ח עבור גודל הצרות וההריגות שהיו במדינת אוקראינא הי״ד (ה׳ ינקום דמם) ע״י חמיל ימ״ש נעשה כל הסביבות דגליל פּאָדאָליע חירום נוסף לזה פה ק״ק טשארטקוב. כאשר שמעתי ממגידי אמת ע״י ילילות שקרים ורשעת האדונים נהרגו על לא דבר כמה אנשים אשר קדשו השם ברבים הי״ד, ע״כ נגזר אומר מהרבנים הגאונים דארבע ארצות אשר לא ידורו פה שום בר ישראל עד שבשנת תס״ה חזר השר דפה ובקש שיבואו לדור פה ויתן להם חירות וע״י השתדלות נתן רשות לדור פה ולא היה פה שום רב ואב״ד זולת הרבני המופלג מוהר״ר משה מקרעמניץ הי׳ פה משמש במקום רב ואב״ד, ואח״ז היה פה בשנת תע״ז אב״ד ה״ה הרב המאוה״ג מ׳ שכנא בהרב הנ״ל מ׳ משה.

וכאשר מצאתי בכתבים הי׳ פה הרב אב״ד מוהר״ר אליעזר ליפמאן ז״ל שהי׳ אב״ד בק״ק סטרעליסק בשנת תפ״ה לפ״ק.

והרב המאוה״ג מוהר״ר שמואל בהרב הגאון מוהר״ר אברהם שהי׳ אבד״ק סטנאב נתקבל עוד פה לאב״ד ומת בשנת תפ״ו לפ״ק.

הרב הגאון החסיד המפורסם מוהר״ר צבי הערש הלוי איש הורוויץ בהרב מוהר״ר מאיר ז״ל נתקבל לכאן בשנת תפ״ו לפ״ק, עד שנסתלק ועלה לישיבה של מעלה בחמשה עשר לחודש מרחשון תקי״ד לפ״ק.

ובשנת תקי״ד נתקבל לכאן הרב ה״ה מוהר״ר ישראל ז״ל שנעשה

חתן הרב הגאון הנ"ל אחר סילוקו וישתמש בכתר הרבנות דפה עד תקכ"ו לפ"ק.

בשנת תקכ"ז ותקכ"ח הי' פה איזה איש אשר לא נתן להוכר שמו כאן.

בשנת תקכ"ט נתקבל פה לרב ואב"ד הרב הה"ג מוהר"ר יהודא ליב תאומים מק"ק יאריטשוב הסמוך ללבוב והי' פה עד קיץ תקל"ד ספ"ק.

בשנת תקל"ה נתקבל פה הרב המובהק הה"ג מוהר"ר אליעזר ליפמאן מק"ק מזולקווא שהי' אב"ד בק"ק יאנוב ולא האריך שנים פה ונתבקש לישיבה של מעלה בשנת תקל"ז לפ"ק.

בשנת תקל"ח נתקבל לפה הרב המאוה"ג מוהר"ר משה בהרב הגאון מוהר"ר שלמה דוב שהי' אב"ד בעיר גלינא רבתי ונתבקש בישיבה של מעלה בשנת תקס"ט לפ"ק.

אויף דף נ"א עמוד א' ווערט דערצעהלט דאָס פאָלגענדע:

למען ידעו דור אחרון אחר חג הפסח תקפ"א לפ"ק נפטרה אשה אחת מעוברת ביום ו' בהשכמה ושלחנו מהב"ד ע"י עשרה אנשים ושופר בידם בהתראה ובאזהרה מהב"ד שתלד הולד, ובו ביום ילדה הולד.

עוד מעשה נורא ביום א' ערב שבועות תקפ"ה לפ"ק בכפר בילא פאטיק הסמוך לפה, הלכה אשה אחת לטבול שם בנהר ובקשה מאשה אחרת מעוברת שתרד עמה לטבול ולעמוד עלי' לראות אם טבלה כדין ונטבעו שמה שניהם בהנהר ומתו, והוליכו האשה האחת לק"ק יאזלוויץ לקבור שמה והאשה המעוברת הביאו ביום א' דחג השבועות לפה לקבור אותה קודם חצות היום, ואחר חצות אספנו עשרה אנשים ושלחנו אצלה שני אנשים באזהרה מהעשרה אנשים שתלד הולד, ולא הולידה, וביום ב' דחג השבועות הוא יום שלישי לפטירתה שלחנו מהב"ד עשרה אנשים ושני שופרות בידם, בכדי לאים עלי', ג"כ באזהרה גדולה שתלד הולד, אך לא הולידה, והוחלט בדעתינו לקבור אותה מבלי לפתוח בטנה, אך הנשים צעקו מאד שלא לקבור אותה כך עם ולדה, רק להתיר להם לשלוח לרופא שיביא סכין לחתוך בהאם, ולא רצו להתיד להם והמילדות שלחו בעצמם וקרא לרופא, וכשבא הרופא לבית שהמתה מונח שמה, והניח הסכין על השולחן, תיכף ומיד הולידה ולד בעצמה.

היום מוצאי יו"ט דשבועות תקפ"ה לפ"ק

דברי הק' יצחק רוזין צוויג חפ"ק טשארטקוב והגליל.



צום אייביגען אַנדענקען פון מיין מאַן

און פאָטער פון מיינע קינדער

אליה ווינקלער



צום אייביגען אנדענקען פון מיין מאַן
און פּאָטער פון מיינע קינדער

ר׳ יוסף שוואַרטץ

וואָס איז נפטר געוואָרען 23 טאָג אין
חודש כסלו.



נחמן און פרידא שניידער, ע"ה

באגריסונג פון

מר. און מרס. יוסף הערש שניידער און זוהן



ר׳ זכריה לאנדע נ״י

די קינדער פון זכריה לאנדע:

מר. און מרס. מ. ראָהאַטינער

מר. און מרס. מאקס לאנדע

מר. און מרס לעאָן הויזנער

א רב וואָס מען טאָר זיין נאָמען נישט דערמאנען

פון א. ליטווין

אין טשאָרטקאָווער פּנקס איז דאָ אַ ספּעציעלע בלאַט, וואו עס זיינען פאַרשריבען די נעמען פון די רבנים, וואָס זיינען דאָרט געווען, ווען זיי זיינען אָנגעקומען און ווען זיי זיינען נפטר געוואָרען.

שטעהט דאָרט פאַרשריבען אַזאַ שורה: „שנת תקכ״ז ותקכ״ח היה פּה איזה איש אשר לא נתן להזכר שמו כאן.״

דאָס הייסט: אין די יאָהרען 1767 און 1768 איז דאָ געווען „עפּעס אַ מענש״, וואָס זיין נאָמען איז ניט ווערטה צו דערמאָהנען.

עס איז דייטליך, אַז דאָ האָט עפּעס פּאַסירט, אנשטאַט דעם נאָמען „רב״ שטעהט „עפּעס אַ מענש״ און זיין נאָמען איז פאַרבאָטען צו דערמאָהנען.

איך האָב זיך גענומען נאָכפרעגען אין שטעדטעל, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אין טשאָרטקאָוו געהט אום אַזאַ לעגענדע וועגען רב, וואָס איז אויף אַזאַ שטייגער פערצייכענט אין פּנקס.

אין פּוילישען קלויסטער געפינט זיך, צווישען קריסטליכע קברים, אַ קבר, מיט אַ שעהנער מצבה דערויף, און אויף אָט דער מצבה אין אַן אויפשריפט מיט אַ אידישען נאָמען. דער נאָמען בעלאַנגט צו די געהויבענע אין שטעדטעל, צו אַ משפּחה, פון וועלכער עס זיינען אַמאָל אַרויסגעקומען רבנים און לומדים.

פון אָט דער משפּחה איז אַמאָל געווען אַ רב אין שטעדטעל, אַ יאָהר 13—14 נאָך ר׳ הערשעלע׳ס טויט. דער רב האָט זיך גע׳שמד׳ט נאָר ער האָט זיין גאַנצען לעבען פאַרלעבט אין טשאָרטקאָוו גופא. ער האָט געמוזט זיין אַ „כלי־קודש״ ביי דער קריסטליכער באַפעלקערונג. דאָס איז קענטיג דערפון, וואָס ב׳האָט איהם בעגראָבען אין קלויסטער, וואו מען בעגראָבט גלחים.

אַן אַנדער נוסח זאָגט, אַז דער רב, וואָס איז באַצייכענט מיט די ווערטער „עפּעס אַ מענש״ האָט זיך ניט גע׳שמד׳ט, נאָר ער איז געוואָרען אַן „אפּיקורס״. צו דער עלטער האָט ער מורא געהאַט, אַז „חברה קדישא״ זאָל איהם ניט אָנטאָן קיין בזיונות נאָך זיין טויט, האָט ער זיך גע׳שמד׳ט און געבעטען מ׳זאָל איהם בעגראָבען אין קלויסטער, כדי אידען זאָלען צו זיין קבר ניט קענען צוקומען.

אַ באַנקעט פון׳ם פרץ פאראיין לכבוד דעם באוואוסטען קריטיקער און שרייבער ש. ניגער. פון ניו יאָרק.

דער י״ל פּרץ־פּאַראיין

פון א. טרעמבאָוועלסקי

פאַר אונזערע לאַנדסלייט אין אמעריקע וועט זיין אינטערעסאַנט און וויכטיג צו באַקענען זיך מיט דער פּאַרצווייגטער קולטור־ארבייט פונ׳ם פּאַראיין, וועלכער איז באַקאַנט מיט זיין ארבייט אין גאַנץ פּוילען.

דער פּאַראיין איז געגרינדעט געוואָרען אין חודש מאי, 1925, און די ערשטע שריט וואָס ער האָט אָנגעהויבען מאַכען, זיינען געווען זייער שווערע.

וואָס האָט געבראַכט צו דער גרינדונג פונ׳ם פּאַראיין ? צו דער גרינדונג פונ׳ם פּאַראיין האָט געבראַכט דאָס, וואָס מען האָט דאָס אידישע וואָרט אָנגעהויבען אַלץ מעהר ארויסצוטרייבען פון דער אידישער שטוב. דאָס שעהמען זיך מיט אידיש, דאָס נישט וועלען לייענען אַ אידישע צייטונג און אַ אידיש ביכעל האָט ארומגעכאַפּט די ברייטע קרייזען פון דער אַרבייטער־שאַפט און בעלי־מלאכות. די עקזיסטירענדע פּאַראיינען האָבען געפּרעדיגט העברעאיש, אָבער געמיינט האָבען זיי פּויליש. אַן אַרבייטער פּאַרטיי האָט נישט עקזיסטירט און דאַפאַר האָבען די קרייזען אָנגעהויבען נאָכצוטהאָן די ברייטע באַלעבעסלאַך, וואָס האָבען גערעדט פּויליש.

כדי צו קעמפען קעגען אָט דער נידעריגער אַסימילאַציע און צו פּראָ־פּאַגאַנדירען דאָס אידישע וואָרט, האָבען זיך צונויפגענומען אַ צענדליג מענשען, צווישען וועלכע עס זיינען אויך געווען עטליכע בעלי מלאכות און באַשלאָסען צו גרינדען אַ קולטור־פּאַראיין, וואָס זאָל זיין אומפּאַרטייאיש און יעדער, וואָס איז נאָר פאַר אידיש, מעג ער זיין אַ ציוניסט, אַ חסיד אָדער אַ סאָציאַליסט, קען ער זיין אַ מיטגליד אין פּאַראיין. דער עיקר איז געלעגט געוואָרען דאַרויף, אַז דער פּאַראיין זאָל זיין אַ היים פאַר׳ן בעל־מלאכה און אַרבייטער, וואו ער זאָל קענען אריינקומען לייענען אַ צייטונג און הערען אַ גוט וואָרט.

דער פּאַראיין האָט אָנגעהויבען באַקומען יעדעסמאָל מעהר מיטגלידער, און מען האָט גענומען דינגען אַן אייגן לאָקאַל.



די ביבליאָטעק פונ'ם יצחק לייבוש פּרץ פאַראיין אין טשאָרטקאָוו

די ערשטע גרויסע קולטור־אַרבעט, וואָס דער פאַראיין האָט אויפגעטהאָן, איז געווען דאָס אַראָפּבּרענגען אידישע שרייבער פון ווארשע מיט רעפע־ראטען. אַ זאַך וואָס טשארטקאָוו האָט נאָך דערפון נישט געוואוסט. דאָס אַראָפּבּרענגען די שרייבער איז געווען פאַרבונדען מיט גרויסע הוצאות. דער פאַראיין האָט אָבער דאַרויף נישט געקוקט, נאָר געטהאָן אַלץ, אבי ס'זאָל ברענגען נוצען די מיטגלידער.

טשאָרטקאָוו איז כמעט די איינציגע שטאָדט אין גאַליציע, וואָס האָט זוכה געווען צו האָבען ביי זיך די פאָלגענדע שרייבער: אַלטער קאַציזנע, מלך ראוויטש, פּרץ מארקיש, משה גראָס, דער טונקעלער, יואל מאסבוים, ז. סעגאַלאָוויטש און די לעצטע טעג איז דאָ געווען ש. ניגער. ס'איז נישט צו באַשרייבען דעם גרויסען נוצען, וואָס די באַזוכען האָבען געבראכט מיטגלידער פונ'ם פאַראיין בפרט און פאַר דער גאַנצער שטאָדט בכלל.

א) דער פאַראיין אָרדענט אויך איין אייגענע רעפעראטען און פאָרלע־זונגען, פיהרט אָן פאַרשיידענע קורסען און ס'איז נישט פאַרהאַנען איין קולטור־געביט, וואָס דער פאַראיין זאָל נישט באַאַרבייטען. ס'איז גענוג צו דערמאָנען, אַז דער לייענזאַל פונ'ם פאַראיין, וועלכער איז דער גרעסטער אין פּוילען, האָט איבער 770 אידישע צייטונגען און צייטשריפטען פון דער גאַנצער וועלט פון אומעטום וואו ס'געהט אַרוים אַ אידיש וואָרט.

ב) די ביבליאָטעק איז אַ ריין אידישע און זי פאַרמאָגט ביי 1600 ביכער. די ביבליאָטעק איז די איינציגע אידישע ביבליאָטעק אין שטאָדט און זי ווערט געהאַלטען פאַר אַ מוסטער ביבליאָטעק אין גאַנץ פּוילען.

ג) דער כאָר ציילט 40־50 מיטגלידער.

ד) אַ מאנדאָלין־אָרקעסטער.

ה) אַ דראַמאטישען־קרייז, וואָס פיהרט אויף אַלעמאָל פאַרשיידענע פּיעסען און ליטערארישע אָוועגדען.

מען זאָל וועלען אויסרעכענען באַזונדער יעדע אַרבייט פונ'ם פאַראיין, וואָלט מען געדאַרפט דאַרויף האָבען אַ גאַנצען בוך.

צוליב דער פאַרגרעסערונג פון דער ארבייט האָט דער פאַראיין געמוזט יעדעס מאָל בייטען דאָס לאָקאַל און איצט פאַרמאָגט ער אַ גאָר גרויס לאָקאַל אין הויז פון ה' משה ווייסמאַן, וואָס נעהמט אַריין 200 מענשען.

ביי דעם אַלעמען אָבער, ביי דער רייכער און ברייטער אַרבייט, ליידט דער פאַראיין זייער שטאַרק פון דער מאַטעריעלער זייט. דער פאַראיין באַ־קומט נישט קיין שום אונטערשטיצונג, נאָר האַלט זיך אויס פון אייגענע

דראַמאַטישער קרייז ביים יצחק לייבוש פּרץ פאראיין אין טשאָרטקאָוו

מיטגלידער, און ווער זיינען די מיטגלידער? דאָס זיינען לויטער בעלי־מלאכות, אַרבייטער און אָנגעשטעלטע, וועלכע געהן היינט אַרום אָהן אַרבייט און האָבען קוים אויף אַ שטיקעל ברויט. דער פּאַראיין האָט אַ בודזשעט פון אַריבער 30 דאָלער אַ חודש, דאָס איז ביי אונז אַ פאַרמעגען. און ווי אַזוי שטעלט מען איהם צונויף? געגנוג צו זאָגען, אַז דער פּאַראיין איז פאַר־שולדיגט איבער׳ן קאָפּ, און עס דראָהט איהם היינט נישט מעהר און נישט ווייניגער, ווי ער זאָל זיך מוזען פאַרמאַכען און לאָזען אָפּפענדען די ביבליאָ־טעק צוליעב די חובות.

דער פּאַראיין עקזיסטירט שוין דאָס זיבעטע יאָהר און האָט שוין דורכגעמאַכט פאַרשידענע צייטען, אָבער אַזאַ שווערע צייט ווי איצטערט נאָך נישט — און דוקא אין אַזאַ שווערער צייט איז דער פּאַראיין וויכטיג פאַר די מיטגלידער, וועלכע זיינען אַלע אין נויט, און דער פּאַראיין איז די איינציגע פרייד פאַר זיי. ס׳איז נישט צו נעמען אויפ׳ן געדאנק, וואָס פאַר אַ שאָדען ס׳וואָלט געוועזען ווען דער פּאַראיין, די שעה זאָל נישט זיין, זאָל זיך מוזען צוליעב נויט פאַרמאַכען.

ס׳איז שוין דערמאָנט געוואָרען, אַז דער פּאַראיין איז באַריהמט מיט זיין אַרבייט אין גאַנץ פּוילען, ס׳איז דערפאַר כדאי צו לייענען, וואָס מען שרייבט איבער׳ן פּאַראיין.

אין די „ליטעראַרישע בלעטער“, ווארשע 14/12, 1928, שרייבט יואל מאסטבוים:

„איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסען דעם טשאַרטקאָווער יצחק ליבוש פּרץ פּאַראיין מיט זיינע עטליכע צוואַנציג פרעכטיגע טהוער. — אָט דאָס ליכטיגע ווינקעלע איז באמת אַ גרויס געשעהעניש אין אונזער קולטור לעבען...“

„מאָמענט“, ווארשע, 17/12, 1928.

„פּאַראַן נאָך אַ טשאַרטקאָוו. אַ חוץ דער עלטערער אידישער אינטעליגענץ, איז אויך פאַראַן אַ זעהר אינטערעסאַנטע יוגענד, איך מיין דער י. ל. פּרץ פּאַראיין אין טשאַרטקאָוו. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסען דאָס בילד פון התלהבות, דען טאַקע נאָר די יוגענד פון אַזעלכע פּאָטערס האָט געקענט אַרויסברענגען פון זיך אַזויפיעל עכטען און אמת׳ען ענטוזיאַזם פאַר׳ן אידישען וואָרט...“

„דער מאָרגען“, לעמבערג, נומ. 569 פון 1928.

„האָט טשאַרטקאָוו, למשל בלויז 3-4 מענשען אין י. ל. פּרץ פּאַר־איין, בליהט די שטאָדט פון קולטור און אויף זייער רוף שטעלט זיך די שטאָדט מיט איהר אינטעליגענץ צו דיספּאָזיציע דעם פּאַראיין...“

דער לייענזאַל פֿונ׳ם יצחק לייבוש פּרץ פֿאַראיין אין טשאָרטקאָוו מיט איבער 70 צייטונגען.

„דער מאָרגען“, לעמבערג, נומ. 1022, 1930.

„איינע פון די וויכטיגסטע אינסטיטוציעס אין גאַליציע איז דער יצחק לייבוש פרץ פאַראיין אין טשאַרטקאָוו. דער פאַראיין, וואָס איז אַן אומפּאַרטייאישער, פיהרט אָן אַ רייכע קולטור־אַרבייט, מיט וואָס ער איז אַן אויסנאַהמע אין גאַנץ גאַליציע...“

ביי דעם אַלעמען איז כדאי צו וויסען אַז דער פרץ פאַראיין פיהרט אָן זיין רייכע קולטור־אַרבעט אָהן שום סובווענציעס און אונטער־שטיצונגען. ס'איז דערפאַר פון גרויס וויכטיגקייט, אַז די ברייטע קרייזען זאָלען זיך מעהר אינטערעסירען מיט'ן פינאַנציעלען מצב פון דעם אַזוי וויכטיגען פאַראיין און פאַרהעלפען איהם אין זיין ווייטערער עקזיסטענץ...“

„ליטעראַרישע בלעטער“, וואַרשע, נומ. 39 פון 1930.

„איינע פון די בעסטע אידישע ביבליאָטעקען אין פוילען, וואָס פיהרט באמת אָן אַ וויכטיגע אידישע אַרבייט לטובת דעם אידישען בוך, איז די ביבליאָטעק פון יצחק לייבוש פרץ פאַראיין אין טשאָרטקאָוו...“

רעד סך הכל איז. הלואי וואָלטען מיר געהאַט וואָס מעהר ביבליאָטעקען, ווי אָט די אידישע ביבליאָטעק ביים י. ל. פרץ פאַראיין אין טשאָרטקאָוו.

קיין שום פאַראיין אין פוילען האָט נאָך ביז היינט נישט זוכה געווען, אַז די צייטונגען זאָלען אַזויפיעל איבער זיין טעטיגקייט שרייבען. און דאָס וואָס מען שרייבט נאָר איבער'ן טשאַרטקאווער פרץ פאַראיין, מעג זיין אַ פרייד פאַר אַלע פריינד פון טשאָרטקאָוו, וועלכע זיינען אין אַמעריקע, און דאַרפען דאַפאַר נעהמען אַ אַנטייל מיט זייער הילף אין דער אַרבייט פונ'ם טשאַרטקאָווער פרץ פאַראיין.

דער פרץ פאַראיין נעהמט אויך אַ שטאַרקען אַקטיווען אַנטייל אין דער אַרבייט פאַר'ן אידיש־וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט אין ווילנע. דער פרץ פאַראיין האָט אַ סך וויכטיגע מאַטעריאַלען פאַר'ן אינסטיטוט צונויפגעזאַמעלט און אָפּגעקויפט. צווישען אַנדערע וויכטיגע מאַטערילען האָט דער פאַראיין אָפּגעקויפט און געשיקט אַן אַלטען כתב יד „תולדות ישו“, אַ יקר המציאות, אַ באַנד מאַנוסקריפּטען פון אַ פאַר־געסענעם גאַליצישען שרייבער פון דער השכלה־עפּאָכע, ש. דעמאַנט, און נאָך פאַרשיידענע אַלטע אידישע און העברעאישע ביכער, וואָס דער

אַן אויפנאַמע פונ'ם גאַנצען פּרץ פאַראיין מיט'ן שרייבער יואל מאַסטבוים בעת זיין באַזוך אין טשאָרטקאָוו. אין דער מיט זיצענדיג יואל מאַסטבוים, רעכטס אפרים שוועבל

פּאַראיין האָט לטובת דעם אינסטיטוט אָפּגעקויפט. ווי ווייט דער פּאַראיין קעמפּט אַליין שטאַרק מאַטעריעל, האָט ער אָבער אויך דעם חוב, צו לאָזען זיך קאָסטען און נעהמען אַן אַקטיווען אַנטייל אין דער אַרבייט פונ׳ם וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט. דער „איוואָ״ האַלט גאָר שטאַרק פונ׳ם פּרץ פּאַראיין און כמעט אין יעדען בריעף דריקט ער אויס זיין אַנערקענונג פאַר דער אַרבייט.

צווישען אַנדערעס שרייבט „איוואָ״ צום פּרץ פּאַראיין:

„מיר זיינען באמת גערירט צו זעהן אייער שטענדיגע גרייטקייט צו הילף צו קומען דעם אינסטיטוט אין זיין שווערער מיה, אויסצובויען זיין גרויסע אַרבייט אָהן די נויטיגסטע מיטלען, אָבער אַז מען האָט אַזוינע העלפער ווי איהר, קען מען זיין זיכער, אַז אונזער ציל וועלען מיר סוף כל סוף דערגרייכען.״

דער פּרץ-פּאַראיין אין זיין שווערען טאָג-טעגליכען קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, שטעלט זיך אויך נישט אָפּ, פאַר ווייטערע גרעסערע אַרבייטען און נישט-קוקענדיג אויף דער מאַטעריעלער נויט, האָט דער פּאַראיין געשטעלט זיך פאַר אַ ציל: צו האָבען אַן אייגען הויז און אַ אידישע שול. אַ אידישע שול איז היינט אַ לעבענס-נויטווענדיגקייט אין טשאָרטקאָוו. אין די אָרטיגע שולען ווערען געמאַכט גרויסע שוועריקייטען ביים אָננעהמען אידישע קינדער און דאָס ס׳רוב אָרימע, ווייל זיי קענען נישט קיין פּויליש.

די קינדער וואָס האָבען שוין יאָ די זכיה אָנגענומען צו ווערען, ווערט פאַרזאָגט צו רעדען סיי אין שולע און סיי אין דער היים פּויליש, און אַזוי וויל מען אָפּרייסען דאָס אידישע קינד פון זיין אידישען לעבען. פאַר די באַלעבאַטישע קינדער איז נישט נויטיג קיין אידישע שולען, זיי רעדען אַלץ-איינס פּויליש און אַ דאַנק פּראָטעקציע ווערען זיי אָהן שוועריגקייטען אָנגענומען אין די אַלגעמיינע שולען, אָבער פאַר די קינדער פון די בעלי-מלאכות, אַרבייטער, קליינע סוחרים און אַנדערע אָרימע קרייזען, מוז וואָס גיכער אַ אידישע שולע געעפענט ווערען, אַז נישט דראָהט אַ סכנה, אַז די אַלע קינדער זאָלען אויסוואַקסען עמי ארצים.

דער פּרץ פּאַראיין, מוז אויך האָבען אַן אייגען הויז! די אַרבייט ברייטערט זיך אויס, אויף צו עפענען אַ שולע מוז מען האָבען גרויסע לאָקאַלען, וואָס אין טשאָרטקאָוו זיינען זיי נישטאָ, און בכלל די גאַנצע אַרבייט ליידעט שטאַרק, וואָס מען האָט זיך צוליב דעם איינציגען לאָקאַל נישט וואו צו ריהרען.

מאַנדאלין-אָרקעסטער בײַם יצחק לייבוש פּרץ פאראיין אין טשאָרטקאָוו.
דיריגענט ישראל וואסערמאן

ס׳איז שוין די העכסטע צייט, אַז טשארטקאוו זאָל האָבען אַן אייגען קולטור־הויז, וואָס זאָל זיין אַ היים פאַר אַלע פריינד פון אידיש.

פון דעם אַלעמען איז קלאָר פאַר יעדען, ווי גרויס דער פאַרנעהם פונ׳ם פרץ־פּאַראיין איז און אַז ביי דער שלעכטער צייט האָט ער נאָך אַזוינע גרויסע צילען.

די טוער פונ׳ם פרץ־פּאַראיין שטעלען זיך אָבער אויך ווייטער נישט אָפּ פאַר קיין שום שוועריגקייט אין זייער ארבייט. זיי זיינען זיכער, אז אין זייער ווייטערדיגער ארבייט און אין פארווירקליכען די צילען פון אַן אייגען הויז און אַ אידישע שול בפרט, וועלען זיי האָבען די מיטהילף פון אלע טשאַרטקאָווער לאנדסלייט אין אַמעריקע און פון אלע חברים און פריינד פון דער אידישער קולטור.

כאָר ביים יצחק לייבוש פּרץ פאראיין אין טשאָרטקאָוו, דיריגענט ישראל גאָטעספעלד.

דריי איבערגעבענע „שאַפּירניקעס״

פון יאנקעל גאָלדבערג

צווישען די פיעלע אָנהענגער פון הרב ר׳ ישעיה מאיר שפּירא ז״ל האָט זיך נאָר אַ קליינע צאָהל אויסגעצייבענט מיט אַקטיווער טעטיגקייט. פאַרנעמען דעם אויבען אָן דריי הייסע אָנהענגער, דאָס זיינען יהודה אלי׳ביימער (געשט. 1905), הערש אקסעלראד (געשט. 1930) און שמואל לייב שור (געשט. 1930). אָט די דריי האָבען אין זייער גאַנצען לעבען אַרויסגעוויזען אַזויפיל געטרייקייט צו דער באַוועגונג, וואָס איז כדאי דערמאָנט צו ווערען.

די טעטיגקייט פון די דערמאָנטע דריי „אמת׳ע שאַפּירניקעס״ ווי זיי ווערען דאָ אָנגערופען, איז גאַנץ פאַרשידען.

1) יהודה אלי׳ ביימער ז״ל האָט זיך אָפּגעגעבען מיט דער גייסטיגער אַרבעט. ער איז געוואָרען דער „טעארעטיקער״ פון דער באַוועגונג, ער האָט אָנגעשריבען און געלאָזט דרוקען אַ ספר׳ל „מספד מר״, אַ „הספד״ איבער׳ן הרב שאַפּירא ז״ל מיט אַ ביאָגראַפּיע און ער האָט געזאַמעלט אַלעס, וואָס האָט אַ שייכות צום רב ז״ל.

2) שמואל לייב שור ז״ל, איז געוועזען דער, וועלכער האָט די „שאַפּירא־באַוועגונג״ באַקאַנט געמאַכט מיט דער דרויסענדיגער וועלט. ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט כמעט אַלע גרעסטע אידישע פּערזענליכקייטען: מיט דר. הערצל, דר. נארדוי, דר. מאָהלער, קאַרל עמיל פראַנצאָז וכדומה.

3) ואחרון אחרון חביב, הערש אקסעלראד ז״ל, איז געווען דער, וואָס האָט זיך געהאַלטען ביי „אמור מעט ועשה הרבה״. ער איז געוועזען דער „פּראַקטיקער״ פון דעם רעיון פון הרב שאַפּירא ז״ל, זיין גאַנץ לעבען האָט ער ניט אָפּגעטרעטען אויף אַהאָר, ער האָט אָנגעפיהרט דעם קאַמף געגען רבי׳ן. ביי די וואַהלען איז ער געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דעם רבינ׳ס געגנער, געווידמעט זיך שטענדיג צו כלל־אַרבעט, און אין די לעצטע יאָהרען האָט ער געגרינדעט די „גמילת־חסדים־קאַסע״ און געפיהרט זי ביז זיין לעצטען טאָג. די ג״ח קאַסע איז היינט אין שטאָדט איינע פון די נוצליכסטע אינסטיטוציעס. די קינדער זיינע האָט ער אויך דערצויגען אין דעם גייסט. אַזוי צייכענט זיך אויס זיין זוהן אַ מעדיצינער דר. מאיר אקסעלראד מיט זיין גוטען כאַראַקטער.



הערש אקסעלראָטה



יהודה אליה ביימער



שמואל לייב שור

א רעוואָלוציע פון טויטע און לעבעדיגע ווייבער

פון א. ליטווין

וואָס טוט מען, אַז עס שטאַרבט אַ שוואַנגערע פרוי?

האָט „קהל" געהאַט אַ מיטעל: מ׳פלעגט שיקען צו דער געשטאָרבענער פון בית־דין אַ מנין אידען מיט אַ שופר אין האַנד, זיי זאָלען פאַר איהר בלאָזען און שטרענג איהר מתרה זיין, אַז זי זאָל האָבען דאָס קינד.

האָט די טויטע געפאָלגט?

איינע האָט געפאָלגט און צוויי ניט.

אָט, וואָס וועגען דעם איז פאַרשריבען אין טשאָרטקאָווער „פּנקס". זאָלען דאָס וויסען די קומענדיגע דורות. נאָך פּסח תקפ"א (1821) איז נפטר געוואָרען אַ פרוי, אַ שוואַנגערע, פרייטאָג אין דער פריה, האָבען מיר געשיקט אָנזאָגען איהר פון בית־דין, מיט אַ מנין אידען, מיט אַ התראה און אַן אזהרה, אַז זי זאָל האָבען דאָס קינד, און אין דעמזעלבען טאָג האָט זי געהאַט דאָס קינד.

נ אָ ך   אַ   מ ע ש ה   נ ו ר א.

זונטאג, ערב שבועות, תקפ"ה, (1825) אין דאָרף בילאפּאטיק, וואָס איז נאָהענט פון אונז, איז געגאַנגען אַ ווייבעל טובל זיין זיך אין טייך און האָט געבעטען אַן אַנדער ווייבעל, אויך א מעוברת׳ע, זי זאָל געהן מיט איהר, שטעהן דערביי, ווען זי וועט זיך טובל זיין. זיינען זיי ביידע דערטרונקען געוואָרען אין טייך. האָט מען געפיהרט איין ווייבעל אין ראדלאָוויץ מקבר צו זיין דאָרט, און די צווייטע האָט מען געבראַכט דעם ערשטען טאָג שבועות אַהער (אין טשאָרטקאָוו), צו ברייגנען אַהער צו דער קבורה, פאַר האַלבען טאָג. נאָך האַלבען טאָג האָבען מיר אויפגעקליבען אַן אסיפה פון צעהן מענשען און האָבען צו איהר געשיקט, אָנזאָגען איהר אין דעם נאָמען פון די צעהן, אַז זי זאָל האָבען דאָס קינד. האָט זי ניט געהאַט. האָבען מיר דעם אַנדער טאָג שבועות, דעם דריטען טאָג נאָך איהר פּטירה, געשיקט צו איהר פון בית דין צעהן מענשען, און כאָטש דער דין איז אין שולחן ערוך, אורח חיים, סימן תקצ"ח, אַז מ׳טאָר ניט טראָגען קיין שופר אום יום־טוב, האָבען

מיר פון דעסטוועגען מתיר געמאַכט די צוויי מענשען, אַז זיי מעגען טראָגען אַהין די שופרות, כדי צו וואַרפען אויף איהר אַ מורא. און דאָס איז נויטיג געווען. אויך האָט מען איהר שטרענג אָנגעזאָגט, אַז זי מוז געווינען דאָס קינד. פון דעסטוועגען האָט זי ניט געוואונען. איז ביי אונז געבליבען, אַז מ׳זאָל איהר מקבר זיין אַזוי און ניט עפענען איהר בויך. אַזוי ווי עס שטעהט אין די „שאלות ותשובות“ פון דעם ספר „שמן רוקח“, סימן י״ג אויך אין קורצען „מעבר יבוק“ אינ׳ם נאָמען פונ׳ם גאון ר׳ ישעיה בערלין, אב״ד דק״ק ברעסלאָ.

נאָר די ווייבער האָבען גענומען זעהר שרייען, מ׳זאָל איהר אַזוי ניט בעגראָבען מיט איהר קינד, נאָר מתיר מאַכען זיי שיקען נאָך אַ רופא, ער זאָל אויפשניידען דער מוטער׳ס בויך. האָבען מיר ניט געוואָלט מתיר מאַכען זיי. האָבען די „באָבעס“ אַליין געשיקט נאָך אַ רופא. ווי דער רופא איז געקומען אַהין אין שטוב, וואו זי (די טויטע) איז געלעגען, און האָט אוועק־געלעגט דעם מעסער אויפ׳ן טיש, האָט זי באַלד, אויפ׳ן שטעל געהאַט אַליין פון זיך אַ אינגעל.

און דערנאָך איז ביי אונז געווען אַ קלער: וואָס זאָל מען טאָן? וואָרום דער מנהג איז צו בעגראָבען דאָס קינד לעבען איהר, און אין שולחן ערוך, אורח חיים, סימן תקכ״ו, סעיף יוד, שטעהט, אז ס׳איז אסור מקבר צו זיין אַ אונצייטיג קינד אום יום־טוב, אויך דאַרף מען איהם מל זיין, און אום יום טוב איז דאָס אסור צו טאָן, איז ביי אונז געבליבען, מקבר צו זיין די ווייבעל באַלד, וואָרום דאָס איז דאָך דער דריטער טאָג נאָך איהר פטירה, אָבער ניט צודעקען דעם קבר ביז נאַכט, נאָר צוויי מענשען זאָלען בלייבען ביים קבר ביז נאַכט, און ביי נאַכט וועט מען מקבר זיין לעבען איהר דאָס קינד נאָך דעם, ווי ס׳וועט זיין גע׳מל׳ט.

אַזוי איז געטאָן געוואָרען היינט מוצאי יום טוב שבועות און די אשה איז געווען די ווייב פון מרדכי ברבי איציק קאַלאָמבושניק.

צום סוף פון דער דאָזיגער „מעשה נורא“ שטעהט אין פנקס אַזאַ אנמערקונג:

דורכגעלאָזען צו פאַרשרייבען, אַז דעם ערשטען מאָל, ווען מיר האָבען צו איהר געשיקט מענשען, האָבען מיר געהייסען אַריינשושקען איהר אין אויער אַ פאָר מאָל דעם פסוק: „וירדו כל עבדיך אלה אלי והשתחוו לי לאמר צא אתה וכל העם אשר ברגליך, ואחרי כן אצא“. מיט די שמות, וואָס געהען אַרויס פון דעם דאָזיגען פסוק, אַזוי ווי עס שטעהט געשריבען אין ספר „זבח פסח“ פון דעם זשאָלקאָווער מגיד. פאַרשריבען געוואָרען דורך יצחק רויזין צווייג קרייז־רב אין טשאָרטקאָוו.

מרס. בונצע ראָזענבלום



זלמן ראָזענבלום, ע"ה

איז געווען אַן אָנהענגער פון ר' ישעיה מאיר שפּירא און האָט באַלאַנגט צום יד חרוצים" פאַראיין אין טשאָרט־קאָוו, וועלכען דער רב האָט געגרינדעט.



יצחק אליה בעקער

א תלמיד פונ'ם רב'ס א תלמיד.

טשאַרטקאָווער טיפּען פון פאַרגאַנגענעם דור

פון אַלעף טעס

כמעט אין אַ יעדער תקופה מאַכט זיך, אַז עס טרעפען זיך מענשען אין אַ שטאָדט, וואָס מיט זייער אַרט לעבען אָדער אַרבעט לטובת הכלל, שטעלען זיי זיך העכער פון אַלע אַרומיגע, און זייער נאָמען פאַרבלייבט דערפאַר אויף לאַנגע דורות — און מיט אַ פּאָר אַזעלכע טשאָרטקאָווער טיפּען פון די לעצטע יאָהרען איז כדאי צו באַקענען די טשאָרטקאָווער לאַנדסלייט.

ר׳ מאיר דעם נאמן׳ס (רמד׳ן)

ר׳ מאיר דעם נאמן׳ס (רמד׳ן) האָט געלעבט אין טשאָרטקאָוו אין דער ערשטער העלפט פון 19־טען יאָהר הונדערט. כאָטש ער איז געווען אַ איד אַ תלמיד חכם, פלעגט ער גאָר ווייניג צייט אָפּגעבען דעם לערנען, נאָר אינ־גאַנצען זיך אָפּגעבען דער צדקה און העלפען פאַרשידענע נויטבאַדערפטיגע. זיין אַרבייט איז געווען צונויפצונעהמען וואָכען־געלדער ביי די בעלי־בתים און אויך גרעסערע נדבות ביי די גאַנץ רייכע און פאַרטיילען צווישען אַלע אָרימע לייט. וואו עס איז נאָר געווען ערגעץ אַ נויט, איז גלייך געקומען דער רמד״ן און געהאָלפען. איז ביי אַן אָרימאַן איינגעפאַלען דאָס שטיבעל, איז אַן אָרימער קראַנקער געווען, איז אַן אָרימע קימפּעטאָרין געווען אָדער מען האָט געדאַרפט אַן אָרימע כלה חתונה מאַכען, איז מען געהאָלפען גע־וואָרען נאָר דורכ׳ן רמד״ן.

דער רמד״ן פלעגט זיך באַזונדערס אָפּגעבען מיט פאַרזאָרגען אָרימע יתומים, וועלכע ער פלעגט אויסהאַלטען און דערציהען. אַליין איז ער גע־ווען אַ גרויסער אָרימאַן און די פרנסה האָט געגעבען זיין ווייב, וואָס האָט געהאַנדעלט מיט בוריק־קוואַס און בינטלעך האָלץ. פון די וואָכען־געלדער, וואָס ער פלעגט צונויפנעהמען האָט ער אָבער נישט גענוג געהאַט צו טון די אַלע מעשים טובים און ער פלעגט געהן צו די נגידים און זיך הייסען געבען אַ געוויסען סכום. און ס׳האָט זיך כמעט נישט געטראָפען, אַז מען זאָל



די קלויז פון דער חברה „עושה חסד“

איהם אמאָל אָפּזאָגען. מען האָט איהם מורא געהאַט אָפּצוזאָגען, ווייל מען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ היילינען מענש, וואָס זיין ברכה אָדער זיין קללה קען מקוים ווערען.

גאָר גרויסע הכנסות פאַר זיינע צוועקען האָט ער געהאַט פונ'ם לאַש־קעוויצער יריד. איידער דער יריד האָט זיך געשטעלט פלעגט ער אַרויס־פאָהרען קיין לאַשקעוויץ און איינשטעהן אין דער קרעטשמע דורך וועלכער ס'האָבען געמוזט דורכפאָהרען כמעט אַלע סוחרים, און ביי יעדען איינעם פאַרלאַנגט אַ נדבה און אין דעם זכות זיי אָנגעוואונשען אַ גוטען יריד. די אַלע סוחרים האָבען שוין געקענט דעם נידעריטשקען אַלטיטשקען מיט'ן פאַטריארכאַלישען אויסזעהען און קיינער פלעגט איהם דערפאַר נישט אָפּזאָגען און זיך נישט דינגען וועגען דער גרויס פון דער נדבה.

אַרום זיין פּערזאָן געהן אַרום פאַרשידענע מעשות, וואָס כאַראַקטערי־זירען ווי אַזוי די באַפעלקערונג האָט פון איהם געהאַלטען.

צוויי אַזעלכע מעשיות, וואָס טראָגען כמעט אַ לעגענדארישען כאַראַק־טער, איז כדאי איבערצוגעבען.

דער רמד"ן האָט זייענדיג, איינמאָהל פאַר'ן יריד אין לאַשקעוויץ, פאַרלאַנגט פון אַ דורכפאָהרענדיגען סוחר אַ נדבה אַ גאַנצען הונדערטער. דער סוחר האָט דעם רמד"ן גוט געקענט און געפּרואווט זיך מיט איהם דינגען, דען דאָס איז געווען אַ גרויסע מטבע, אָבער דער רמד"ן האָט זיך נישט געלאָזט רעדען. דער סוחר האָט נישט געקאָנט איבער זיך ברענגען, צו געבען אַזאַ גרויסע נדבה, איז ער געפאָהרען אָהן דער ברכה אויפ'ן יריד..

דער סוחר, וואָס האָט דאַן געהאַט דעם גרעסטען אויסוואַהל סחורות האָט כמעט גאָרנישט געלייזט, אַלע אַרומיגע סוחרים האָבען שוין קיין סחורות נישט געהאַט, נאָר ער איינער האָט אַרויסגעקוקט אויף אַ קונה. ער האָט זיך דערמאָנט אין דער נדבה, וואָס דער רמד"ן האָט געוואָלט און ער איז תיכף אַוועקגעפאָהרען קיין טשאָרטקאָוו און געבעטען דעם רמד"ן, ער זאָל ביי איהם נעהמען די פאַרלאַנגטע נדבה.

קומענדיג צוריק קיין לאַשקעוויץ, האָט ער שוין געטראָפען אַזאַ שטאַרקע לייזונג, אַז די מענשען זיינע האָבען נישט געהאַט קיין הענד צו באַדינען די קונים.

ביים רמד"ן האָבען אַלע שכנים געשטעלט טשאָלענט. מאַכט זיך איינמאָל, וואָס דעם רמד"נס ווייב איז זיך טועה און אַנשטאַט איהר קוגעל האָט זי אַרויסגענומען אַ קוגעל פון אַ שכנ'טע, וואָס האָט באַקומען פון איהר מאַן וואָכען שטיצע. אויפמאַכענדיג דעם קוגעל, זאָגט זי צום מאַן, זעה נאָר, מאיר, וואָס פאַר אַ רייכען קוגעל די אָרימע שכנ'טע האָט געמאַכט, בעסער פון אונזערען.

אויב אַזוי, האָט רמד״ן איהר געענטפערט, אַז זי איז געוואוינט אויף בעסערע קעסט, וועל איך איהר מוסיף זיין אַ פּערציקער אַ וואָך!

אויף די עלטערע יאָהרען האָט דער רמד״ן באַשלאָסען אַוועקצופאָהרען קיין ארץ ישראל. און האָבענדיג אַן אייגען שטיבעל, וואָס איז כמעט געווען אַ חורבה, האָט ער דאָס פאַרקויפט, בתנאי, אַז דער קויפער טאָר דאָס שטיבעל נישט איינוואַרפען, ביז ער וועט נישט צוריקקומען פון די אַרומיגע שטעטלאַך, וואו ער פאָהרט זיך געזעגענען, דען ער וויל נאָך דאָ וואוינען אַ פּאָר טעג ביז ער וועט פאָהרען קיין ארץ ישראל. צוריקקומענדיג אָבער פון די שטעטלאַך האָט ער געטראָפען דאָס שטיבל איינגעוואָרפען און זיין צער איז דערפון געווען זעהר גרויס האָט ער אַרויסגערופען אין כעס: אַזוי ווי איך וועל אין דער הויז מעהר נישט וואוינען, אַזוי זאָלסטו אויך נישט וואוינען. דער קויפער האָט זיך שטאַרק דערשראָקען פאַר די רייד און זיך אָנגערופען, „רבי, איך וועל שטאַרבען?“ — ניין, האָט רמד״ן איהם געענטפערט, דו וועסט לעבען אָבער נישט קענען וואוינען אין דעם הויז.

די לעגענדע דערצעהלט, אַז דער קויפער האָט דאָס הויז אויפגעבויט, אָבער זיצען האָט ער דאָרטען נישט געקאָנט, דען אַלע מאָל איז געשעהן אַן אַנדער אומגליק, ביז ער האָט געמוזט דאָס הויז פאַרקויפען און דעם נייעם באַלעבאָס האָט שוין גאָרנישט געשאַדט.

רמדנ׳ס מעשים טובים דערצעהלט נאָך דער עלטסטער טשאַרטקאָווער זקן, נחמן קליינמאַן.

דער „שותק“

ווער פון די טשאַרטקאָווער און אפילו נישט טשאַרטקאָווער, ווער ווייסט נישט פונ׳ם „שותק“, וועלכער האָט געלעבט אין טשאָרטקאָו אַ רייע פון יאָהרען און ווערט דערפאַר פאַררעכענט אַלס אַ טשאַרטקאָווער טיפּ.

מען מעג האָבען וואָסער ס׳איז באַציהונג צום שותק, מעגען אַ טהייל איהם האַלטען פאַר אַ הייליגען און אַ טהייל פאַר אַ נאַר און עקשן, אָבער דאָס נעהמט נישט אַוועק דאָס באַזונדערקייט פון דעם מענשען, וואָס איז מיט זיין אייגענעם ווילען געוואָרען אַ שוויגער און האָט דאָס אויסגעפיהרט אין משך פון 32 יאָהר.

דער טשאַרטקאָווער „שותק“ האָט, קען מען זאָגען, געשלאָגען דעם רעקאָרד פון שווייגען.

ר׳ שמואל, זיין פאַמיליען־נאָמען איז ניט באַקאַנט, איז געווען, ווי מען גיט איבער אַ איד אַ בעל־כעסן און האָט זיך תמיד געקריגט מיט זיין ווייב און נישט געזשאַלעוועט קיין קללות.

איינמאָל, בשעת אַ קריגעריי, האָט ער דאָס ווייב געשאָלטען „זי זאָל פאַרברענט ווערען". מאַכט זיך שפּעטער אַפּאָר טעג און דאָס ווייב זיינס געהט אַראָפּ אין קעלער, וואו ס׳האָט זיך געפונען פולווער, מיט וואָס ר׳ שמואל האָט געהאַנדעלט און צוליעב אומפאָרזיכטיגקייט האָט אַ פּעקעל פולווער אויסגעשאָסען און זיין ווייב איז אין קעלער דער׳הרג׳עט געוואָרען.

דאָס אומגליק האָט אויף איהם שטאַרק געווירקט. באַטראַכטענדיג זיך אַלס שולדיגען, איז ער געפאָהרען צום אַלטען „טשאַרטקאָווער" נאָך אַ תשובה.

געקומען צום אַלטען טשאַרטקאָווער, דערצעהלט ער איהם די גאַנצע מעשה, זיינע קריגערייען מיט די קללות און דאָס אומגליק וואָס האָט זיך מיט איהם געטראָפען. נאָכ׳ן אויסהערען די גאַנצע מעשה, האָט זיך אָנגערופען דער רבי: „אַ איד אַז ער האָט אַזאַ מויל דאַרף ער שווייגען". ר׳ שמואל האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ תשובה און איז פון דעמאָלט אָן פאַרבליבען אין הויף און געוואָרען אַ „שותק". די ערשטע צייט האָט מען זיך אויף איהם נישט אומגעקוקט, ס׳איז געווען געוואָרען „יושבים". אָהן איהם אויך, נאָר חברה קונדייסים פלעגען איהם פאַרטשעפּען און וועלען ער זאָל אָנהויבען רעדען. ער האָט זיך אויפגעהאַלטען די גאַנצע צייט אין הויף, און פלעגט כמעט דעם גאַנצען טאָג זיצען און לערנען.

ווען דער רבי מיט דער משפּחה זיינען בעת דער מלחמה אוועק פון טשאַרטקאָוו, איז ער פאַרבליבען אין הויף און זיך באַזעצט אין אַ קאַמער פון דעם הויף וואָס איז חרוב געוואָרען.

אין די מלחמה יאָהרען איז ער געוואָרען אַ שטיק הייליגער, מען פלעגט צו איהם קומען מיט קוויטלעך און ער פלעגט געבען אַ ברכה אָנשרייבענדיג אויף אַ שטיקעל פּאַפּיר. מען פלעגט אויך צו איהם קומען עצות האַלטען און ער פלעגט געבען תשובות אַלץ אָנשרייבענדיג. אין די מלחמה יאָהרען בעת ס׳האָבען געהערשט די פאַרשיידענע קראַנקהייטען, פלעגט מען צו איהם קומען נאָך רפואות און ער פלעגט אָנשרייבען וואָסערע הילפסמיטלען מען זאָל נעהמען.

ער האָט געהאַט אַ היפּשע צאָהל חסידים און ווייבער וואָס פלעגען איהם פאַרזאָרגען מיט עסען און אַלעס נויטיגע.

אַז ס׳פלעגען קומען אין די לעצטע יאָהרען פרעמדע און איהם וועלען אָנקוקען, פלעגט ער זיך נישט לאָזען און פאַרזאָגט דעם שמש, עמיצען אריינצולאָזען. אַז מען איז איהם שוין געווען שטאַרק צודרינגליך האָט ער אָנגעשריבען אויף אַ צעטעל: „איך בין נישט קיין חתן מען זאָל מיך דאַרפען קומען אָנקוקען", און דאָס מיט׳ן שמש אַרויסדערלאַנגט.

דער „שותק" האָט נישט געזוכט דורך זיין שווייגען צו ציהען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, אָדער וועלען דאָס מאַטעריעל אויסנוצען און זיך באַריהמען. ער זאָל געווען וועלען זיין „שווייגען" אויסנוצען האָט ער

געקענט ווערען א גרויסער רבי און מען וואָלט צו איהם געוועזן געפאָהרען פון דער גאנצער וועלט.

זיין משפחה האָט טאַקע דאָס געוואָלט אויסנוצען, בפרט אַן איידעם זיינער וואָס איז געווען אַן אָרימאַן, איז געקומען קיין טשארטקאָוו און איז אָפּגעזעסען דאָ אַ צייט און געוואָלט פועל'ן, אז דער שווער זיינער זאָל ווערען א „רבי" און ער זאָל ביי איהם ווערען דער „הויפּט־גבאי".

די אַלע רייד האָבען נישט געהאָלפען, ער האָט זיך נישט געלאָזט איבערצייגען פון דער נויט פון זיינע קינדער און נישט געוואָלט פון זיין „שווייגען" מאַכען א געשעפט.

געשטאָרבען איז ער אין 1928, נישט רעדענדיג אזוי ארום 32 יאָהר.

שלמה הויזנער

אין טשארטקאָוו האָבען זיך געפונען א סך מתנגדים און נישט איינער פון זיי האָט שטאַרק אָנגעגריפען דעם רבי'ן מיט'ן הויף, אָבער קיינער, קען זיך נישט פארגלייכען צו שלמה הויזנער.

שלמה הויזנער'ס שנאה צום רבי'ן און צו זיינע חסידים איז געווען א אייגענאַרטיגע.

ס'איז גענוג צו דערמאָהנען זיין ארויסטריט בשעת די אָקטאָבער־פּאָגראָמען פון 1905, ווען עס זיינען פאָרגעקומען פאָלקס־פארזאַמלונגען אין אַלע גרעסערע שטעדט פון גאַליציען, איז דאַמאָלס דורכגעפאָהרען שפּאַצירען די רביצין מיט די שניר און טעכטער אין א פּיער פערד געשפּאַנטער קארעטע, האָט שלמה הויזנער איינגעהאַלטען די קארעטע און איז אָנגעפאַלען אויף דער רביצין, וואָס זי וואגט עס אין אזא טרויעריגער צייט צו פאָהרען שפּאַצירען.

זיין ארויסטריט האָט געמאַכט א רעש אין שטאָדט און די חסידים האָבען נישט געוואגט גענען איהם ארויסצוטרעטען.

מיט זיין שטאַרקער שנאה צום הויף פונ'ם רבי'ן און צו זיינע חסידים, איז שלמה הויזנער געווען א באזונדערער טיפּ, און אַלס אזוינער ווערט ער דאָ פארצייכענט.

ר׳ מענדיל ראָזענצוויג

(דאָס לעבען און ווירקען פון אַ טשאַרטקאווער „שאַפּירניק“, געזעהן דורך די ברילען פון זיין זוהן ישראל יוסף ראָזענצוויג.)

די בכבוד׳יגע אויפגאבע אייערע צו מיר, איך זאָל אויפשרייבען אַ לעבענס־בילד פון מיין פארעהרטען טאַטען און רבי, האָב איך מיט פריידען אָנגענומען, עס איז מיר אָבער נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען ווי איך האָב מיר



מענדעל ראָזענצוויג, ז״ל

דאָס לכתחילה פאָרגעשטעלט. ערשטענס, בין איך אין דער זאַך אַליין אויך פאַראינטערעסירט, איך בין צופיעל באַהערשט פון מיינע אייגענע סוביעקטיווע איינדריקע און עמפּפינדונגען און כדי צו געבען פון דער זאַך

א ריכטיג בילד, מוז מען זיין מעהר אָביעקטיוו. וועל איך מיך בלויז באַ־שטרעבען כפי יכלתי די זאַך אַזוי צו שילדערען, ווי מיין טאַטע ע"ה האָט עס מיר דערצעהלט און אויך לויט ווי אַנדערע אנשי אמת האָבען די זאַך מיר געשילדערט.

מיין טאַטע ע"ה האָט שריפטליכעס גאָר נישט איבערגעלאָזט, וועלכעס זאָל האָבען אַ היסטאָרישען אָדער אַ ליטעראַרישען ווערטה, ווי איבערהויפּט אַלע וואָס האָבען געלעבט אין יענער צייט. די שלעכטע פּאַרהעלטניסע, אין וועלכע מיין פאַרעהרטער טאַטע ע"ה האָט שטענדיג געהאַט צו קעמפען, האָט ביי איהם די געדולד גערויבט, אַז ער האָט אפילו ביים בעסטען ווילען נישט געקאָנט געפינען צייט עפּעס אויפצושרייבען. שטענדיג געשלעפּט פון עול פון צרות וויפיל ער האָט געלעבט.

סוחאָסטאָוו, דאַמאָלס אַ שטעדטעל מלאה חכמים איז דאָס איצט אַ מין מקום אַזוי גרויס ווי אַ גאַנעץ פון אַ תינוק בן יומו, נישט ווייט פון טשאַרט־קאָוו. אין אָט דעם קליינעם שטעדטעל איז מיין טאַטע ע"ה אינ'ם יאָהר 1841 געבוירען געוואָרען.

מיין זיידע ר' אברהם אלחנן הלוי ז"ל איז געווען אליין אַ למדן, אַ זוהן פון לויטער למדנים, גרויסע רבנים, אנשים שעוסקים בתורה. מיין טאַטע פלעגט אָפט נאָכדערצעהלען פון זיינעם אַן עלטער זיידען, אַז ער איז בטוח אַז אין זיין משפּחה וועט זיך קיינמאָל קיין תורה נישט אויסלאָזען. מיין זיידע, ד. ה. מיין טאַטענס טאַטע, איז געווען אַן עושר און פלעגט אין יענע צייטען אַליין פאָהרען קיין לעמבערג נאָך סחורה. דאָס איז דאַמאָלט געוועזען אַ סימן פון אַן עושר. מיין זיידע איז גאָר יונג געשטאָרבען און האָט איבער־געלאָזט אַ נאָך אינגערע אלמנה מיט דריי פּיצעלעך קינדער, צוויי אינגלעך און איין מיידעל. מיין טאַטע איז געוועזען דער איננסטער פון זיי. אין אַ קורצער צייט אַרום איז אויך מיין באָבע טשאַרנע ע"ה געשטאָרבען און די דריי פּיצלעך קינדער זיינען געבליבען אונטער דער השגחה פון מיין באָבע'ס אַ ברודער.

די קינדער האָבען געהאַט עלוי'שע קעפּלעך און דער פעטער האָט באַלד אָנגעהויבען טראַכטען זיי פון זיך אָוועקצוגעבען, ד. ה. חתונה מאַכען, אבי זיי פון זיך צו פּטר'ן. ס'האָבען זיך געטראָפען באַלד בעלנים וואָס האָבען זיי געוואָלט האָבען פאַר איידעמס. דעם עלטערען ברודער און די עלטערע שוועסטער האָט מען נאָך חתונה געמאַכט סיאַק־טאַק. מיין טאַטע אָבער, וואָס איז אַ חתן געוואָרען צו 9 יאָהר און חתונה געהאַט מיט'ן קוים איבער־שרייטען פונ'ם 13 יאָהר, איז געקומען קיין טשאַרטקאָוו מיט איין קינדער־העמדעל אונטער'ן אָרים. דאָס איז געווען זיין גאַנצע גאַרדעראָבע, דאָס

גאַנצע פאַרמעגען, וואָס ער האָט באַקומען פון זיין רייכען טאַטען, דעם עושר. דער שווער איז אויך נישט געוועזען פון די גרויסע נגידים, און ער האָט איהם אודאי צוגעזאָגט „אייביגע קעסט", און אַז ער וועט זיך איינשפּאָרען וועט ער איהם געבען נאָך אַ יאָהר.

די ערשטע צייט האָט ער געוואָהנט מיט זיין שווער אינאיינעם. באַלד נאָך דער חתונה האָט זיך דאָס יונגע פּאָר פּאָלק, כמעט נאָך קינדער, זיך געקויפט פאַר דעם דרשה געשאַנק אַ קוה. די מאַמע מיינע ע"ה פלעגט די קוה יעדען טאָג גאַנץ פריה פיהרען אויף דער פאַשע, און פון די מילך, וואָס די קיה פלעגט געבען, האָט מען זיך מפרנס געווען. מיין טאַטע דאַגעגען פלעגט יעדען טאָג געהן אין בית־המדרש אריין לערנען.

אַז מיין טאַטע איז געקומען קיין טשארטקאָוו, האָט ער געגאָלטען פאַר אַ בעל־תנ"ך, ער פלעגט אויך דערצעהלען, אַז ביי 13 יאָהר האָט ער גע־ ענדיגט ש"ס.

טשארטקאָוו איז דאַמאָלס געוועזען אַ שטאָדט פון לויטער וויזניצער חסידים און אויך פון די שעהנסטע בעלי־בתים. מיין טאַטע ע"ה ווי ער איז אַהער געקומען, האָט ער זיך אָנגעשלאָסען צו זיי. אין זייער קלויז אָפט געדאַווענט און אויך אָפט געלעהרענט, מיט זיי אויך זעהר ברידערליך גע־ לעבט. ער איז געווען זעהר אַ גוטער בעל מנגן און בטבע אַ גוטער מענש.

דורך זיינע גייסטיגע מעלות האָט ער אומעטום נושא־חן געווען, מ'האָט איהם איבעראַל ליעב געהאַט און ביי יעדען קערמישעל אָדער „מלוה־מלכה" האָט ער נישט געטאָרט פעהלען. ער איז שטענדיג געוועזען אַ רוהיגע נאַטור, איז ער זאָגאר אינ'ם גרעסטען מחלוקת פון די חסידים נישט אַזוי פער־ פאָלגט און געהעצט געוואָרען ווי די אַנדערע פּאַרטיי מענשען, וועלכע מ'האָט פשוט אויסגעפליקט די בערד און פאות. ער איז שטענדיג באטראכט געוואָרען פאַר אַ געמעסיגטען, אַ אוהב את השלום.

די פאַרברידערונג, וואָס צווישען די וויזניצער האָט געהערשט, פלעגט ער שטענדיג דערצעהלען, איז געווען אין לשער. איינער פאַר'ן אַנדערען האָט זיך פשוט מוסר נפש געווען און ניט געלאָזט פאַלען. ס'איז אויך נישט קיין וואונדער. דער רבי אַליין, ר' מענדעלי זכותו יגן עלינו, פלעגט זיין אַ „מעורב בין הבריות", אראָפּגעלאָזט זיך צום נידעריגסטען, זיך אינטערעסירט מיט זיינע פערהעלטניסע און איהם געהאָלפען אליין אָדער פאַראנלאַסט מ'זאָל איהם העלפען. שטונדען לאַנג פלעגט מען איהם זעהן נישט איין־מאָל אַרומגעהן מיט דעם חסיד און באַלד מיט יענעם חסיד, זיין האַנד אָדערביידע הענד אריינגעשטעקט אינ'ם גאַרטעל פון אַ חסיד אָדער צוויי און טענה'ן.

אויסער זיין גוטסקייט האָט ער אויך געקענט לערנען און ער איז געווען אַ גרויסער בעל־מגנן. ער פלעגט אליין דאַווענען פאַר׳ן עמוד, אפילו ימים נוראים. זיין געוואַלדיגע שטימע און די מתיקות פון איהר איז געווען אין לשער.

דער שווער האָט דאָס פּאָר פּאָלק לאַנג ביי זיך נישט געקענט האַלטען. ער האָט באַדאַרפט חתונה מאַכען אַ מיידעל און איז געווען געצוואונגען אַ טייל פון זיין הויז צו פאַרקויפען. מיין טאַטע און מיין מאַמע האָבען זיך דאַדורך ענטשלאָסען, כדי צו האָבען וואו דעם קאָפּ אנידערצולעגען, דעם טהייל שטוב צו קויפען. האָבען זיי פאַרקויפט די קוה, זייער פּרנסה געבערין מ׳שטיינס געזאָגט, און נאָך אַ פּאָר רייניש, וואָס האָט זיי געפעהלט, זיך צוגעליגען און געקויפט למזל דעם טהייל כאַלופע. כדי זיך צו האָבען פון וואַנעט מפרנס צו זיין, האָבען זיי זיך געמאַכט אַ שענקעל און געדונגען די בריק.

אין אַ קורצער צייט נאָכ׳ן קויף איז דאָס הויז פאַרברענט געוואָרען און דער טאַטע איז אַרויס אין איין העמד. דעם אַנדערען טאָג אין דערפריה האָט מען איהם געליהען אַ קאַפּאָטע, ער זאָל האָבען אין וואָס צו געהן דאַווענען און דער מאַמען האָט מען געליען אַ קלייד. זיי האָבען זיך ווי עס איז ווידער אויפגעבויט און זעלבסט פאַרשטענדליך אַריין אין אַ חוב. קינדער האָבען זיי נאָך נישט געהאַט. די באַדערפענישען זייערע זיינען נישט געווען גרוים און קיין „אץ להתעשר" איז מיין טאַטע נישט געווען, ער איז געווען אַ „שמח בחלקו" און מיין מאַמע אויך דעסגלייכען, און זיי וואָלטען זיך אַרויס־געדראַפּעט, איז פּונקט צו די 7 יאָהר זיינען מיינע עלטערען נאָך אַמאָל אָפּגעברענט געוואָרען און ווידער אַזוי שלעכט, ווי דאָס ערשטע מאָל. ער איז שוין דענסטמאָל געווען אַסעקורירט, האָט אָבער די אַסעקוראַציע דאַמאָלסט, צו זיין מזל, אָנגעזעצט.

אַרום יענער צייט איז אַראָפּגעקומען אַהער, קיין טשאַרטקאָוו, דער רב שאַפּירא ז"ל מיט אַ פרוי און דריי קינדער, איינגלעך, דער עלטסטער פון זיי איז געווען ר׳ דוד׳ל, באַקאַנט דערנאָך אונטער׳ן נאָמען דר. שאַפּירא, אין דעם עלטער פון מיין טאַטען, זעהר אַ ליעבער בחור. מיט איהם האָט מיין טאַטע געשלאָסען פריינדשאַפט. שפּעטער איז אויך צוגעקומען דער דריטער אין בונד, ר׳ יעקב ביקעל, געבוירען אין טיסמיעניץ נעבען סטאַ־ניסלוי. טיסמיעניץ איז געווען צוואר אַ קליין שטעדטעל, אָבער אַ שטעדטעל פון וויסען. ר׳ יעקב ביקעל האָט אין טשאַרטקאָוו חתונה געהאַט און מיט זיך געבראַכט אַ באַגאַזש פון וויסענשאַפט און שפּראַכען אויסער דעם העברייאישען, פון וועלכע מען האָט איבערהויפּט ביי אונז אין טשאַרטקאָוו

קיין אַהנונג נישט געהאַט. די דריי חברים האָבען זיך באַלד באַקענט און זיי זיינען געוואָרען ענגע פריינד פאַר זייער לעבען לאַנג.

לויט דעמאָלסדיגען געזעץ האָט יעדער קרייז געדאַרפט האָבען אַ ראַבינער, וואָס זאָל קענען אויסער העברעאישען וויסען די דייטשע שפּראַך אין וואָרט און שריפט, חשבון, געשיכטע און רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע, און אַלס אַזעלכען האָט ער באַקומען פון דער רעגירונג אַ געהאַלט, ווי יעדער קריסט־ליכער גייסטליכער.

אויף דעם פּאָסטען האָבען דאמאָלס קאנדידירט מעהרערע, ווייל אָבער דער רב שאפּירא ע"ה איז געווען אַ וויזניצער אָנהענגער, איז זיין וואהל בפקודת הרב מוויזניץ, פון וויזניצער חסידים אונטערשטיצט געוואָרען, איז ער געבליבען טשאַרטקאָווער קרייז־ראַבינער און פון דער רעגירונג איז די וואהל באַשטעטיגט געוואָרען. די רעגירונג אָבער האָט דאַן שפּעטער אין אַ קורצער צייט צוריקגעצויגען דעם געהאַלט, וואָס זי האָט געהאַט באַשטימט און דער רב שאפּירא, ווי איבערהויפּט אַלע רבנים פון דעמזעלבען מין זיינען דאַן צוריק אָנגעקומען אויפ'ן געהאַלט פון „קהל“.

די אויבען דערמאָהנטע דריי יונגעלייט האָבען דאַן געשלאָסען אַן אי־נערליכע פריינדשאַפט און ווייל אַלע דריי האָבען געגאַרט נאָך וויסען, האָבען זיי זיך גענומען פעסט צום לערנען. נישט געלעהרענט האָבען זיי נאָר גע־שלונגען. זעלבסטפאַרשטענדליך האָט קיינער דערפון נישט געדאַרפט וויסען, אַפילו נישט דער רב ע"ה, אַלעס איז געווען בשתיקה אין גרעסטען סוד. דורך די נעכט פלעגען זיי זיצען און לערנען און וואָס מ'האָט נישט געקאָנט קאָנטשען צוזאַמען, האָט יעדערער אַהיים גענומען, זיך געמוטשעט און וואָס מ'האָט אויסגעלערנט, האָט איינער דעם אנדערען מיטגעטיילט, כדי דאָס לעהרנען צו פאַרלייכטערען, זיך פון דער ריכטיגקייט פון דעם געלעהרענטען צו איבערצייגען און אַזוי ווייטער געגאַנגען, אַבי קיין צייט נישט צו פאַרליערען.

מיין מאַמע ע"ה האָט מיין טאַטע'ן אין דיעזען זעהר אונטערשטיצט, זי פלעגט איהם צום לערנען נאָך אויפמונטערען און אויפוועקען פאַרטאָג, ווייל קענען איז ביי איהר געווען דאָס העכסטע אידעאַל. ער פלעגט אָפט איהר נאָמען דערמאָהנען און זאָגען: ווען נישט זי וואָלט ער שווערליך געווען עפּעס אין לעהרנען דערגרייכט.

די דריי יונגע לייט האָבען דורכגעמאַכט די דייטשע ליטעראטור, העברעע מאַטעמאַטיק, פיזיק, לאָגיק, דורכשטודירט קאַנט, מענדעלזאָהן, שפינאָזא, דעם „מורה נבוכים“, תנ"ך מיט'ן ביאור און אַנדערע וויכטיגע מפרשים, תלמוד

לשון עברי, אזוי ווי די ניי־העברעאישע ליטעראטור און נאך דערגלייכען, אויך מוזיק האט מיין טאטע פארטגעזעצט. ער האט זיך איינגעשאפט די נוי־טיגע ביכער. ער האט דורכגעשטודירט: פערסער, אלברעכטס, בערגער און נאך אנדערע, וואס סולצער האט איהם גראטהען און זיך דאמיט אנ־געווארבען א היבש וויסען אין דער מוזיק, און כאטש ער האט עס נישט געבראכט צו א פערפעקטען קאמפאניסט, מעג מען רוהיג באהויפטען, אז ער איז געווען דער ערשטער אין דער געגענד אויף דעם געביט, וואס ער האט עס געבראכט צו אזא הויכער שטופע. און איז אויך געווען אין דער באציהונג באהנברעכעריש. ער האט זיך דערפאר צוגעצויגען דעם צונאמען „פידלער", וועלכער איז איהם געבליבען עד היום הזה.

פאר דער דרויסענדיגער וועלט אבגעשלאסען, האבען די דריי פאר זיך גע־בילדעט א גאנץ באזונדערע פארטיי. מיט יעדען זיך געלעבט גאר פריינדליך, גלייך ס'געהט דא גאר נישט פאר.

אזוי האט זיך די זאך געפיהרט, ביז דער טשארטקאווער רבי, ר' דוד משה פריעדמאן, איז אהער־געקומען.

זיין פיהרונג איז געווען גאנץ אנדערש ווי ביים וויזניצער. ער איז געווען א גאנץ אבגעשלאסענער מענש, דערפאר האט ער אויך אויסגעהערט די רכילות'ן וואס פארשיעדענע מענשען האבען איהם צוגעטראגען. ווי ר' יעקב ביקעל און ר' ישראל קאלישער האבען מיר דערצעהלט, האט ער גאר פארגעצויגען נגידים, דאגעגען רבנים און גלאט מענשען פון תורה האבען דארט געשפיעל אן אונטערגעארדענטע ראלע. דאס שטרעבען פון זיין הויף איז געווען הויפטזאכליך דעם פרעסטיזש אין שטאדט צו באקומען, און אלעס וואס נאר מעגליך צו נעהמען פאר זיך, אדער גלייכגילטיג געגען אזעלכע פארשוינען זיך צו פארהאלטען און זיי צו לאזען פיהלען די גלייכ־גילטיגקייט און די גרינגשעציגע באהאנדלונג.

ווי דער רב און זיינע אנהענגער האבען די דאזיגע פאליטיק באמערקט, און וואס פאר א מענשען ס'שפילען דא די הויפט ראלע, האבען זיי זיך געווענדעט צו זייער רבי'ן קיין וויזניץ, ער זאל געגען אזא מין פארגעהן נעהמען א שטעלונג. זיינען זיי זעהר פריינדליך פונ'ם רבי'ן אויפגענומען געווארען, אבער מיט גארנישט אוועקגעפאהרען, און ווי זיי האבען געזעהן נאך עטליכע מאל פאהרען, אז דער וויזניצער טהוט גאר נישט, צי ווייל ער איז געווען מאכטלאז אדער ער האט זיך נישט געוואלט אריינמישען אין א פרעמדער פיהרונג, צי ווייל דער טשארטקאווער איז געווען זיין שוואגער און ער האט איהם נישט געוואלט שאדען, דאס קען איך נישט וויסען, האט דאס אבער געבראכט א מיסשטימונג און די מענשען האבען נישט געוואוסט וואס

צו טהאָן, ווי אזוי מ'זאָל זיך אין דער זאך פאַרהאַלטען, צי מען זאָל זיך בויגען אונטער דעם קאַנטשיק און זיך לאָזען דערנידעריגען, צי אָפּען אַרויס־טרעטען.

מיין טאַטע, אַ מענש פון רוהיגען טעמפּעראַמענט, האָט געראַטהען צום איינבויגען דעם קאָפּ און שטילערהייט נאָך מעגליכקייט צו געווינען פאַר־שטענדיגע און אינטעליגענטע מענשען דורך אויפקלעהרונג. דער רב, ר' יעקב ביקעל און ר' ישראל קאַלישער האָבען אָבער געדרונגען אויף אַן אָפּענעם קאַמף. זיי האָבען באַהויפּטעט, אַז אַנבויגען דעם קאָפּ וועט סיי־ווי נישט העלפען.

צוליב דעם דאָזיגען באַשלוס האָט מען אָנגעהויבען פיהרען אַן אָפּענעם קאַמף, וועלכער איז אין דער התחלה געווען בלויז געגען דעם טשאַרטקאָווער הויף, אָבער ווייל אונזער עולם איז שפּעטער וואָס אַמאָל וויינינגער געקומען אין באַריהרונג מיט וויזניץ, איז די צוגעהעריגקייט צו וויזניץ אַלע מאָל מעהר אָפּגעקיהלט געוואָרען, ביז עס האָט זיך די מחלוקה אויסגעשפּרייט געגען אַלע חסידים.

און כּדי צו באַקומען אַ שטאַרקערע פּאַרטיי, האָט דער רב צוגעצויגען צו זיך די בעלי־מלאכות פון דער שטאָדט, פאַר וועלכע ער האָט געגרינדעט אַ האַנדוועקער־פּאַראיין מיט'ן נאָמען „יד חרוצים", און אַ חברה „בקור־חולים", וואָס איהרע מיטגלידער זאָלען געהען באַזוכען קראַנקע אָהן אונטער־שיעד פון שטאַנד און באַשעפטיגונג.

דערווייל זיינען די מחלוקות אין שטאָדט געוואָרען שטאַרקער און די געגענזייטיגע שנאה איז געוואָרען גאָר אַ שרעקליכע. און כּדי מען זאָל נישט דאַרפען אָנקומען צו די חסידים מיט קיין שום זאַך, האָט דער רב אוועק־געשטעלט אַן אייגענעם שוחט און מען האָט אויך איינגעאָרדענט אַן אייגענע יאַטקע, וועלכעס האָט מיין פאָטער זעהר פיעל געלד געקאָסט.

דאָס ווירקזאַמסטע ביי אָט די אַלע מיטלען איז געווען דאָס גרינדען פון אַ רעגעלע אידישע שולע וועלכע מען האָט גערופען „דעם רב שאַפּיראָ'ס חדר". מיין טאַטע און ר' יעקב ביקעל זיינען געווען די הויפּטלעהרער. זיי האָבען אויך ביידע נישט גענומען קיין געלד פאַר זייער לעהרנען. אויסער זיי זיינען נאָך געווען אַנדערע אויסהילפס־לעהרער, וואָס האָבען יאָ געקראָ־גען באַצאָהלט.

אין אָט דעם „חדר" האָט מען אַלסדינג געלערענט — און דאָס לערנען איז געווען אויף פאָלגענדער אַרט: „גאָר צונ'ערשט האָט מיין טאַטע אָדער ר' יעקב ביקעל פאָרגעטראָגען אַ געגענשטאַנד אַזוי לאַנג, ביז עס האָט איהם

איינער פון די בעסטע שילער גוט פארשטאנען. דערנאך האט יענער שילער דעמזעלבען געגענשטאנד פארגעטראגען פאר די אנדערע חברים זיינע. און ווען מיין טאטע אדער ר׳ יעקב ביקעל האט זיך איבערציינגט, אז דער געגענשטאנד ווערט שוין גוט פארשטאנען, האבען זיי דאס וויטערע איבערגעלאזען צו יענעם גוטען שילער.

שבת איז געווען אן עפענטליכע פריפונג אונטער דער לייטונג פונ׳ם רב. איז דאן געווען די צייט, יעדען גוטען שילער צו באלויבען. די שולע איז אויך באלד געווארען א צענטער פונ׳ם גאנצען קרייז, ווייל מען פלעגט דארט אהין ברענגען תלמידים פון נאהענט און ווייט.

בלויז א קורצע צייט האט די שולע עקזיסטירט. געווירקט האט זי אבער פאר לאנגע דורות. פיעלע תלמידים זיינען פון איהר ארויסגעקומען, וועלכע האבען שפעטער פארשפרייט איהרע אידעען אויף וויטערע קרייזען. קיין שום זאך האט אויך נישט אזוי שטארק געווירקט ווי יענע קליינע שולע, ווי מיין טאטע פלעגט זאגען, אז קיין שום זאך אין דער וועלט קען נישט אזוי פיעל ווירקען, ווי עס ווירקט א רוהיגע פארטיילאזע אויפקלערונג פון די מאסען.

און ווי גוט עס האט זיך מיין טאטע׳ן ע״ה געפיהרט ביי זיין לעהרנען אין דער שולע, אזוי איז ביי איהם דער היפוך דערפון געווען אין זיין פרנסה. ער איז דאן צום דריטען מאל אפגעברענט געווארען און ער איז וויטער ארויסגעקומען „נקי״ פון אלעמען. ער האט זיך צוואר דערנאך צוריק אויפגעבויעט זיין שטיבעל, אבער זיינע האפענונגען און זיין מוטה זיינען שוין געווען געבראכען אויף אייביג. ער האט אויך אויסער אלע צרות, נאך געהאט צרות פון קינדער, וועלכע האבען זיך ביי איהם ר״ל נישט געהאלטען.

די שלעכטע אומשטענדען האבען אויף איהם זעהר שלעכט געווירקט און נאך מעהר אויף מיין מאמע׳ן ע״ה. זי איז געווען א פרוי פון א זעהר צארטען ארגאניזם, האט זי דאס אלעס פשוט נישט געקענט אריבערטראגען, האט זי אנגעהויבען קרענקען און זי האט פארלוירען אלע האפענונגען צום לעבען. איין בקשה האט זי בלויז געהאט צום רבונו של עולם, אז איהרע קינדער זאלען זיין געלערענט און אמת׳דיגע אידען. און אין אט דער האפנונג איז זי עטליכע און פערציג יאהר אלט אים ח״י כסלו תרמ״ה (6טען דעצעמבער, 1884) געשטארבען. תנצב״ה.

מיין טאטע האט דערנאך דאס צווייטע מאל חתונה געהאט. די שטיעפמוטער איז אויך פאר אונז געווען ווי אן אייגענע מאמע און זי האט אונז געהאלטען ווי אייגענע קינדער. טראצדעם וואס מיין טאטע האט נישט

געהאַט קיין נחת. כסדר פונ׳ם שיקזאַל פארפאָלגט, און אָפּגעלעבט זיינע יאָהרען אין צרות. אָבער דאביי איז ער געווען געאַכטעט און געעהרט פון אַלעמען און ער האָט נישט גענומען גאָר ביי קיינעם, כאָטש ער וואָלט עס נויטיג געדארפט.

אין 1897 האָט ער באַקומען פון דר. טהעאָדאָר הערצל זיין בוך „דער יודענשטאַאַט". דאָס איז געווען דעם ערשטען טאָג פּסח, און לייענענדיג דאָס ווערק, האָט ער נישט געקענט באַהאַלטען זיין פרייד. יעדעס בלעטעל האָט איהם אַריינגעגעבען אַ ניי לעבען. איך זעה די ערשטע שריט פון משיח — האָט ער דאַן געזאָגט — דאָס איז קיין פאַנטאַזיע און עס שטימט אויך איבעראיין מיט אונזערע נביאים. נישט מיט שווערדען און מיט קאַנאָנען וועלען מיר אונזער לאַנד אויסלייזען, נור ווי ישעיה הנביא האָט געזאָגט „ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה", נור מיט רעכט און גערעכטיגקייט דארף מען אונזער זאַך אנערקענען!

מיין טאַטע איז דערנאָך געווען דער ערשטער צום ציוניזם אין אונזער געגענד. די ערשטע צוזאַמענקונפטען פאַר דער אידעע זיינען געווען ביי אונז אין שטוב, די ערשטע „שקלים" זיינען ביי אונז געזאַמעלט געוואָרען, די ערשטע אַקציען פון דער „קאָלאָניאַל-באַנק" זיינען ביי אונז אין שטוב פאַר־קויפט געוואָרען. אַלעס דורך מיין פאָטער׳ס איניציאַטיווע.

זיין איבערצייגונג איז געווען, אַז דער ציוניזם איז די איינציגע אמת׳ע אידעע פון דער אידישער גאולה, וועלכע וועט פריהער אָדער שפּעטער באַזיעגען אַלע הינדערנישען און זי וועט דאָס אידישע פאָלק פיהרען צו אַן אייגענער היים אינ׳ם לאַנד פון אונזערע אבות.

באַזעעלט פון דער דאָזיגער האָפנונג איז ער אים כ"ג שבט תרס"ד (9טען פעברואַר 1904) — 63 יאָהר אַלט געשטאָרבען.

צום אייביגען אנדענקען פון מיין געטרייען מאַן
און פאָטער פון מיינע קינדער

משה יוסף קורצראָק, ע"ה



MRS. FANNIE KURZROK AND FAMILY
249 Stanton Street, New York

"GONE, BUT NOT FORGOTTEN"

דער לאַשקאָוויצער דבוק

פון א. ליטווין

נאָך קיינמאָל, קיין מאָל האָט לאַשקאָוויץ ניט איבערגעלעבט דאָס, וואָס זי האָט איבערגעלעבט יענעם ערב יום כפּור.

אין שול האָט מען געהאַלטען ביים ענדיגען דאָס דאַווענען, נאָר דער עולם איז זיך שוין לאַנג צולאָפען און אין שול זיינען איבערגעבליבען נאָר די אַלטע, די פרומע אידען. אין איין ווינקעל ביין ארון קודש איז געשטאַנען דער לאַשקאָוויצער רבי, דער לעצטער צווייג פון ר' מאיר פּרימישלאַנער'ס גזע. ער האָט מיט גרוים דבקות מתפּלל געווען. גערופען דעם זכות פון זיין היילינגען זיידען, דעם צדיק רבי מאיר'ל פּרימישליאַנער, ער זאָל איהם ביישטעהן.

אין דרויסען, אויפ'ן גרויסען פּלאַץ הינטער'ן בית המדרש האָט שוין לאַנג געברויזט, ווי פון כוואַליעס אין ים. הונדערטע מענשען, צונויפגע־פּאָהרענע פון טשאָרטקאָוו, בוטשאַטש, אָטיניע און פּראָשעווע, אפילו פון סאַמע טאַרנאָפּאָל זיינען געקומען מענשען, גרוים און קליין, צוקוקען דעם קאַמף, דעם ריזיגען צוויי־קאַמף צווישען דעם היילינגען רבי'ן, דעם אור־אייניקעל פון ר' מאיר'ל פּרימישליאַנער, און דעם „אפּיקורוס" דעם „שאַ־פּירניק" מעבעל וואַלאַך פון טשאָרטקאָוו, וואָס האָט היינט אַרויסגערופען דעם רבי'ן אויף אַ וועט־קאַמף.

„היינט דאַרף ענטפּלעקט ווערען פאַר דער גאַנצער וועלט, וועמעס כח איז שטאַרקער: צי דער כח פון די צדיקים, פון דער היילינגער אמונה, צי דער כח פון שטן, רחמנא לצלן", — אַזוי האָבען געטראַכט און גערעדט די פרומע ווייבער, די אַלטע אידען, די אָנהענגער פון דער היילינגער גזע, פון דעם צדיק ר' אוריה ליב לאַשקאָוויצער.

„היינט דאַרף ענטפּלעקט ווערען פאַר דער גאַנצער וועלט — וועמעס מאַכט איז גרעסער: צי די מאַכט פון פינסטערנים, פון אבערגלויבען, צי די מאַכט פון ליכט און אויפקלערונג" — אַזוי האָבען געקלערט די אָנהענגער פון השכלה, די באַוואונדערער פון דעם העלדענמוט, מיט וועלכען דער

„שאפּירניק" „מעכעל וואָלאַך" האָט געוואגט אַרויסצורופען אויף דעם וואונדערליכען „דועל" דעם לאשקאָוויצער רבי.

דער צאָהל פון די און יענע איז אָבער געווען ווי אַ טראָפּען פון ים געגען דער גרויסער מענגע פּשוט נייגעריגע מענשען, וואָס זיינען געקומען זעהן דעם גרויסען וואונדער, ווי אַזוי דער צדיק וועט, בפני כל עם ועדה, פאַר דער גאַנצער וועלט מענשען, אויף דעם פרייען פּלאַץ, אונטער'ן פרייען הימעל, אין דערבייַ זיין פון פּאָליציי און זשאַנדארמען — אַרויסטרייבען דעם „דבוק" פון אַ ווייבעל און אַריינטרייבען איהם אין מויל פון אַפּיקורס, דעם „שאפּירניק" — מעכעל וואָלאַך.

אין שול איז שוין קיין נפש ניט געבליבען, אַחוץ דעם רבי'ן, רבי אורילע און נאָך אַ פּאָר אַלטע מזרח־וואַנד־אידען, וואָס האָבען איהם ניט געוואָלט פאַרלאָזען. עס הערט זיך פון זיין ווינקעל מורא'דיגע דבקות און בכיות. זיי קלינגען אָפּ אין קרעכצען פון עטליכע אַלטע ווייבער, וואָס זיינען געבליבען אין ווייבערשער שול.

און דאָרטען, אויפ'ן פּלאַץ, שטעהט דער טויזענד־קעפּיקער עולם און וואַרט אין שפּאַנענדער אונגעדולד. די מענגע וואַקסט און וואַקסט. אַ קינד אין וויעג איז ניט געבליבען. עס ציהען זיך גויים און גוייעס, שקצים און שיקסעס פון שטעדטעל און די אַרומיגע דערפער. אין מיטען שטעהט דרייסט און מוטיג מעכעלע וואָלאַך: אַ קליין מענשעלע, מיט אַ געל־גראָהליך בערדיל, תמיד מיט אַ שפּאָטיש שמייכעל אויף די ליפּען. דער שמייכעל האָט איצט אָנגענומען אַן אונגעוועהנליכען אויסדרוק. אין זיינע גראָהע קליינע אויגען האָט געברענט אַ פייער פון אַ גבור, וואָס איז גרייט צו וואַרפען זיך אין ערביטערטען קאַמף מיט'ן שונא, נאָר איז זיכער אין זיין זיעג — און אַז זיין זיעג איז דער זיעג פון ליכט, פון אמת איבער שקר און פינסטערניס.

מעכעל וואָלאַך איז געווען אַ פּשוט'ער איד, אַ קרעמער. מיט עטלעכע יאָהר צוריק איז ער נאָך געווען אַ חסיד. פון דעם רב שאפּיראָ און די „שאפּירניקעס" האָט ער חוזק געמאַכט. נאָר פּלוצלונג, מ'ווייס ניט ווי אַזוי, איז ער געקומען צום רב, האָט ביי איהם אָנגעהויבען ביבלאָך צו נעהמען, דעם „המגיד" קוקען, און געוואָרען איינער פון זיינע טרייעסטע אָנהענגער, וואָס איז גרייט געווען צו געהן פאַר'ן רבי'ן און פאַר דער „השכלה" אין וואַסער און פייער.

אַז מעכעל האָט געלעזען אין „המגיד" אַ קאָרעספּאָנדענץ, ווי אַזוי דער לאשקאָוויצער „צדיק" שיקט פאַנאַנדער איבער דער וועלט געדרוקטע בריעף,

אַז ער היילט אַלע חולאַת'ן; אַז זיין בעזונדערע ספּעציאַליטעט איז אַרויס־צוטרייבען דבוק'ן; אַז הונדערטער און הונדערטער „דבוקים" האָט ער שוין אַרויסגעטריבען, און הונדערטער און הונדערטער ווייבער און מיידלאַך זיינען דורכ'ן צדיק גענעזען געוואָרען, האָט ער, מעבעל, זיך גענומען שטאַרק צו־האָרכען און פאַרנאַנדערפרעגען: וואָס טוט זיך אין לאַשקאָוויץ. ער האָט דאָרטען גראָד געהאַט קרובים. זיי האָבען נישט שטאַרק געגלויבט און ניט געוואַגט אָבצולייקענען. איין זאַך איז קלאָר געווען: אַז דער רבי האָט קיין הענד ניט; אַז לאַשקאָוויץ איז פול מיט „דבוקים"; אַז די „דבוקים" האָבען אָנגענומען אַן עפּידעמישען כאַראַקטער. פון אַלע שטעדט און שטעטלאַך האָבען זיך געצויגען קיין לאַשקאָוויץ אַלטע און יונגע, איבער־הויפּט ווייבער און מיידלאַך, געכאַפּטע פון אַ „דבוק"... די לופט איז פול געווען מיט „דבוק". וואו מ'איז געגאַנגען און וואו מ'איז געשטאַנען האָט מען גערעדט פון „דבוקים" און פון דעם לאַשקאָוויצער'ס גרויסע וואונדער.

דאַן איז אַרויסגעטראָטען מעבעל. ער איז געקומען צום רב שאַפּיראָ און דערצעהלט איהם זיין פּלאַן: ער וועט אַרויסרופען דעם לאַשקאָוויצער „צדיק" אויף אַ צוויי־קאַמף. ער וועט „מקדש השם" זיין דער השכלה. ער וועט אויפווייזען דער וועלט דעם לאַשקאָוויצער'ס בעטרוג און שווינדעל.

דער רב שאַפּיראָ האָט איהם אָבגעשלאָגען פון דעם פּלאַן: דער אמת קעמפט ניט מיט שטורם און מיט געפּילדער. שטיל און באַשיידען איז זיין וועג. דער שקר וועט סיי ווי ניט דויערן לאַנג. די פינסטערנים מוז אַנטלויפען פאַר דעם שטילען שיין פון ליכט.

נאָר מעבעל האָט ניט געפאָלגט. ער נעהמט אויף דעם קאַמף אויף זיין אייגענע אחריות. דער רב האָט אויך ניט געזוכט איהם אָבצוהאַלטען.

מעבעל האָט געבעטען זיינע קרובים איבערגעבען דעם לאַשקאָוויצער זיינע ווערטער: ער, מעבעל, דער „שאַפּירניק", דער משכיל, לאַכט פון זיינע „דבוקים". ער זאָגט, אַז דאָס איז אַ שווינדעל, אַ מיטעל צו פאַרפינ־סטערען דעם פּראָסטען המון און אויסנאַרען געלד. און אויב דער רבי שטעהט פעסט דערויף, אַז די מעשיות מיט די „דבוקים" זיינען ניט קיין קונצען נאָר אמת, טו זאָל ער אָפען פאַר דער וועלט דאָס באַווייזען. אויב ער קען אַרויסטרייבען אַ „דבוק" פון איינעם, דאַרף ער איהם אויך קענען אַריינ־טרייבען אין אַן אַנדערען. ער, מעבעל, איז גרייט אַריינצונעהמען אין זיך דעם „דבוק". אויב דער רבי וועט ווייזען פאַר אַלעמען, אַז ער קען באמת אי אַרויסטרייבען אַ „דבוק" אי אַריינטרייבען. זאָל ער באַשטימען אַ טאָג ווען דאָס זאָל געשעהן.

מעבעל'ס קרובים האָבען איבערגעגעבען זיין פאָרשלאַג. דערווייל האָט

אנגעהויבען קלינגען מיט דער געשיכטע טשארטקאוו און לאשקאוויץ און אלע שטעדט און שטעדטלאך ארום.

דער לאשקאוויצער האט געמוזט אויפנעהמען דעם וועט. דערפאר האט ער איהם, דעם וועט־קאמף, ארומגעשטעלט מיט גרוים פייערליכקייט און מורא׳דיגקייט, כדי אבצושרעקען דעם שונא, ער האט געפרעגט ביי אן אדוואקאט אן עצה, צי וועט מען איהם ניט מאכען קיין פראצעס, ווען דער רשע וועט פון „דבוק" געטויט ווערען. האט דער אדוואקאט איהם געענט־פערט, אז וועגען אזא מין מארד, וואס איז געשעהן דורך א ווארט איז אין געזעצבוך קיין שטראף ניטא. דאן האט ער דורך מענשען און באזונדערס דורך מעבעל׳ס קרובים געזוכט אפצוהאלטען איהם פון זיין עזות, ווארנען איהם פאר׳ן ביטערן סוף. אבער מעבעל האט זיך געהאלטען איינס. ער האט פאר קיין זאך קיין מורא ניט, און ער איז גרייט אויף אלץ.

דאן האט דער לאשקאוויצער מיט א כוון באשטימט דעם טאג פון דעם וועט־קאמף אויף ערב יום כפור. אבער דאס האט מעבעלען אויך ניט אבגעשראקען. זיינע פריינד אין טשארטקאוו האבען מורא געהאט פאר זיין לעבען און האבען געבעטען פאר איהם שוץ ביי דער ארטיגער רעגירונג, וועלכע האט זיך אויך פאראינטערעסירט אין אט דעם מערקווירדיגען צוויי־קאמף און האט געשיקט אויפ׳ן פלאץ אין לאשקאוויץ פאליציי.

דער „דבוק" איז אויך געווען אויפ׳ן פלאץ. דאס איז געווען א אידענע, וואס האט געמאכט העויות, זיך געקרימט, געווארפען מיט די הענד, מיט׳ן קאפ. האט געשליידערט גיפטיגע בליקען אויף מעבלען. מיט אויסגעקריצטע ציינער און אויסגעשפרייטע הענד, האט זי זיך געווארפען אויף איהם און געוואלט זיך איינעסען אין איהם מיט איהרע ציין און נעגעל, נאר מעבעל איז געשטאנען פעסט אויף זיין ארט און נאר געדראהט איהר מיט׳ן פויסט: האלט הענד! דו שפלה, שווינדלערקע!..

ענדליך איז ארוים פון שול דער רבי אין ווייסען קיטעל, אין טלית, די אויגען פארגלאצט. מיט לאנגזאמע פייערליכע טריט, ווארפענדיג בייזע בליקען אין מעבעל׳ס זייט, געהט ער צו צום רונדען פלאץ. אין עולם ווערט א באוועגונג, איבער אלעמענס לייבער געהט דורך א ציטער. די שטימונג ווערט געשפאנטער מיט יעדער אויגענבליק. אלעס צורוקט זיך פאר דעם רבי׳ן, אין שטילער פארזיכטיגקייט, קיינער וואגט ניט א ווארט צו ריידען, אן אטעם צו טאן. די גאנצע מענשען־כוואליע איז ווי פארגליווערט געווארען.

דער רבי שטעלט זיך אב, זוכט מיט זיין שטרענגען דורכדרינגענדען בליק זיין בלוטיגען פיינד, מעבלען, הויבט אויף איהם אויף זיינע געדיכטע

פינסטערע ברעמען, ווי אַ שטורם־וואָלקען, און ווענדט זיך צו איהם, צו מעכעלען, מיט אַ דראָהענדען, אָבער עטוואָס וויכען נגון.

„מיר האָבען ניט לאַנג געזאָגט אין דעם נאָמען פונ׳ם רבונו של עולם: שובו, שובו מדרכיכם הרעים, — קעהרט זיך אום, קעהרט זיך אום פון אייערע שלעכטע וועגען... יעזוב רשע דרכו ואיש און מחבותיו”, זאָל דער רשע פאַרלאָזען זיין וועג, און דער זינדיגער מענש זיינע בייזע געדאַנקען... היינט איז אַ טאָג פון תשובה, פון סליחה ומחילה... בבן בין איך דיר מתרה, דו רשע, דו אַפּיקורוס מעכעל, שוב יום אחד לפני מיתתך, — טו תשובה איין טאָג פאַר דיין טויט... דער אויבערשטער איז אַן אל רחום וחנון און איך וועל דיר אויך מוחל זיין...

נאָר מעכעל׳ס ליפּען האָבען זיך פאַרקרימט נאָך אין אַ מעהר שפּאָטישען געלעכטער. ער האָט זיך אויסגעדרעהט צום רבי׳ן אין אַ חוצפה׳דיגער אַרויסרופענדיגער פּאָזע און האָט איהם געמעלדעט הויך, אָבמעסטענדיג איטליכעס וואָרט און וואַרפענדיג טריאומפירענדע בליקען אויפ׳ן גאַנצען אַרומיגען עולם:

—טוט וואָס איהר קענט! איך בין ניט געקומען הערען אייערע מוסר. נאָר ווייזען פאַר דער וועלט אייער שווינדעל. איך עפען דעם מויל, נאַט: טרייבט אַריין אין מיר דעם דבוק, אַז ניט...

אַ דומפּפער ברום האָט זיך דורכ׳ן עולם דורכגעטראָגען. די פאַרגלי־ווערטע מענשען־כוואַליע האָט ווידער אַ ציטער געטאָן. אַפּיקורוס!.. מומר להכעים... משומד.. האָט זיך ערטערווייז געהערט. נאָר אַ ברויזענדער „שאַ“! פון דער איבעריגער מענגע האָט ווידער די שטילקייט איינגעשטעלט.

דער רבי האָט אויף אַן אויגענבליק אַ ציטער געטאָן. אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ צו דער ערד און באַלד אויפגעהויבען איהם צוריק, און מיט אַ בייזען צאָרן אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנד צו דער ווייבעל מיט׳ן דבוק, וואָס האָט זיך געדרייט, געקוויטשעט און געוואָרפען זיך מיט ווילדע תנועות צו מעכעלס זייט.

— שטיל, דו רשע! — האָט דער רבי אַ געשריי געטאָן — הערסט וואָס איך זאָג צו דיר?!.. איך בין אויף דיר גוזר, אַז דו זאָלסט אַרויס פון דער אשה דורכ׳ן מינדסטען פינגער פון דער לינקער האַנד און אַריין אין אַזאַ רשע, ווי דו ביזט...

די מענשען־כוואַליע האָט ווידער אַ ברויז געטאָן, איז אָבער באַלד אַליין פון זיך ווידער פאַרגליווערט געוואָרען. אַלעמענס אויגען האָבען מיט שרעק זיך געווענדעט אויף מעכל׳ן.

מעכעלע האָט זיך אָבער וועניג געקימערט פון די טויזענדער בליקען, וואָס האָבען איהם דורכגעדרונגען. ער האָט נאָך שפּאָטישער פאַרקרימט זיין אויג, אַרויסגעשטעקט דעם צונג גלייך אַנטקעגען דער ווייבעל מיט'ן דבוק:

נאַ !... נו ? !...

עס איז פאַרגאַנגען אַ מינוט, צוויי, דריי. מעכעל, דער רבי און דער „דבוק" שטעהען נאָך אַלץ אין דער זעלבער פּאָזע, וואַרפענדיג גיפטיגע בליקען איינע קעגען די אַנדערע. נאָך עטליכע מינוט, נאָך אַ פערטעל שעה...

דער עולם ווערט אונגעדולדיג און קעהרט די בליקען צום רבי'ס זייט. דער צדיק ווערט בלייך. די אויגען שטאַרען, די הענד זינקען האָפנונגסלאָז.

מעכעל גיט זיך אַ הויב, גלייכט זיך אויס, פאַרקאַטשעט די פּאָלע, דרעהט זיך אויס צום רבי'ן, גיט אַ געשריי:

— י־ש־ק־נ־י !...

און איז אַוועק.

פויל, ווי אַן אָבגעשמיסענער, איז צוקראָכען דער עולם. דער רבי אַליין האָט אַ וואָרט מעהר ניט גערעדט. ער איז אַוועק אויף זיין אָרט און האָט געגאָסען מיט טרערען. נאָכ'ן דאַוונען האָט ער זיך פאַרשלאָסען אין שטוב, איז ערגעץ ניט אַרויס, און האָט מיט קיינעם ניט גערעדט. צוויי יאָהר האָט ער זיך ניט געוויזען אויף דער ווייסער וועלט. האָט געלעבט איינגעשלאָסען, פאַרלאָזען פון אַלעמען. צום ענדע פון די צוויי יאָהר איז ער געשטאָרבען און מיט איהם איז אין גאַנצען פאַרלאָשען געוואָרען די גזע פון ר' מאירל פרימישליאַנער.

דער טשאַרטקאָווער פּרץ־פאַראיין בעט שטיצע

לאַנדסלייט, חברים און פריינד!

אין אייער אַלטער היים־שטאָדט טשארטקאָוו עקזיסטירט שוין דאָס זיבעטע יאָהר אַן אומפּאַרטייאישער קולטור־פאַראיין, אויפ׳ן נאָמען פון י. ל. פּרץ — און דער דאָזיגער פאַראיין שם׳ט מיט זיין טהעטיגקייט איבער גאַנץ פוילען.

דער יצחק לייבוש פּרץ פאַראיין אין טשארטקאָוו איז אַ גרויס צירונג פאַר דער שטאָדט און ער איז אַ קולטור־היים פאַר אַלע טשארטקאווער בעלי־מלאכות און ארבייטער. דער פאַראיין פיהרט אָן אַזאַ רייכע קולטור־ארבייט, וואָס האָט נישט צו זיך אין גאַנצען לאַנד קיין גלייכען.

דער פאַראיין ווערט אויסגעהאַלטען פון די אָרימסטע קרייזען, פון אַרבייטער און בעלי־מלאכות, און ער האָט שטאַרק צו קעמפען מיט אַ שרעקליכער מאַטעריעלער נויט. דער פאַראיין באַקומט נישט קיין שום אונטערשטיצונגען.

טויזענטער זלאָטעס צוטיילט דער טשאָרטקאָווער קהל אונטערשטיצונגען, און פאַר׳ן „פּרץ־פאַראיין“ האָט מען צוגעוואָרפען אַ ביינדעל פון 30 זלאָטעס, אַ יעהרליכע אונטערשטיצונג. האָבען מיר געזעהען, אַז דאָס הייסט חוזק געטריבען און דער „פּרץ פאַראיין“ האָט די אונטערשטיצונג נים אָנגענומען.

דער פאַראיין האָט אַ בודזשעט פון קאַרגע 440 אַמעריקאַנער דאָלאַר אַ יאָהר און איז צוליב דעם שוין אַזוי פאַרשולדיגט, אַז ס׳דראָהט אים די געפאַהר, אַז די בעלי־חובות זאָלען דאָס גאַנצע פאַרמעגען מיט דער ביבליאָטעק — אָפּפּענדען.

אָבער טראָץ דעם שלעכטען און שווערען עקאָנאָמישען מצב קלערט דער פאַראיין צו פאַרברייטערען זיין אַרבעט און וויל עפענען אַ אידישע שולע אין טשארטקאָוו, וועלכעס איז היינט אַ לעבענס־נויטווענדיגקייט.

צעהנדליגער אָרימע אידישע קינדער ווערען פאַרוואָרלאָזט און וועלען אויסוואַקסען עמי־הארצים, ווייל זיי ווערען נישט אָנגענומען אין די פוילישע שולען, צוליעב דעם, וואָס זיי רעדען אידיש.

פאַר אָט די קינדער מוז געשאַפען ווערען אַ אידישע שולע!

די פאַרוואַלטונג פונ׳ם יצחק לייבוש פרץ פאַראיין

דער פּאַראיין מוז אויך האָבען אַן אייגענע היים, ווייל אָהן אַ אייגען הויז שטייט דער גאַנצער פּאַראיין אויף הינערשע פיסלאַך.

טשאָרטקאָווער לאַנדסלייט! חברים און פריינד! **פון אייך איז איצט אָפּהענגיג די ווייטערדיגע עקזיסטענץ פונ׳ם פּאַראיין! פון אייך איז אָפּהענגיג, צי טשארטקאוו וועט האָבען אַ אידישע שולע! פון אייך איז איצט אָפּהענגיג, צי דער „פּרץ-פּאַראיין" זאָל האָבען אַן אייגען הויז!**

שאַפט אַ קאָמיטע פאַר׳ן „פּרץ-פּאַראיין", און זאָל יעדער טשאָרט-קאָווער טהאָן זיין חוב געגען זיין אַלטער היים און מיטהעלפען דאַצו, אַז טשארטקאָוו זאָל זיך קענען ווייטער און נאָך מעהר גרויסען מיט׳ן באַקאַנטען „פּרץ פּאַראיין".

הונדערטער טשארטקאָווער לאַנדסלייט געפינען זיך אין אַמעריקא, און ווי שלעכט דער מצב איז אפילו ביי אַ גרויסען טהייל, קען דאָך יעדער איינער אויף אַזוי פיעל ביישטייערען, אַז אונזער גרויסע טהאַט זאָל קענען אויפגעטהאָן ווערען.

הילף איז דרינגענד. נעהמט אייך אונטער אויסצוהאַלטען די אידישע שולע און העלפט אויפבויען אַן אייגען הויז פאַר׳ן „פּרץ פּאַראיין" און אייער נאָמען וועט פאַראייביגט ווערען!

טשארטקאָווער לאַנדסלייט! אונזערע אַמעריקאַנער לאַנדסמאַנשאַפטען האָבען מיט זייער הילף געהאָלפען אויפבויען אונזערע הייזער פאַר שולען און קולטור אָרגאַניזאַציעס, און דערמיט זייער נאָמען פאַראייביגט. טוט אַלזאָ נאָך דעם ביישפּיעל פון אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטען און איהר וועט דאַמיט שאַפען אַן ענגען בונד צווישען אייך און דער אַלטער היים!

וואָס גיכער איהר וועט אייך אָפּרופען און וואָס שנעלער די הילף וועט זיין, וועט איהר אייך מעהר פאַרדיענט מאַכען!

מיר קוקען אַרויס אויף אייער הילף!

מיט טשאָרטקאָווער גרוס פאַר׳ן י. ל. פּרץ-פּאַראיין,

אפרים שוועבעל, פּרעזעס.

א. טרעמבאָוועלסקי, סעקרעטאַר.

די פּאַרוואַלטונג: חיים שטעקל, יואל גראס, יעקב גאָלדבערג, אייזיק האַס, משה בוכהאָלץ, מרדכי צאלער, ישראל גאָטעספעלד, בערטא שולץ, ישראל מרדכי טריינער, שעפּסל ראַסט, שיע בערגער, שלמה וויסמאַן, געצל גרינבער, שמואל פיש, משה האָלענדער, חיה אסתר קאַנעל.

אַדרעס פאַר בריעף:

Stow. J. L. Pereca, Czortkow, Poland

אַדרעס פאַר געלט:

Efroim Szwebel, Czortkow, Rynek, Poland

יאקאָב ביקל

פון א. ליטווין

די אויפקלערענדע ארבייט פון שאפירא און די „שאפירניקעס“ איז געווען פאָלקאָם אָרגאַניזירט און צוטיילט אין באַזונדערע דעפּאַטעמענטען.



יעקב ביקעל

אין יעדען דעפּארטעמענט האָט שפּירא געהאט אַ ספּעציאַליסט — אַ טוער, וואָס איז געווען פּונקט אַזוי איבערגעגעבען דער אידעע ווי דער רבי אַליין. דער שאפירניק יאקאָב ביקל איז געווען אַ מין „מיניסטער פון אויפקלערונג“.

ער איז געווען דירעקטאָר איבער דעם רעפאָרמירטען חדר און פיהרער פון די אָוונד־קורסען פאַר בעלי מלאכות.

געאַרבייט האָט ביקל טאָג און נאַכט, מיט׳ן גוף און מיט דער נשמה, ניט נעהמענדיג פאַר זיין אַרבייט קיין קרייצער געלד, און געווען איז ער אַן אָרימאַן, און האָט געהאַט אַ געזינד פון 10 קינדער. (4 האָט ער געהאַט פון דער ערשטער ווייב; 2 האָט איהם געבראַכט די צווייטע פון איהר ערשטען מאַן, און 4 האָט ער געהאַט מיט איהר, מיט דער צווייטער הייסט עס, בשותפות.)

און כאָטש יאַקאָב ביקל האָט ניט באַזוכט קיין אוניווערזיטעטען, איז ער געווען ניט ווייניגער געלעהרענט פון שאַפּיראַ׳ן אליין און ער איז געווען אַ טיעפער, זעהר אָרגינעלער דענקער, געשטאַמט האָט ער פון טיסמעניץ, אַ שטעדטעל אין מזרח־גאַליציען, וואָס איז, נאָך גאָר אַמאָל, געווען באַריהמט פאַר אַ נעסט פון השכלה. חתונה געהאַט האָט ער צו 13 יאָהר. געווען איז ער אַ פאַרברענטער מתנגד און געגאַנגען אין אַ שטריימעל. זיין שווער איז געווען אַ חסידישער מענש, נאָר אַ מאָדערנער איד. פלעגט קיין מאָל ניט געהן דאַווענען אין קלויז, נאָר — דאַווענען ביי זיך אין דער היים, ביחידות, און ווייל אַלע האָבען געוואוסט, אַז ער איז זעהר אַ פרומער, איז אַרויס אין שטעדטעל אַ קלאַנג, אַז ער איז אַ „מקובל" און זיצט אַ גאַנצען טאָג אין טלית. יענקעל ביקל האָט זיך ניט געפוילט און איז דורכגעגאַנגען גאַנץ שטעדטעל, ניט פאַרפעהלט קיין איין שטוב, און געפרעגט יעדען טשאָרט־קאָווער אידען, קליין און גרויס: „האָסט געזעהן איהם (זיין שווער הייסט דאָס) זיצענדיג אין אַ טלית?" יעדער האָט געענטפערט: ניין, נור ער האָט געהערט פון יענעם.

דערמיט האָט ביקל אָנגעהויבען זיין ערשטען קאַמף געגען אבערגלויבען. און פונקט ווי איצט, אַזוי האָט ער זיך שטענדיג געפיהרט: ניט דורך היציגע דרשות, נאָר דורך לאָגישע באַווייזען, דורך פּאַקטישע איבערצייגונג.

פונדעסטוועגען איז ביקל אויך געווען אַ גלענצענדער רעדנער און דוקא אין פּראָסט אידיש, כאָטש ער האָט געקענט אַ סך שפּראַכען. זיינע ליבלינגס־וויסענשאַפטען זיינען געווען אַסטראָנאָמיע, אַלגעברא און פיזיק. נאָר באַזונדער שטאַרק איז ער געווען אין יוריספּרודענץ (געזעץ־לעהרע). ער איז געווען קלאָר, ווי אין דער אַלטער אידישער געזעצגעבונג, אַזוי אויך אין רוימישער מיטעלאַלטערליכער און מאָדערנער אייראָפּעאישער געזעצ־געבונג. נאָר זיין אידעאַל איז געווען די געזעצגעבונג פון דעם אידישען סנהדרין. אין חדר פון די „שאַפּירניקעס", וואָס איז געווען אונטער זיין אויפזיכט, האָט ער איינגעפיהרט אַ מין קינדער־רעפּובליק אין דעם גייסט

פון דעם אַלטען אידישען שטאַאט, און אַ קינדער־געריכט לויט׳ן מוסטער פון דעם אידישען סנהדרין.

געזעץ־לעהרע איז געווען זיין פאַך, זיין פרנסה. ער פלעגט פיהרען די פאַרוויקעלטסטע פראָצעסען און האָט זעלטען פאַרשפּילט. נאָך זיין עצה פלעגען זיך ווענדען ניט בלויז אידען, נאָר אויך קריסטען — פּויערן און פריצים. אַזוי ווי ער פלעגט זיך אָבער קיין מאָל ניט דינגען, האָט ער געהאַט אַ סך אַרבייט און קאַרג חיונה.

דעם רבי׳ס הויף אַליין פלעגט זיך מוזען ניט זעלטען צו איהם ווענדען נאָך אַן עצה און דערמיט האָט ער שטאַרקער געמאַכט די פּאָזיציע פון די שאַפּירניקעס. ביין רבי׳ן האָט מען איהם געמוזט שטעלען אַ שטוהל און בעטען זיצען. ער איז געווען אַ נויטיגער מענש און מ׳האָט פאַר איהם מורא געהאַט.

האָט זיך ביקל פאַרטראַכט אין אַן ענין, אין אַ רעיון, וואָס האָט איהם שטאַרק גענומען, האָט ער זיך דעמאָלט אָבגעשיידט פון דער וועלט, פאַר־שלאָסען זיך אין זיין קאַמער און געקענט אָבזיצען אַכט טעג און אַכט נעכט, ניט געגעסען, ניט געטרונקען, ביז דער רעיון איז ביי איהם ניט רעכט געוואָרען. ער איז אויך געווען אַ פאַרברענטער שאַכמאַטיסט און האָט געקענט אָבזיצען איבער׳ן שאַכברעטעל דריי מעת לעת נאָכאַנאַנד.

האָט ער געקראָגען אַ נייעם בוך, איז ער שוין ניט אַרויס פון שטוב, ניט געזעצט זיך, ניט געשטאַנען, נאָר אַריינגעלעגט זיך אין בעט, און האַלטענדיג אין איין האַנד דעם בוך, אין דער צווייטער אַ ציגאַר, און פון אויבען, אויפ׳ן דאַלאַן פון דער זעלבער האַנד, אָנגעשאָטען אַ בערגעל שמעק־טאַבאַק, האָט ער איינגעגראָבען די אויגען אין בוך און געריוכערט און גע־שמעקט, געשמעקט און געריוכערט און אויפגעשטאַנען פון בעט נאָר דאַן, ווען דער בוך איז געווען געענדיגט. אַזוי האָט ער אויך, ליגענדיג אין בעט, געלערענט אַלטע און נייע שפּראַכען.

ביקל איז געווען אַ גרויסער תלמודיסט, נאָר דער גרעסטער ליבלינג זיינער פון די אידישע ספרים איז געווען דער „רמבם“. דאַוונען פלעגט ער אַלע טאָג און ליעב געהאַט צו דאַוונען מיט נגינה. גאַנץ ימים נוראים פלעגט ער דאַוונען אין קיטעל. שמונה־עשרה איז ער געשטאַנען צונויפ־געלעגט די הענד אויף דער ברוסט, זיין ליבלינג־תפלה איז געווען „שיר היחוד“, דאָך איז ער געווען פרום ניט שטענדיג, נאָר מאָמענטענווייז. שבת צו נאַכט האָט ער ליעב געהאַט אַוועקצוזעצען זיך מיט מענדעל פידלער און, פּיפּקענדיג און שמעקענדיג טאַבאַק אין דער זעלבער צייט, אַריינגעשמועסט

מיט׳ן חבר ביז׳ן טאָג אַריין, מעשיות פון אַלע גוטע אידען, וואָס זיינען ווען עס איז געווען אויף דער וועלט, געבענדיג די מעשיות, זיין בייסענדיגע סאַטירישע באַלייכטונג.

ביקל איז געווען אַ גרויסער פריינד פון דער נאַטור. האָט ליעב געהאַט אַליין זיך צו פאַרטראַכטען אויף גאַטס וועלט, אויף גאַטס גרויסע ברואים און קליינע ברואים׳לאַך, און געבען אויך אַנדערע צו פאַרשטעהן די וואונדער פון דער נאַטור. אָט געהט, אַ שטייגער, פון פעלד אַ בהמה. ביקל רופט אַרוים פון שטוב די ווייב, די קינדער, נעהמט אַרומקוקען דער בהמה׳ס הערנער, אויגען, שטערן, האַלז און אַנדערע אברים. טאַפּט אַרום און האַלט פאַר זיי אַ באַשיינפּערליכע לעקציע. חסידישע ווייבער געהען פאַרביי און שפּייען אוים: זעהט נאָר יעקל דעם משוגענעם, האָט זיך שוין פאַרקוקט...

ביקל איז, ווי געזאָגט, געווען דער אויבער־אויפזעהער אויפ׳ן חדר פון די שאַפּירניקעס. פונדעסטוועגען זיינען געווען זאַכען, וואָס ער האָט אַליין ליעב געהאַט צו לעהרנען מיט די קינדער. איינער פון זיינע ליבלינגס־למודים איז געווען געאָגראַפּיע. דערביי האָט ער געהאַט זיין אייגענעם מעטאָד, ווי אַזוי צו ערקלערען די אינגלאַך, זעהר פּשוט, מיט היימישע מיטלען זאַכען, אויף וואָס די קינדער אין די שולען ברעכען זיך אָפּט די מוחות.

די קינדער האָבען ביקל׳ן זעהר ליעב געהאַט. ער פלעגט אָפּט מיט זיי פאַרברייינגען, ניט בלויז וועגען קליינע, נאָר אויך וועגען גרויסע חיות און בהמות, וועלכע ער פלעגט ברייינגען צו די קינדער, אָדער די קינדער צו זיי. פונדעסטוועגען איז ער געווען שטרענג. שלאָגען, שרייען — דאָס פלעגט מען אין דעם חדר פון די שאַפּירניקעס קיין מאָל ניט. נאָר, צייטענ־ווייז, ווען די קינדער האָבען זיך צוגעפּוילט, איינהאָרכען זיך אין אַ ענין, וואָס ער האָט זיי דערקלערט, אָדער האָבען הינטער זיינע פּלייצעס אונטער־געשטיפּט, פלעגט ער פּלוצלונג אַרויפשפּרינגען אויפ׳ן טיש און אַ קאָמאַנ־דעווע טאָן צו חברה: שרייט, קינדער, גלייך נאָך מיר:

— מיר זיינען אַלע גרויסע גויים!...

אַזאַ ניט גאָר דעליקאַטע „קאַפּולער אָנצוהערעניש" האָט דעם קליינעם עולם מעהר אַמוזירט, ווי באַליידיגט. אַלע האָבען נאָכגעשריען מיט חשק דריי מאָל, אָבער נאָך דעם איז שוין געגאַנגען ווי געשמירט...

ביקל איז געווען אַ סאָציאַליסט, נאָר, אַנשטאַט די מאַרקסיסטישע טעאָריעס, האָט ער זיינע אידעען וועגען סאָציאַלער גערעכטיגקייט געשעפּט פון דער תורה און דער גמרא. די הויפּט אויפמערקזאַמקייט אין חדר האָט

ער אָנגעווענדעט אויף ערציהען אין די קינדער דעם געפיהל און באַגריף פון רעכט און יושר אין סאָציאַלען לעבען. געלעבט האָט ער נאָר אין דעם קרייז פון אַרבייטער, פון פשוט'ע מענשען. מיט דער ערשטער פרוי האָט ער געלעבט גוט. זי איז געווען אַ פשוט'ע אידישע ווייבעל. די צווייטע ווייב, וואָס ער האָט גענומען נאָך דער ערשטער'ס טויט, איז געווען פריהער אַ דאָקטאָר'ס אַ ווייב, האָט געהאַט געלד, און אייגען הויז און ליעב געהאַט צו לעבען ברייט און פרעהליך, איז מיט איהר געוואָרען זיין לעבען אַ טראַגעדיע. ניט קוקענדיג אויף זיין ברייטער געלעהרזאַמקייט, האָט ער אַזוי, ווי שאַפּירא אַליין, ליעב געהאַט צו לעבען פשוט און אָרים. נאָכ'ן אַלטען אידישען שניט. פון 6 יאָהר אָן האָט ער אויפגעהערט צו עסען פלייש, האָט זיין גאַנצען לעבען קיין אַנדער שפּייז ניט געברויכט, ווי נאָר גרינס. אַז איהם האָבען אָנגעהויבען צו קלאַפּען אין טיר די זיבעציג יאָהר, האָט ער זיך אָנגעגרייט תכריכים און אַ פּלאַץ פאַר זיין אייביגער רוה.

יהודה רייס

זיסקינד'ס איידעם

באַגריסט דעם פאַראיין צום יובילעאום

באַגריסונג פון

אלכסנדר זיסקינד רייס

און פאַמיליע

ר׳ יהושע׳לע פרעמינגער

פון אַן אָנהענגער

ר׳ יהושע׳לע פּרעמינגער ז״ל, איז געקומען קיין טשאָרטקאָוו אין יאָהר 1892, און זיך דאָרט באַזעצט. מיט זיין קומען אין טשאָרטקאָוו האָט ער פאַרגרעסערט די גאָלדענע קייט, וואָס ציעט זיך נאָך מיט דורות פריהער

ר׳ יהושע׳לע פּרעמינגער

ביז צו דער צייט ווען ער איז געקומען אין טשאָרטקאָוו. ער האָט נאָך גע־טראָפען אזעלכע גרויסע געלעהרנטע מענשען ווי ר׳ מענדעל ראָזענצווייג ז״ל און יענקעל ביקעל און אַ סך תלמידים פונ׳ם רב שפּירא ז״ל. ער איז געווען פאַררעכענט אין שטאָדט פאַר דעם גרעסטען געלעהרענטען. ווען ער איז

געקומען קיין טשאָרטקאָוו האָט ער ניט געקענט געפינען קיין בעסער פּלאַץ צו דאַוונען ווי ביי ר' מענדעל ראָזענצווייג ז"ל, דאָרט האָט ער געקענט אויספיהרען צו דאווענען תפילה און קריאת שמע בזמנה, כאָטש ס'איז געווען אַ קליינער מנין און מ'האָט דאָרט געדאַווענט נור שבת און יו"ט. האָט ער איינגעפיהרט דאָרט צו דאַוונען יעדען טאָג. דער מנין האָט אָנ־געהאַלטען ביז ר' מענדעל ראָזענצווייג ז"ל איז נפטר געוואָרען. ער האָט אויך מיסד געווען אַ ערשט מנין אין „יד חרוצים" פון שבת און יו"ט, וואו ער איז געווען עהרען־מיטגליעד, און יעדער האָט איהם דאָרט גרויס כבוד צוגעטיילט. ער האָט דאָרט געלערנט יעדען שבת 2 מאָהל, נאָכ'ן דאַוונען פונ'ם ערשטען מנין און 3 אוהר נאָך מיטאָג.

ער איז געווען דער שטאָלץ פונ'ם „יד חרוצים". ער פלעגט אויך זיך צוזאמענקומען מיט חסידים אָדער און חסידישע קלאַסען, אָבער מעהר צייט פלעגט ער אָוועקגעבן צו די „יד חרוצים", כאָטש ער איז געקומען 5 יאָהר שפּעטער ווי דער רב ז"ל איז נפטר געוואָרען, און האָט דעם רב ז"ל ניט געקענט פּערזענליך, האָט ער אָבער זעהר פיעל כבוד צוגעטיילט צום רב. איך געדיינק ווען מ'האָט אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט אָדער טאַפעל אין רב'ס שוהל, דאָס איז געווען אים הושענא רבה נאַכט, איז געווען ר' יהושע'לע פּרעמינגער דער ערשטער צו רעדען וועגען רב ז"ל, און ביי יעדער געלעגענהייט וואָס איז פּאָרגעקומען אין שטאָדט איז מען געווען צופרידען און אַ כבוד צו זעהן ר' יהושע'לע דאָרט, און יהושע'לע ווי געזאָגט איז ניט געווען קיין „גדלן" ביי זיך, און ווען מ'האָט איהם געבעטען צו קומען צו אַ שמחה, האָט ער קיינעם ניט אָבגעזאָגט און האָט מיט זיין קומען פיעל כבוד פאַרשאַפט און אַ סך פאַרשעהנערט די שמחה. ווי באַוואוסט איז ער געווען אַ כהן, און ער איז געווען אַ וופגדצ וופגקדקוסלהמב וסלהמב הבן און ס'איז געווען מעהרערע גרויסע געלעהרנטע מענשען, האָבען זיי גע־זאָגט דאָס נאָר אַזא גרויסער תלמיד חכם קען דורכפיהרען אַזא פדיון הבן.

ער איז געווען אַ פּערזענליכער פריינד צום טשאָרטקאָווער רבי, ווען ס'האָט זיך געמאַכט אַ געלעגענהייט און זיי האָבען זיך געטראָפען, האָבען זיי גערעדט ווי פריינד. אַלע טשאָרטקאָווער האָבען שטאָלצירט מיט ר' יהושע'לע פּרעמינגער. מ'האָט איהם גרויס כבוד צוגעטיילט. זעהר גרויס איז ער געווען אין לערנען, אַ בקי אין ים התלמוד, האָט געקענט אויך אויסענ־ווייניג כמעט גאַנץ תנ"ך, געמאַכט אַ פּרוש אויפ'ן זוהר און זעהר, זעהר וויכטיגע שריפטען וואָס זיינען לייידער פאַרברענט געוואָרען אין אַ שבת, ווען די רוסען זיינען צום ערשטען מאָהל אַריינגעקומען קיין טשאָרטקאָוו ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען אין יאָהר 1914, און ער האָט גאָר ניט געוואָלט אַרויסנעהמען פון הויז, ווייל ווי געזאָגט, ס'איז געווען אין שבת. ער איז

געוועזן באַוואוסט אין אַנדערע שפּראַכען. מענשען וואָס געדענקען הרב שאפּירא ז״ל האָבען געזאָגט, אַז ר׳ יהושע׳לע פּרעמינגער ז״ל איז דער צווייטער שאפּירא. ווי גרויס ער איז געווען אין לערנען איז ער נאָך געווען אַ גרעסערער עניו, דאָס איז די מידה פון משה רבינו. אָהן אונטערשיעד סיי חסידים און סיי מתנגדים האָבען איהם ליעב געהאַט און איהם געשעצט. חסידים פלעגען זאָגען אויף איהם, אַז ער איז אַן אויסנאַהם פון אַ מענש, ער האָט אַ סך מעלות, נאָר איין חסרון האָט ער, וואָס ער איז ניט קיין חסיד. דער שרייבער פון די שורות איז געווען אַ בן בית ביי ר׳ יהושע׳לע פּרעמינגער און אויך ר׳ יהושע׳לע פלעגט אַ סך קומען צו איהם אין הויז.

ר׳ יהושע׳לע פּרעמינגער ז״ל איז נפטר געוואָרען אין יאָהר 1919 אין לעמבערג, דער טאָג איז מיר ניט באַקאַנט. מ׳האָט איהם מספּיד געווען אין טשאַרטקאָוו און איהם אָבגעגעבען כבוד נאָך דער פּטירה ווי ביים לעבען. תנצב״ה.

צום אייביגען אַנדענקען פון אונזער

ליעבער און טרייער מוטער

##ביילע פּעסיע שאָר ע״ה

נפטרה 24 טאָג אין חשון תרע״ט.

ענני הויזנער

איווע פישער

אסתר יאפּפע

חזן דוד'ל אַלעפסקי

מענדיל פידלער

פון א. ליטווין

מענדעל פידלער איז געווען, אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקען, דער „מיניסטער פון קונסט" אין דער מלוכה פון די „שאפּירניקעס". כאָטש אין דער ווירקליכקייט איז ער געווען אין זייער חדר דער לעהרער פון דקדוק און „תנ"ך". ניט גאָר צוגעפּאַסט צו איהם איז אויך געווען דער נאָמען „פידלער", וואָרים מענדיל איז געווען אַ קינסטלער אויף אַלע אינ־סטרומענטען. ד. ה. שפּילען האָט ער אייגענטליך ניט געקענט אפילו אויף איין אינסטרומענט. ווען ער האָט זיך גענומען צו דער מוזיק, זיינען שוין די פינגער זיינע געווען צו גראָב און די באָרד צו ברייט געוואקסען פאַר דער פידעל. דערפאַר איז ער געווען אַ גרויסער טעאָרעטיקער. זיין שענקעל (דערפון האָט ער חיונה געצויגען) איז געווען אַ מוזיקאַלישע אַקאַדעמיע פאַר הונדערטער יונגע לייט. פון דאָרט זיינען זיי אין וויען, אין מינכען אַוועק און שפּעטער באַריהמטע אַרטיסטען און חזנים געוואָרען.

אין טשאָרטקאָוו אַליין, וואָס האָט פריהער ניט געוואוסט, וואָס איז אַזוינס נאָטען, און אַ פידעל האָבען זיי געזעהן, נאָר ווען אַ חתונה איז געווען אין שטעדטעל. אָט דאָס טשאָרטקאָוו דורך איהם אַ מוזיקאַליש שטעדטעל געוואָרען. עס איז כמעט ניטאָ איצט קיין איין הויז, אין טשאָרטקאָוו, וואו מ׳זאָל ניט שפּילען און זינגען. אין גאַנץ גאַליציען איז ניטאָ אַזאַ מבינ׳טע אויף חזנים, אויף נגינה, ווי טשאָרטקאָוו.

זעהר אינטערעסאַנט איז, ווי אַזוי מענדעל פידלער אַליין איז אַ פידלער געוואָרען. ווי געזאָגט, איז דאָס שוין געווען דעמאָלט, ווען ער איז געווען אַ טאַטע פון קינדער. אמת, קיין שענקעל האָט ער נאָך ניט געהאַט. ער איז נאָך געזעסען אויף קעסט ביי זיין שווער, אַ פּראָסטער, נאָר אַ רייכער בעל הבית. צו מסחר האָט ער ניט געטויגט, איז ער געזעסען טאָג און נאַכט און האָט געלערענט גמרא. נאָר אַזוי ווי זיין חבר יענקל ביקל, האָט ער אויך שטאַרק ליעב געהאַט דעם „רמבם". באַהאַלטענערהייט האָט ער אויך געלייענט השכלה־ביכער, געלערענט לאַטיין און דייטש. אַ שטים האָט ער אויך געהאַט, אמת, ניט קיין שלעכטע. דערפאַר האָט ער טאַקע אויסגע־

נומען ביי דעם שווער, אַ בחור, וואָס האָט מיט אַזאַ זיסען נגון געזונגען „אמר אביי“. אַמאָל פלעגט ער זיך פאַרטיפען אין אַ „שטייגער“ בײם דאַוונען. אַז מ'קען די שטים ברויכען צו עפּעס אַנדערס, איז איהם קיין מאָל ניט איינגעפאַלען, ביז ער איז אַמאָל פאַרבייגעגאַנגען דעם פריץ'ס שלאָס.

דאָרט איז ער צוגעשמידט געוואָרען. עפּעס האָבען זיך געגאָסען פון די פּאָקאָיעס קולות, טענער, מאָדנע, משונה'דיגע, כשופ'דיגע.

צי האָט מען דאָרט געזונגען, צי געשפּילט? צי ביידע זאַכען אין איינעם? דאָס האָט ער, בשעת מעשה, ניט געקענט אָבגעבען זיך קיין רעכנונג, וואָרים ער איז געווען צוגעשמידט צום אָרט, פאַר'כשופ'ט. און ערשט אַ צייט נאָך דעם, ווי דאָרט, אין די פּאָקאָיעס איז אַלץ שוין לאַנג שטיל געווען, האָט ער זיך אַרומגעזעהן, אַז ס'איז שוין טיעף נאַכט און ביי איהם אין דער נשמה שפּילט נאָך אַלץ, און ער קען פון אָרט ניט אַוועקגעהן.

פון דעמאָלט אָן איז ער אַלע טאָג געגאַנגען צום פריץ'ס שלאָס, בסודי סודות. פריהער פלעגט ער שטעהן פון ווייטען, ווי דעם ערשטען מאָל, אויף יענער זייט טויער. ביסלעכווייז האָט עס איהם געצויגען אַלץ נעהנ־טער, נעהנטער אין הויף אַריין, צו די סאַמע פּאָקאָיעס, דערנאָך האָט זיך ביי מענדלען אַ פידעל געיאַווועט. אמת, ניט ביי איהם אין שטוב, נאָר ביים פריץ איז זי באַהאַלטען געווען, קיינער אויף דער וועלט האָט ניט געוואוסט פון דער פידעל, אַ חוץ דעם קאַפּעלמייסטער אין פריץ'ס הויף, וועלכער האָט איהם בעהאַלטענערהייט שפּילען געלערענט.

נאָר אַ אידישער יונגער מאַן, בפרט, אַ לערנער, אַן עלוי, זאָל געהן אַלע טאָג צום פריץ אין די פּאָקאָיעס, דאָס וואָלט פאַר'ן שטעדטעל געווען אַ גרויסע רעטעניש, און ניט איין פּאָר אויגען וואָלטען איהם נאָכגעקוקט און אַרויסגעבען זיין סוד. האָט זיך מענדעל געקליגט און פלעגט נעהמען יעדעס מאָל מיט זיך אַ קריגעל, באשר אין הויף איז דאָ אַ קערניצע, געהט ער, הייסט דאָס, נאָך קערניצע־וואַסער.

„אָבער הימעל און ערד האָבען געשוואָרען, אַז קיין פאַרבאָרגענע זאַך זאָל ניט זיין“. מאַכט זיך אַמאָל, אַז אַ איד, אַ קצב קומט אין הויף אַריין קויפען אַ קעלבעל. זעהט ער, ווי מענדעל געהט אַרויס פון די פּאָקאָיעס.

פון דעמאָלט אָן האָט מענדעל מעהר ניט געקענט געהן אין הויף „נאָך קערניצע־וואַסער“. זיין פידעל איז אַנטשוויגען געוואָרען. שטום האָט זי געמוזט ליעגען אויפ'ן בוידעם, פאַרוויקעלט אין שמאַטעס, פערלעגט מיט העלצער, אַלטע פלעשלאַך און שערבלאַך און וואַרטען אויף בעסערע צייטען.

נאָר זי האָט זיך ניט דערוואַרט. שטעדטעל האָט שוין אויף איהם געזוכט „חטאים“, און דער שווער האָט איהם פון אויג ניט געלאָזען. אין איין שעהנעם פריהמאָרגען האָט ער, דער שווער, אויפ'ן בוידעם די פידעל געפונען און האָט איהר אויף פיץ־פיצלאַך צעשמעטערט...

לאַנג איז מענדעל אומגעגאַנגען, ווי אַ פאַרוואונדעטער, מיט אַ גיפטיגער פייל אין האַרצען. ערשט דאַן, ווען זיין שווער איז געשטאָרבען, און ער האָט געמוזט אַראָב פון קעסט און אַ שענקעל מאַכען, און דורכ׳ן שענקעל זיין זעלבסטשטענדיגקייט באַקומען, האָט ער געוואגט אַ צווייטע פידעל זיך צו פאַרשאַפען, און אָפען, פאַר דער גאַנצער וועלט, אויף איהר מיט׳ן סמיק צו פיהרען. שטעדטעל האָט אַ צייט גערודערט, דערנאָך — איהם צו רוה געלאָזען, אָבער אויף אייביג האָט זי איהם מיט׳ן נאָמען „מענדעל דער פידלער" געסטעמפּעלט.

מענדעל האָט דערגרייכט זיינס. ער האָט זיך ווייניג געקימערט וואָס שטעדטעל זאָגט. פון דעם פּראַכטונגס־טיטעל האָט ער געמאַכט אַ הייליגען בערוף, זיין גלאַנץ און רוהם, די אויפגאַבע פון זיין לעבען. אמת, די פינגער און די באָרד האָבען איהם געשטערט זיין טאַלאַנט אין די פינגער אריינצולעגען. אַ פידלער איז ער קיין מאָל ניט געווען קיין גרויסער. דערפאַר האָט ער פאָלקאָם געשטודירט די טעאָריע פון מוזיק, געקענט שפּילען און לערנען אויף אַלע כלים, האָט זיך אַרומגעלעגט מיט די גרעסטע ווערק פון די בעסטע מוזיקער, האָט קאָרעספּאָנדירט מיט באַריהמטע פּראָפעסאָרען, וועלכע האָבען אנערקענט זיין טאַלאַנט; האָט אַפילו דעם דאַוונען, די סדרה, די הפטורה, דעם גמרא־נגון נאָך אַלע דינים פון דער מוזיק צעלעגט; האָט אַליין קאָמפּאזיציעס געשריבען, און דער עיקר — אַלעמען געלערנט אומזיסט.

פאַרפאָלגט האָט מען איהם ניט. נאָר זיין שטוב איז ביים שטעדטעל אין חרם געווען. דאָך האָט עס ניט אָבגעהאַלטען יונגע לייט איהם אין געהיים צו באַזוכען און ביי איהם „נגינה" צו לערנען. די פידעל איז געווען זיין איינציגע טרייסט אין לעבען. די „שאַפּירניקעס" און זייערע קינדער פלעגען איהם קומען בעזוכען. אין זיין שענקעל איז געווען זייער קלוב. נאָך שאַפּיראָ׳ס טויט איז ער געוואָרען דער פאַקטישער אָנפיהרער פון דער חברה.

אַזוי ווי ביקל איז ער אויך געווען אַ שטאַרקער צער־בעלי־חיים׳ניק. האָט אויך געהאַט צוויי ווייבער. נאָר אין געגענזאַץ צו ביקלען, האָט ער מיט זיין צווייטער ווייב בעסער געטראָפען, זי איז געווען אַ אידעאַלע שטיפמוטער און האָט פאַרזיסט זיינע לעצטע יאָהרען. די תלמידים האָבען איהם שטאַרק געליבט. די לעצטע פאָר יאָהר פון זיין לעבען איז ער קראַנק געווען, פלעגען זיי איהם אומפיהרען אויף אַ וועגעלע אין דרויסען פרישע לופט צו געניסען.

מענדעל פידלער האָט געהאַט ביי זיך אַ מנין, ער אַליין פלעגט דאַוונען פאַר׳ן עמוד — מיט נאָטען. „כל נדרי" אויך — מיט נאָטען. זיין „כל נדרי" פלעגט גאַנץ שטעדטעל געהן הערען. ער האָט געוואָלט דעם „כל נדרי" איבערגעבען בירושה איינעם פון זיינע תלמידים. נאָר יענער

האָט ניט געקאָנט איבערנעהמען. האָט מענדעל געהאַט פאַר׳ן טויט דערפון גרויס צער.

נאָר ניט בלויז פון דער אינטעליגענץ, צווישען די בעלי מלאכות גופא האָבען די שאַפּירניקעס געהאַט שטאַרקע אידעאַליסטען און איבערצייגטע מוטיגע קעמפער.

דער אָריגינעלסטער איז געווען דאָדיע באָנדער. דאָס איז געווען, ווי די טשאָרטקאָווער יונגע לייט שטעלען איהם פאָר, — אַ הויכער, אַ דעמ־בענער און ביינערדיגער איד; געקוקט שאַרף, כאָטש אויף איין אויג. געהאַט אַ שיטער בערדעל, תמיד אומגעגאַנגען בייז, ברוגז׳דיג. צו 70 יאָהר האָט ער נאָך געגעסען פאַר זעקסען. פלעגט אויפעסען אַ גרויסע שיסעל צובראָקטע אוגערקעס, אַ גאַנצען רעטאַך, אַ טאָפּ באָרשטש — דאָס אַלץ פאַר איין מאָל — און פאַרבייסן מיט אַ קולעשע — אַ מין קאַשע פון קוקורוזע־מעהל.

זיין אויג האָט ער פאַרלאָרען נאָך גאָר אין דער יוגענד, בשעת ער האָט געדאַרפט געהן דינען צום מיליטער. דינען האָט ער ניט געוואָלט, איז ער אַוועק צו אַ אידענע, אַ ספּעציאַליסטקע אויף „לאָזען אָדער" און אויסקלאַפּען אויגען די יעניגע, וואָס האָבען ניט געוואָלט דינען. אַזעלכע פלעגען זיך געוועהנליך אָנקלייבען ביי איהר גאַנצע קאָמפּאַניעס און די „ביזנעס" האָט געגעבען אַ גוטע מטבע.

פאַר דער „אָפּעראַציע" פלעגט די „אויגענקלאַפּערקע", כדי צו מאַכען זיך מעהר האַרץ, אויפעסען אַ סלאָיטשיק איינגעמאַכץ און פאַרטרינקען מיט אַ גוטע ביסעל משקה. דאַן פלעגט זי אויסרופען: „ווער וויל געהן פריהער?!" געטומען דעם „קלאַפּער", אָדער „שפּאַנעריל" — אַ מין האַמעריל מיט אַ שאַרפען שפּיץ — אַ זעץ אין שוואַרצאַפּעל... די אויג איז אויסגערונען און... דער בחור איז שוין געווען זיכער פון זעלנעריי...

אַט אַזוי האָט אויך דאָדיע באָנדער מיט׳ן אייגענעם ווילען בעפרייט זיך פון... איין אויג. דאָס האָט איהם אָבער ניט געשטערט אָבצולעבען, אַ גבור אַ איד, ביז אַ יאָהר אַכציג. געווען — דערצעהלען טשאָרטקאָווער יונגע לייט — אַן עהרליכער, אַ קלוגער, איבערהויפּט — אַן אמת׳ער מענש, אַ ראַדיקאַל! אַביסל געקענט אַריינקוקען אין אַ ספר און אין אַ ביבעל. ער איז געווען אַ מין ליבוואַך שאַפּיראָ׳ס. פאַר זיין בייזען בליק און איי־זערנעם כח האָט מען אין שטערטעל געציטערט. אין אַ מלחמה פאַר׳ן רבי׳ן האָט ער „געלעגט" רעכטס און לינקס, האָט אָבער אַליין אויך... אַ פּאה פאַרלאָרען און אַזוי, מיט איין פּאה, געשטאָרבען אין 1910.

טשאָרטקאָוו אַ קולטור־צענטער

פון דר. א. קון־שחטר

1

די קללה פונ׳ם גלות, אין קולטורעלער הינזיכט, איז — דאָס אָפּרייסען דעם אידישען מענשען פונ׳ם לאַנד.



דר. א. קון־שחטר

פעלקער וועלכע וואוינען, זייט זייער ערשיינען אין דער געשיכטע, אויף איין און דעם זעלבען שטיקעל ערד, אונטער דער אייגענער זון, שלאגען אין לויף פון דער צייט ווארצלען אינ׳ם לאַנד, באַלעבען די בערג און טאָלען

מיט דעם הויך פון זייער אייגענער פאָלקס־נשמה, באַוועבען די באַרגשפּיצען מיט נאַציאָנאַלע לעגענדעס, באַלעבען די וועלדער מיט געשטאַלטען פון זייער פּסיכישער וויזיע, פאַראַנקערען אין די טייכען שיפען מיט אוצרות פון זייער נאַציאָנאַלער פאַרגאַנגענהייט, באַפּעלקערען די היילען מיט סודות פון זייער מיסטיק — בקצור אַ פאָלק וועלכעס איז קערפּערליך באַהעפט צו אַן אייגען שטיקעל ערד, באַלעבט דאָסדאָזיקע ווינקעלע פון גאָט'ס וועלט מיט דעם הויך פון זיין אייגענער פאָלקס־זעעלע — און דורות קומען און אָטעמען פון דאַנען ווידער איין די נשמה פון פאַרגאַנגענע דורות; אַזוי פיהרט דער נאַציאָנאַלער עץ החיים (לעבענסבוים) אַן אייביג, זיך תמיד פאַריונגענדיג אונאונטערבראָכען אייגען גייסטעסלעבען.

דער פלוך פון וואַנדערען, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער פאָלק זינט אונזער פאַרטריבען זיין פון ארץ ישראל, האָט אונז פאַרהינדערט צו שלאָגען טיעפע וואָרצלען אין די נייע לענדער וואו מיר האָבען זיך יעדעם מאָל נידערגעלאָזען. קוים האָבען מיר ערגעץ אויפגעשלאָגען אונזער וועב־שטוהל און אָנגעהויבען אָנקניפּען פעדעם פון אונזער אייגענער נשמה אין דעם נייעם וואוינאָרט, האָט נישט לאַנג געדויערט, און מיר האָבען געמוזט אָבברעכען אונזערע געצעלטען און אַוועקוואַנדערען ערגעץ ווייטער. די פעדעם ווערען אָפּגעריסען און אונזער נשמה הענגט ווידער אין דער לופטען.

דאָך איז עס אונז אַפּאָר מאָל אין'ם לויף פון אונזער גלות געשיכטע געלונגען, זיך צו פאַרקניפּען, זיך צו באַהעפטען צו אַ שטיקעל ווינקעלע אויף גאָט'ס ערד. דאָס איז געווען, ווען דער גורל האָט אונז ערלויבט צו פאַרבלייבען אַ רעלאַטיוו לענגער שטיקעל צייט אויף איין פּלאַץ. דאַן זיינען אויסגעוואָקסען די פּאָר עצי־הדעת פון בבל, שפּאַניע, דייטשלאַנד און — דער לעצטער אָפּשניט אין אונזער געשיכטע — דער מרכז רוחני אין פּוילען, וואו מיר האָבען טיילווייז פאַרפּלאַנצט און פאַרוועבט אונזער נפש מיט דעם לאַנד און עס האָבען אויפגעבליהט נייע גייסטיגע אוצרות, באַלעבט פון'ם אַלטען קוואַל.

2

אַ באַדייטענדער קוואַל פון'ם נהר די נור אין פּוילען, לכל הפּחות אין לעצטע יאָהרען, פליסט פון די בערג אַרום טשאָרטקאָוו.

האָט עס באַדאַרפט ערשט דעם שטורם פון'ם לעצטען קריג, כדי די גרויסע וועלט זאָל ענטדעקען די נאַטור שעהנקייט פון גאַליציע, איז נאָך אָבער פאַר אונזער געשיכטס־פאָרשונג, ווי עס שיינט אַזאַ אָנשטויס נישט געקומען צו אַנטדעקען די באַדייטונג פון טשאָרטקאָוו. און דאָך איז

טשאָרטקאָוו פון די עלטערע שטעדט אין גאַליציע, און איהר חלק אין דער געשיכטע פון די אידען אין פוילען ווייזט אויס צו זיין אַ סך מעהר ווי ס׳איז באַוואוסט. האָב איך דאָך אַליין געזעהן אויף דעם אַלטען בית־עולם, גאַנץ ווייט אין דער ערשטער זייט, דאָרט וואו זעהר וועניגע קומען זעהר זעלטען און וואוהין מיר האָבען אַ גרופּע יונגע לייט אַמאָהל אין אַ תשעה באב אונ־טערגענומען אַזאַ מין עקספּעדיציע, דאַן האָבען מיר געפינען אַ מצבה פון דעם יאָהר ק״י״ד, דאָס הייסט אַ מעשה פון קרוב צו ז ע ק ס ה ו נ ד ע ר ט י אָ ה ר צ ו ר י ק. פון יונגערע, אָבער ביחס אויך אַלטע מצבות האָט דאָך דער י. ל. פּרץ פּאַראיין פון טשאָרטקאָוו צוגעשיקט דעם שאַפּירא פּאַראיין דאָ פּאָטאָגראַפיעס, דארונטער זעהר קונסטפּאַלע מצבות פון די לענגסטיגע יאָהרען, און אַ מצבה פון דעם קבר פון דריי אידען, וועלכע זיינען גע׳הרג׳עט געוואָרען אין כמעלניצקי׳ס צייטען אין שנת ת״ח.

דאַביי האָט שוין טשאָרטקאָוו אַליין אַ דאָפּעלטע געשיכטע. די היינ־טיגע פאָרשטאָט פון טשאָרטקאָוו, דאָרט וואו דעם רבינ׳ס הויף שטעהט, הייסט דאָך באַקאַנטליך „סטאַרי טשאָרטקאָוו“ — אַלט טשאָרטקאָוו, וואָס מיינט, אַז פ אַ ר אונזער טשאָרטקאָוו, איז שוין אַמאָל געווען אַן עלטערע שטאָדט טשאָרטקאָוו פון וועלכער די היינטיגע איז אַ י ו נ ג ע ר ע, אַ ט אָ כ ט ע ר. און אין דער גרויסער אַלטער שוהל אין אונזער שטאָדט איז געווען אַ טיר אין דער דרום וואַנט נאָהענט צו מערב זייט (היינט שוין לאַנג נישט באַנוצט און, דאַכט זיך, איצט אפילו פאַרמויערט, בעת דעם רעמאָנט פון תרס״א) איבער וועלכער אַלטע לייט פלעגען אונז דערציילען, אַז אַמאָל, אין די אַלטע צייטען, ווען טשאָרטקאָוו איז נאָך געשטאַנען אויף „סטאַרי טשאָרטקאָוו“, איז פון יענער זייט געווען דער אריינגאַנג. ווייל דאָרט איז געווען דער הויפּטצוגאַנג צו דער שוהל.

אינטערעסאַנט איז אַז די פריהערע דורות האָבען כמעט געפיהלט, אַז טשאָרטקאָוו וועט אַמאָל האָבען אַ באַדייטונג פאַר אונזער געשיכטע, און זיי האָבען אָנגעהויבען צו פיהרען אַ פּנקס און פאַרשרייבען אַלץ וואָס האָט פּאַסירט, און וואָס איז, נאָך זייער מיינונג, געווען וויכטיג צו האַלטען פאַר קומענדיגע דורות. אַזוי איז טשאָרטקאָוו איינע פון די פאָר געציילטע שטעדט אין גאַליציע, וואָס האָט אַן אַלטען פּנקס, אין וועלכען גאַנצע גייסטיגע אוצרות זיינען אויפגעזאַמעלט, זאַכען פון ווערט פאַר דעם אידישען פאָלקלאָר, דער לעגענדע און געשיכטע. עטליכע פון די זאַכען זיינען אויך אָפּגעשריבען געוואָרען און אין דיזען בוך געדרוקט. שוין דאָ זעהען מיר ווי טשאָרטקאָוו וויקעלט זיך אַרויס פון דער ריין לאָקאַלער באַדייטונג און פאַר־וועבט פעדים מיט די אַרומיגע שטעדטלאַך.

עס איז נישט מיין איצטיגע אויפגאַבע, און אויך נישט דאָ דער פּלאַץ,

אויספיהרליך נאָכצופאָלגען די ראָלע פון טשאָרטקאָוו אין דער אידישער געשיכטע און זאגע אויף וועלכע איך האָב דאָ נאָר געוואָלט אָנווייזען. איך וויל מיך אָבער דאָך — ווען אויך נאָר גאַנץ קורץ — אָבשטעלען אויף צוויי גאַנץ וויכטיגע מאָמענטען אינ׳ם לעצטען יאָהרהונדערט אין וועלכע טשאָרטקאָוו איז געוואָרען אַ צענטער, איינמאָל פאַר מזרח גאַליציע און דאָס צווייטע מאָל פאַר ווייט איבער דער פריהער קירה׳שער מדינה, אויסשטראַלענדיג איהר גייסטיגע ממשלה טיעף אין דאָס אַלטע רוסלאַנד אַריין קיין פוילען, וואָהלין, אוקראַינע און בעסאַראַביע און אויך איבער רומעניע, אונגאַרן און פאַרוואָרצעלט אויך אין די לענדער פון מערב.ביידע מאָל אין צוויי פאַרשידענע ממש אַנטקעגנגעזעצטע שטרעמונגען, וועלכע האָבען געשפּילט די וויכטיגסטע ראָלען אינ׳ם אידישען גייסטס־לעבען פון דער לעצטער צייט, און אין ביידע איז טשאָרטקאָוו געווען אין דער פיהרענדער ראָלע. איינמאָל אין דער השכלה באַוועגונג אַלס ערשטע, אָנהויבערין, כמעט פאַרלויפערין פאַר׳ן מזרח, און ווי ווייט השכלה אידעען האָבען געצייטיגט פּראַקטישע מעשים אין דרך החנוך, אינ׳ם ערציהען פונ׳ם יונגען דור, און דאָס צווייטע מאָהל כמעט אַלס אָבשליסערין פון אַן עפּאָכע, אַלס חתימה, אַלס לעצטער תור הזהב אינ׳ם חסידות. דאָס ערשטע מאָהל דורך הרב שאַפּירא, אויף וועמענס נאָמען דער היגער שאַפּירא פאַראיין איז מיט אַ קאַרגען יובל צוריק דאָ אין ניו יאָרק געגרינדעט געוואָרען דורך די פאַראיינצעלט אַהער פאַרוואָרפען געוואָרענע אָנהענגער זיינע; דאָס צווייטע מאָהל דורך דעם טשאָרטקאָווער רבי׳ן ר׳ דוד משה (פרידמאַן) וועלכען עס איז באַשערט געווען צו ערפילען די ראָלע פון דעם לעצטען אויפפלאַקערן פונ׳ם חסידות אין זיין שעהנסטער געשטאַלט.

3

איבער דעם „קרייזער רב“ שאַפּירא האָבען שוין אַנדערע, מעהר באַרופענע, מענשען וועלכע האָבען געהערט צו זיין ענגערען קרייז אויספיהרליך געשריבען. איך, געבוירען נאָך שאַפּירא׳ס טויט, אינ׳ם קעגענפאַרטייאישען לאַגער, און אויפגעוואַקסען אינ׳ם צענטער פון דעם חסידישען טשאָרטקאָוו, בין ערשט שפּעטער געקומען דאַצו, זיך צו באַקענען מיט דער באַדייטונג פון שאַפּירא, דורך השפּעות, וועלכע האָבען נאָכגעווירקט אין זיינע אָנהענגער און אין אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען דורך איהם געגרינדעט געוואָרען, ווי דער „יד חרוצים“ פאַראיין, אָדער אין באַוועגונגען, וועלכע זיינען קינדער פון זיין גייסטעס־ספּערע און וועלכע זיינען ערשט נאָך זיין טויט אויסגעוואָקסען אויף דעם באָדען וואָס ער האָט צוגעגרייט און פון די קערנער

וואָס ער האָט פּאָרפּלאָנצט, ווי דער „בני ציון" פּאַראַיין אין דער חבת ציון צייט און די שפּעטערדיגע ציוניסטישע באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אָבער שוין אויסגעשפּרייט איבער די ראַהמען פון דעם ענגען שאַפּירא קרייז און איז געוואָרען אַ בריק איבער די גרעניצען פון די טשאָרטקאָווער פּאַרטיי-לאַגער און דער אָנהויב פון דעם אַרונטעררייסען פון די פּאַרטיי-מויערן. איך וויל אַלזאָ דאָ נאָר אין אַ פּאָר אַלגעמיינע שטריכען באַמערקען ווי שאַפּירא האָט פּאַרגעשטעלט דעם ערשטען פּאַרזוך, די השכלה אין מזרח גאַליציע אין פּראַקטישע טאַטען צו געשטאַלטען און ווי די השפעה פון די מעשים האָט שפּעטער אויסגעשטראַלט אויף אַנדערע שטעדט אין דער סביבה און ווייטער.

איבערליפערונגען, וועלכע צו פּאַרפאָלגען אויף זייער היסטאָרישע ריכ-טיגקייט וואָלטען דאָ געפיהרט צו ווייט, ווילען האָבען, אַז ד ע ר ק ר י י-ז ע ר ר ב ש א פּ י ר א א י ז ג ע ו ו ע ן אין זיינע איינגערע יאָהרען א י מ מ א ט ר י ק ו ל י ר ט א י ן ד ע ר ל ע מ ב ע ר ג ע ר א ו נ י ו ו ע ר ז י ט ע ט, אַ זאַך וועלכע איז, מיט אַן ערך פון דרייפּערטעל הונדערט יאָהר צוריק נאַטירליך, געוועזן גאַנץ אויסערגעוועהנליך, און איז פאַר די חסידים געווען אַ מקור פון פּאַרדאַמונג און פאַר „שאַפּירניקעס" (שפּעטער ערשט, ווייל לכתחילה איז דאָס נישט געווען אַלגעמיין באַוואוסט אָדער אויך פון זיי, אַלס צו ווייטגעהענד, פּאַרלייקענט) אַלס אַ קוואַל פון באַגייסטערונג.

אַ פּאַקט אָבער איז, אַז ער האָט געשאַפען פאַר זיינע אָנהענגער אַ קינדער ערציהונג אין טשאָרטקאָוו, וואו מ'האָט געלערענט — אין יענער צייט אין מזרח גאַליציע! ! — תנ"ך מיט'ן באור און אַנדערע זאַכען לויט דעם ריינעם „בערלינער" נוסח. פאַר דעם צוועק זאָל ער אויך זיינער צייט האָבען געשטאַנען אין פּאַרבינדונג מיט דער „אַליאַנס" אין פּאַריז. אָט די ערציהונגס מעטאָדען זיינען שפּעטער ווייטער געפיהרט געוואָרען פון מענדעל ראָזענצווייג („מענדעל פידלער", ווייל ער האָט געקאָנט שפּילען אויף אַ פידעל און האָט אויך געלערענט „נאָטען" אויך געזאַנגס-און מוזיק אונטער-ריכט אין אַ אידישען חדר מיט העכער אַ האַלב יאָהרהונדערט צוריק ! !) און פון זיינע קינדער אברהם און שרלצי — איינעם פון וועלכע איך האָב שפּע-טער באַגעגענט אין ארץ ישראל אַלס אַ תושב, — און פון יעקב ראַפּאָפּאָרט, — יאַקוב. — אָט די חברים האָבען איבערגעדויערט ביז אין אונזער צייט און זיינען ערשט אבגעלעזט געוואָרען פון דעם „חדר מתוקן", וועלכער איז געגרינדעט געוואָרען אין טשאָרטקאָוו אין דער צייט פונ'ם רוסיש-יאַפּאַ-נישען קריג דורך אַנטלאָפענע לעהרער פון רוסלאַנד און איז שפּעטער פּאַרוואַנדעלט געוואָרען אין דער נייער העברעאישער שולע. אַזוי איז

געבאָרען געוואָרען די מאָדערנע אידישע ערציהונג אין טשאָרטקאָוו בפרט און אין מזרח גאַליציע בכלל אויף דעם באָדען און אַלס אַן אבשלום פון יענעם פאַרזוך וועלכען דער „קרייזער רב“ שאפּירא האָט אָנגעהויבען ארום דער צווייטער העלפט פון׳ם פאָריגען יאָהרהונדערט.

אויף עהנליכע וועגען האָט אַריינגעדרונגען קיין טשאָרטקאָוו די חבת ציון און שפּעטערע ציוניסטישע באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען אין די רייהען פון די שאפּירניקעס און אויף זייער באָדען. באָדען מיין איך דאָ אינ׳ם וועלטליכען זין. אַזוי איז פאַר יאָהרען לאַנג ארום דער ווענדע פון׳ם יאָהרהונדערט און שפּעטער געווען אַ טראַדיציע, אַז אין „יד חרוצים“ פאַראיין האָט „אַ סטודענט“ פון טשערנאָוויץ, אַ „צפירה׳נער“ אָדער „האסמאַנעער“ געהאַלטען אַ „רעדע“ מעניני דיומא יעדען תשעה באב אויף דער נאַכט צו די קינות. און איך געדענק נאָך גאַנץ גוט ווי איך פלעג זיך דאמאָלס בגנבה ארומדרעהען לעבען דעם „יד חרוצים“ שוהלעכעל מיט יוגענד־ליכער התלהבות (אריינגעהן „אהין“ האָב איך נאַטירליך, אַלס דעם שוחט׳ס בחור און אַ אינגעל וואָס האָט שוין געלערענט ביי רבנים און דאַרף באַלד אַליין באַקומען „הורמנא“, נאָר געקאָנט חלום׳ען). אַזוי האָב איך זיך געדרעהט אַרום דעם שוהלעכען ווי אַ בענקענדיגע היהן ביי די ברעגעס פון טייך נאָכקוקענדיג איהרע שווימענדיגע קאַטשקעלעך.

איבערהויפּט „רעדעס“, ביי אַנדערע, ענליכע געלעגענהייטען, פלעגען נאָך האַלטען — אויב קיין רעדנער פון דער גרויסער שטאָדט איז נישט אַראָפּגעבראַכט געוואָרען — הלל הויזנער, דער ארצי־שאפּירניק, וועלכער איז שפּעטער געשטאָרבען אין ארץ ישראל אין דער קאָלאָניע חטין, אהרן שוואַרץ, יאָהרען לאַנג פּרעזידענט פון׳ם ציון פאַראיין און שמואל ליב שאר, אַלע זיילען פון׳ם טשאָרטקאָווער ציוניזמוס. דער פלאַץ פאַר „רעדעס“, אין וועלכען כלל ס׳פלעגט אויך אַריין אַ מאָדערנע אויסטייטשונג פון אַ קאַפּיטעל תנ״ך, איז געווען: די שאפּירא קלויז, צו וועלכער איך פלעג בגנבה, באַלכסונדיג אַריבערקוקען פון׳ם שכנות׳דיגען „סטרעטענער קלייזעל“ וואו איך האָב געלערענט (איינמאָל האָב איך מיך אריינגעכאַפּט אין אַ מיטען טאָג צו דער שאפּיראָ קלויז אָנקוקען ווען קיינער איז דאָרט נישט געווען), דער אוי־בען דערמאָנטער „יד חרוצים“ און דער ציון פאַראיין (וועלכען איך האָב דאָס ערשטע מאָל באַזוכט פאַרשטעלט אין אַ מאַסקע אום פורים...)

אין יענע קרייזען זיינען אויך געווען די ערשטע „סטודענטען“ גימנאַ־זיאל שילער פון טשאָרטקאָוו, דר. ב. הויזנער איז זעלבסטפאַרשטענדליך א דירעקט גייסטיג אייניקל פון יענעם „קרייזער רב“ שאפּירא.

איבעריג צו זאָגען אַז די גאַנצע אַלטע ווי מאָדערנע השכלה באַוועגונג

אין טשאָרטקאָוו און אין דער סביבה האָט איהר מקור אין די שאפּירא קרייזען, צו וועלכע עס האָבען אויך געהערט יענקעל ביקעל, אַ איד אַ גרויסער למדן און משכיל פונ׳ם אַלטען טיפּוס, פון וועלכען מ׳האָט דערצעהלט אַז חסידים האָבען איהם אַמאָהל פּרייטיגצונאַכטס, בעת זיי זיינען אַהיים געגאַנגען פון רבי׳נס טיש, געזעהן זיצען איבער׳ן רמבם מיט אַ ציגאַר אין מויל. רערזעלביקער יענקעל ביקעל האָט שפּעטער אין דייטשלאַנד אַנטוויקעלט אַ באַדייטענדע ליטעראריש־וויסענשאַפטליכע טעטיגקייט און יהושע פרעמינגער, וועלכער זאָל האָבען געשריבען אַ באַדייטענדען וויסענשאַפטליכען קאָמענטאר אויפ׳ן זוהר, אַן ארבייט פון יאָהרען, וועלכע איז דורך די רוסען אין דער לעצטער מלחמה פאַרברענט געוואָרען מיט פיעל אַנדערע וויסענשאפטליכע שריפטען.

כדאי אפשר אויך צו דערמאָנען, אַז דער באַדייטענדער אידיש־דייטשער דיכטער קאַרל עמיל פראַנצאָז, וועלכער האָט דער ערשטער באַהאַנדעלט היינטיג אידיש לעבען אין זיינע ראָמאַנען און נאָוועלען, איז אויך אַ טשאַרטקאָווער און זיין „די אידען פון באַראַנאָוו״ (טשאָרטקאָוו) מעגען אין אַ געוויסען זין באַטראַכט ווערען אַלס פאַרלויפער פון „די אידען פון צירענדארף״ פון וואסערמאַן.

4

דער פּסוק זה לעמת זה עשה אלהים (איינס אנטקעגען דאָס אַנדערע האָט גאָט באַשאַפען) קען דינען אַלס אַ מאָטאָ פאַר אונזער גאַנצער קולטור געשיכטע. אָנהויבענדיג מיט די כהנים און נביאים, די ערשטע אַלס שטרענגע היטער פונ׳ם געשריבענעם געזעץ, די צווייטע אַלס לעבענדיגע שאַפער מיט דעם כח פון אינטואיציע, זעצט זיך דער דואַליזם פאָרט אין תורה שבכתב און תורה שבעל פה, הלכה און אגדה, נגלה און נסתר און ענדיגט אינ׳ם לעצטען יאָהרהונדערט מיט השכלה און חסידות.

איז דורך דעם קרייזער רב שאפּירא טשאָרטקאָוו געוואָרען א צענטער פון השכלה פאר מזרח גאַליציע, דאַן איז דורך דעם רבי׳ן ר׳ דוד משה פרידמאַן טשארטקאָוו געוואָרען אַ צענטער פון חסידות מיט אַ השפּעה איבער גאַנץ גאַליציע, בוקאָווינע, אונגאַרן, רוסיש פוילען, וואָהלין, אוקראינע און אויסלייפער אַזש ביז צום יודענטום פון מערב־אייראָפּא. דורך דעם באַזעצען זיך פונ׳ם רבי׳ן איז טשאָרטקאָוו געוואָרען אַ עיר תלפּיות וואוהין די אויגען און די הערצער פון הונדערטער טויזענטער אידען זיינען געווען געווענדעט אין משך פון צוויי דורות. ווי זאָגט דאָס ווערטעל „פאַר וואָס

הייסט דען די שטאָדט — טשאָרטקאָוו? ווייל דאָרט האָט געוואוינט דער טשאָרטקאָווער רבי, הייסט זי נאָך איהם.“

ווער פון אונז איז נישט געוועזען ערגריפען פון דעם בילד פון א יום טוב אין טשארטקאָוו. טויזענטער אידען פון די פאַרשידענע לענדער, פון פאַרוואָרפענע דערפלאך און נאָהענטע און ווייטע שטעדט, פאַראייניגט אין עקסטאַטישער שמחה טאַנצענדיג אין „הויף“ אין פאר׳חלומ׳טער התלהבות און דבקות; וואו נאָך האָט געקאָנט זיין אַזאַ הייליגקייט און יום טוב, סיידען אין ירושלים אין דער צייט פונ׳ם בית המקדש.

איז דאָך די גאנצע געמיטספאַרפאַסונג שוין פון דער מינוט אָן ווען אַ איד האָט באַשלאָסען: אָט פאָהרט ער צום רבי׳ן, געווען אַ פאַרוואַנדלונג. אָט געהט דערפילט ווערען אַ לאַנג געפלעגטער וואונש. געוועהנליך האָט מען אויסגעקליבען אַ יומא דפגרא, אַ יום טוב, אַ געהויבענער שבת, שבת תשובה, שבת חנוכה, שבת שירה, פרשת שקלים איז שוין אַ געוויסע דאָזע פון חגיגיות, פייערליכקייט געווען פאָרבערייט, אָנגעגרייט אַ נדן פון אפערצעפציע. אַראָפּגעוואָרפען די אַלטעגליכע דאגות פונ׳ם קאָפּ, דאָס איז געווען זיין „וואקיישאָן“, זיין „קאָנטרי“. דאן קומט דאָס „פאָהרען“. אין אַלטע צייטען איז רייזען געווען דאָס איינציגע מיטעל פון „חכמה“, רייזען האָט געבראַכט ערפאַהרונג; זעהן די וועלט, באַגעגענען נייע מענשען האָט געמאַכט קלוגער, געלערנט. פאַר מענשען צו וועלכע די נייע מיטעל פון גייסטיגער קאָמוניקאַציע, די צייטונג, דאָס מאָדערנע בוך האָט נישט דערגרייכט, איז רייזען געבליבען דער איינציגער קוואל פון וועלטליכער ערפאַהרונג, דער וועג צו אַן אויסטויש פון געדאנקען, ערוועבונגען פון נייע איינדריקע. באַדענקען מיר נאָך די אַמאָליגע רייזעמעגליכקייטען מיט די פוהרען לאַנגע טעג און אַמאָל וואָכען, למשל פאַר רוסישע אידען, וועלכע האָבען דאַצו נאָך אַמאָל אונטער לעבענסגעפאהרען גע׳גנב׳עט די גרעניץ. זיצען זיך אידען אינאיינעם אין דער „בויד“, וועלכע האָט געהאַט כמעט די ווירקונג פון אַ היינטיגער שיף־רייזע, מ׳איז אָנגעוויזען איינער אויף דעם אַנדערען, מ׳איז אָנגעגרייט צו אַ מענשליכער דערנעהענטערונג, דערציילט מען זיך אויס דאָס האַרץ, דערציילט מען אַ מעשה פון אַ צדיק, שפּינט מען ווייטער דעם פאָדעם פון טראַדיציע, איז עס פרילינג־צייט, זומער לעבען, פאַרגעהט אין נאָז ריחות פון בליהענדע פעלדער, הייבט מען אויף די אויגען און מען זעהט שעהנקייט פון גאטס וועלט, מאַכט מען אַ ברכה, קריגען נשמות אַ תיקון, זינגט דער בעל־עגלה אויף דער קעלניע אַ שטיקעל ימים־נוראים׳דיגס, אַ „ויאתיו“, אַ „היום תאמצנו“, פאַרקלינגט עס ווייט אין די פעלדער, ווערט דאָס לאנד פארהייליגט. קומט מנחה צייט, שטעלט מען זיך אין וואַלד דאַוונען, שאָקלען די בוימער צו, ווערט די וועלט אָנגעזאַפּט

מיט אידישקייט, איז מען נישט מעהר פרעמד אין גלות, טרינקט מען נאָכ׳ן דאַוונען לחיים, איז גדולה לגימא וואָס דערנעהנטערט די הערצער; באַגעגענט מען אין קרעטשמע, על פּרשת דרכים אַ נייע פוהר, ווערט היימיש־ליכער, פאָהרט מען ווייטער אינאיינעם; וואָס נעהענטער צום רבי׳נם שטאָדט, אַלץ גרעסער דער צוזאַמענגעשטראָמטער עולם פון פאַרשידענע וועגען, וואָס לענגער דער וועג, אַלץ רייבער די איינדריקע; זיינען דאָ צווישען עולם אַ פּאָר יונגע צוציקעם, דאָס ערשטע מאָהל זיי מיטגענומען צום רבי׳ן, ביז היינט נאָך ווייטער פון דער בריק פון שטעדטעל נישט אַרויסגעגאַנגען, דער ערשטער ציטער פון „פאָהרען” אין האַרצען, דאָס ערשטע מאָהל זעהן גאָט׳ס וועלט, די אויגען אויפגעריסען, דאָס האַרץ פול מיט איינדריקע וועלכע פאַרבלייבען אויפ׳ן גאַנצען לעבען, גירסא דינקותא. פאַרוואַקסט דער יונגער דור מיט׳ן אַלטען, שפּינט זיך ווייטער דער פאָדעם פון מסורה. — אָט אַזוי קומט מען קיין טשאָרטקאָוו.

געפינט מען דאָ אַלטע פריינד, אידען מיט וועלכע מ׳האָט זיך געזעהן שוין עטליכע מאָהל פריהער דאָ ביים רבי׳ן, דערצעהלט מען זיך אוים ווי „ד׳ראַייבישטער האָט געהאָלפען”, עפענען זיך נייע קוואַלען פון התעוררות, געהט מען „נעהמען” די האַנד (געבען שלום עליכם דעם רבי׳ן); זיינען די עטליכע טעג, וועלכע מ׳פאַרברענגט אין טשאָרטקאָוו, אַ שוועבען אין הימעל פון התלהבות און דבקות, כאַפּט מען אַ נייעם נגון, וועלכער פאַר־טייטשט אַזוי האַרציג, וואָס די נשמה דריקט, האָט מען וואָס מיטצונעהמען אהיים פאַר דער גאַנצער צייט פון פאַר׳חשב׳טען לעבען, ביז מ׳וועט קומען נאָך אַמאָל קיין טשאָרטקאָוו, הערט מען פריש אַ „גוטוואָרט”, אַ „תורה”. אַ מעשה, שעפּט מען נייע האָפנונג, ווערט מען געשטאַרקט, און — ד׳ראַיי־בישטער וועט דאָך העלפען, ער האָט דאָך אַזאַ שעהן פאָלק ישראל, און ציון בענקט, קודשא בריך הוא אַליין בענקט דאָך אויך, און דער גואל ליגט אין קייטען אין רוים, זינגט דער חזן ביים רבינ׳ם טיש „פּרוק ית ענך מפּום אריותא ואפיק ית עמך מגו גלותא” (ראַטעווע דיינע שאָף פון מויל פונ׳ם לייב און לייז אוים דיין פאָלק פונ׳ם גלות) און מ׳האָט געכאַפּט אַ וואָרט פונ׳ם רבי׳ן זאָל לעבען, אַ רמז, די גאולה איז נישט ווייט, כאַפּט מען אַ טענצעל „ישמחו במלכותך”.

איז דער רבי אריינגעגאַנגען צו זיך אין „סאַל”, ווילט זיך נאָך נישט געהן שלאָפען, זיצט מען ערשט אַביסעל „אינאיינעם”, זיינען דאָ אַלטע חסידים, חסידים פון פריהעריגע צדיקים, פון אַנדערע „הויפען”, פון פאַר־שידענע „דינאַסטיעס”, דערצעהלען זיי מעשיות, זאָגען זיי נאָך תורות, פאַרשמעלצען זיך פאַרשידענע ריכטונגען פון חסידות צו אַ נייער סינטעזע, פאַרקניפּען זיך פעדים צו אַ פולמוסטעריגען, רייכפאַרביגען נייעם טעפּיך,

פאַרוואַקסען דאָס אַ ל ט ע מיט דעם אַ י צ ט, שפּרודעלט דער איי־ביגער קוואַל; כאַפּט מען דערנאָכדעם אַ דרימעל, פאַרוועבען זיך געהערטע ווערטער מיט געזעהענע בילדער אויפ׳ן וועג, באַלעבען זיך פעלדער און וועלדער מיט סודות פון קבלה, פאַרשמעלצט דאָס פליוסקען פונ׳ם טייכעל מיט די מעלאָדיען פונ׳ם נגונדל, און אַ שטיק ארץ ישראל פאַרשפּרייט זיך איבער׳ן „גלות פּוילען".

טשאַרטקאָוו איז אַ מקדש מעט, אַ שטיק מלכות שמים.

***

און אויך אַ שטיק מלכות אין אַ געוויסען פּאָליטישען זין.

מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיע; אָבער אויך מלכותא דרקיע כעין מלכותא דארעא. גייסטיגע הערשאַפט ציהט נאָך זיך אויך אַ געוויסע מאָס פּאָליטישע הערשאַפט, און טשאַרטקאָוו האָט געהערשט.

די וועגען וואָס פיהרען קיין טשארטקאָוו, זיינען געוועזן נישט נאָר צנורות השפע פאַר גייסטיגע אוצרות, בלוט־אָדערן פון אידישער קולטור, זיי זיינען אויך געווען פאַרבינדונגס וועגען פאַר אַ געוויסער פּאָליטישער מאַכט. אַ שטעטל מיט אַ גרויסער צאָהל טשארטקאָווער חסידים, האָט גע־שטרעבט צו האָבען פאַר אַ רב, אַ שוחט, אַ חזן און אַנדערע כלי קודש אַ חסיד פון זייער רבי׳ן. זיינען דאָך אָט די מענשען געווען געוויסערמאַסען שטעלפאַרטרעטער פונ׳ם רבי׳ן אין דער אָרטיגער קהלה; און אַלס מענשען פון גייסטיגער פּראָפּעסיע און מיט מעהר צייט און אטיטיוד פאַר קולטו־רעלער טעטיגקייט האָבען זיי געקאָנט מעהר קולטיווירען אָט יענע מדות און דרכים אין אידישקייט, וועלכע זיינען געווען נעהענטער דעם געדאַנקען גאַנג און דער געפיהלסוועלט פון אייגענע חסידים; ממילא איז געווען דער קאַמף פאַר אייגענע כלי קודש אַ מלחמה פאַר קולטורעלע איבערהערשאַפט, וועלכע איז אָבער געווען פאַרקוויקט אויך מיט עקאָנאָמישע יסודות. אי אַן אייגענער מענש האָט געהאַט פּרנסה, אי דער רבי האָט געהאַט אַ ממלא מקום, אַ שטענדיגען פאַרטרעטער, אַן איינקאַסירער פון מעמדות (אַ ביי־שטייערונג פאַר די פינאַנציעלע הצטרכות פון רבי׳נס „הויף") און אַ וואָרט־פיהרער פון זיין גאַטעסריכטונג אין שטעדטעל. איז דאָך אַ שבת, אַ יום טוב, אַ יאָהרצייט און גלאַט אַזוי אַ יומא דפּגרא. דער עולם חסידים, די וואָס האָבען נישט געקאָנט פאָהרען איצט צום רבי׳ן, זיינען זיך צונויפגעקומען ביי די כלי קודש, געזעסען „אינאיינעם", דערצעהלט אַ מעשה פונ׳ם רבי׳ן, געזונגען אַן אייגענעם ניגון און אַזוי האָט מען זיך פון דער ווייטען מתדבק

געווען צום מקור השפע. אַזוי איז טשאָרטקאָוו געווען אויך אַ ע י ר ה ב י ר ה אַ הויפּטשטאָדט, וועלכע האָט אויסגעאיבט אַ געוויסע מאַכט אינ'ם אינערפּאָליטישען לעבען אויף אַ גרויסען טייל פון קהלות און זאָגאר ווייט אויסער פּוילען.

5

